STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03143

# KH'FARBREN PARIZ

Bruno IAsenskii

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# בּרוֹנאָ יאַשיעַנסקי / כ׳פאַרבּרעַן פּאַריז

## II באַנד

יאַשיענסקי

# כ׳פאַרברען פאַריז

מיט דער דערלויבניש פון מחבר

איבערגעזעצט:

ש. ל. שניידערמאַן

II באַנד

פאַרלאַג „נייע קולטור״ וואַרשע

1929

איבערדרוקן אָן דער דערלויבניש פֿון
פֿאַרלאַג „נייע קולטור" — פֿאַרבאָטן.

Copyright by Coop. „N o w a
K u l t u r a" — Warsaw, 1929.

P r i n t e d i n P o l a n d

Bruno Jasieński / PALĘ PARYŻ
Z upoważnienia autora przełożył :
Sz. L. Sznajderman

Wydawnictwo „NOWA KULTURA"
: Warszawa, Nowolipki 36. : :

: Druk. „REKORD" Dzika 18 : :

* *

פינקטלעך צען אינדערפרי איז אַ ווייכער פּיאַט פֿאַר זעקס פערזאָן, נאָכן באַווייזן די געהעריקע פּאַסיר־שיינען, אַרײַבערגעפּאָרן די בריק יענע און פאַרקירעוועט אין דער זייט פון בורבאָן־פּאַלאַץ.

דער דיזשורירנדיקער באַאַמטער האָט דורך די קילע, שוין גוט באַקאַנטע קאָלוואַרן דורכגעפירט די רוסישע דעלעגאַציע אינעם קליינעם זיצונגס-זאַל, ווו בײַ אַ טיש, וואָס איז פאַרלייגט געוועזן מיט פּאַפּירן, האָבן געוואַרט זעקס שוואַרץ־געקליידעטע, עלטערע הערן. מ'איז גלייך צוגעטרעטן אַרומצורעדן די באַזונדערע פּונקטן. די פראַנצויזן האָבן אַרויסגערוקט צוגאָב־פאָדערונגען, זיי האָבן נישט מסכים געווען אויפן פּראָיעקט פון פּראָגרעסיווע ראַטעס, נאָר געפאָדערט, אַז דער ענין זאָל באַלד און אין מזומן ווערן דערליידיקט. די זיצונג האָט זיך געצויגן אין דער אומענדלעכקייט.

דער ראַטמייסטער סאָלאָמין, וואָס האָט נישט גענומען קיין אַקטיוון אָנטייל אין די באַראַטונגען און מאַיעסטעטיש געשוויגן, האָט דיסקרעט געגענעצט אין דער האַנט אַרײַן און מיט אַ מידן בליק געבלאָנדזשעט איבערן סופיט.

אין מאָמענט, ווען ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די אונטערהאַנדלונגען ווערן שוין פאַרענדיקט, האָט אַ גרויער הער מיט אַ שמאָלער, לענגלעכער נאָז אַרויסגענומען פון קעשענע אַ זייגערל און דערקלערט אַ פרישטיק־איבעררייס.

דער פּאָרזיצנדער פון דער רוסישער דעלעגאַציע, אַ דע־

נערוויטשער צוליב דעם נייעם אָפּשלעפּן, האָט געפּרוווט אָפּאָנירן, דערקלערנדיק, אַז דאָס פאַרענדיקן די אונטערהאַנדלונגען דאַרף בסך־הכּל דויערן העכסטנס אַ האַלבע שעה, אַז ס'וואָלט געווונטשן געווען דעמדאָזיקן ענין מער נישט אָפּצולייגן און אַז נאָכן דערליידיקן אים וועלן אַלע פריי קאָנען גיין פרישטיקן. די הערן מיט די בורבאָנישע נעז האָבן זיך געמאַכט נישט הערן זיינע ווערטער, און פונקט ווי אויף אַ קאָמענדע, זענען זיי אויפגעשטאַנען פון טיש, דערביי האָט דער גרויער הער מיט אַ רויקער שטים דערקלערט, אַז די פאָרטזעצינג פון די ווייטערדיקע באַראַטונגען וועט זיך אָנהייבן אַזייגער צוויי. דער רוסישער דעלעגאַציע איז נישט מער פאַרבליבן, ווי צו פאַרבייסן די ליפּן, אַוועקצורוקן די שטולן און אַוועקגיין אויף אַ שפּאַציר, כּדי איבערצוּוואַרטן ביז ס'וועלן זיך אויפסניי אָנהויבן די אונטערהאַנדלונגען.

זוכנדיק אַ בית־הכּסא, האָט דער ראָטמייסטער סאָלאָמין פאַרבלאָנדזשעט צווישן די אומענדלעכע קאָלוירן, לאַנג זיך אַרומגעשלעפּט, און געזוכט דעם פאַרלוירענעם זאַל. ווען ער האָט ענדלעך אָנגעטראָפן די שטיגן און איז אַרויס אויף דער גאַס, זענען די קאָלעגן שוין נישט געווען פאַרן פּאַלאַץ; נישט קאָנענדיק זיך דערוואַרטן, זענען זיי, וואַרשיינלעך, אַוועק אָן שטאָט אָן אים.

דער ראָטמייסטער סאָלאָמין האָט מיט אַ פאַמפּלעכן שפּאַציר־טריט זיך אַוועקגעלאָזט אין די שטילע גלאַנציקע אַספאַלטגאַסן. ער האָט דעם קוואַרטאַל גוט געקאָנט. ער האָט דאָ, ערשט נישט לאַנג, געפירט אין טעאַטער אַרייַן עלטערע, רייכע הערן מיט דעם אייביקן בענדל פון ערן-לעגיאָן אין שלייף-לעצל. די ערגסטע פּאַסאַזשירן! שטענדיק קאָמבינירן זיי: אַזאַ פאַרשוין שיט דיר אָן אַ פולע האַנט מיט קליינגעלט, רעכן אַפילו ביז מאָרגן, וועסטו נישט איבערציילן — פינף סו טרינק-געלט.

דער ראָטמייסטער סאָלאָמין האָט פון זיין געצווונגענער פּראָפעסיע אַרויסגעטראָגן אַן אומבאַזיגבאַרע פאַראַכטונג צו די פּראָנצויזן, ווי צו דער פאַרקערפערונג פון אַלע אייגנשאַפטן,

וואָס זענען געווען אין אַ דיאַמעטראַלן היפּוך צו דער „ברייטער רוסישער נשמה".

לויט דער פּיליאָריקער געוווינהייט, האָט דער איצטיקער ראָטמייסטער, פאַרבייטנדיק זיין שאָפּער־אוניפאָרם אויף קאַוואַלערישע רייטהויזן, נישט אויפגעהערט צו מעסטן דעם ווערט פון מענטשן, ווי נאָר לויט דער גרויס פונם טרינק־געלט, וואָס זיי האָבן געגעבן. דאָס איז לחלוטין נישט געווען פון זיין זייט קיין באַווייז פון סאָלידאַריטעט מיט דעם קלאַס פון פּאַריאַסן, ווענמענס רייצן ער האָט אָט וואָס פאַרלאָזט. נאָר איינער פון די געוווינהייטן, וואָס קנייטשן זיך איין אין מוח מיט אַ פאַלד. דורך וועלכע די געדאַנקען שווימען אַראָפּ אויטאָמאַטיש, ווי טרערן איבער אַ פּנים, וואָס איז צעאַקערט מיט קנייטשן.

צום ערשטן מאָל איז ער אויף די טראָטואַרן פון דעם קוואַרטאַל געגאַנגען אַלס פרייער גלייכבאַרעכטיקטער דורכגייער און פון דער הייך פון זיינע גאָלדענע שליפעס האָט ער אַראָפּגעקוקט אויף די מענטשן, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען נעבן אים. מ'וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז צוזאַמען מיטן אָפיצירישן מונדיר האָט ער אָנגעטון אויף די אויגן אַ פּאָר אַנדערע ברילן, און די שטאָט, וועלכע ער האָט שטענדיק פיינט געהאַט, בעת ער איז געזעסן ביים פיר־ראָד, האָט זיך אים איצט, פונם טראָטואַר, דורך אָט די ברילן אויסגעוויזן אַזוי פריינטלעך, רייצנדיק און אייגנאַרטיק באַחנט.

ער האָט זיך אַ פאַרטראַכטער פאַרהאַלטן פאַר דער גלעזערנער וויטרינע פון אַ גרויסן רעסטאָראַן, וואָס האָט זיך טיף געצויגן מיט אַ טונעל פון שפּיגלען און מיט אַ שאָטנדיקע, עקזאָטישע און אויסטערלישע אָראַנזשעריע, ווו איבער דעם שניי פון צעוואָרפענע טישטוכער האָבן זיך געוויגט שלאַנקע פעכערס פון פּאַלמעס.

פריער האָט ער אויסגעמיטן די לאָקאַלן, טיילמאָל נאָר, בעת ס'איז אים אויסגעקומען אָפּצושטעלן פאַר זייער גלעזערנעם טונעל די אויסגעפּראַקטע געסט, האָט ער בגנבה אַריינגעוואָרפן אינעווייניק אַ בייזן, קנאהדיקן בליק. דאָס איז געווען

'ענע פאַרמאַכטע, אויף אייביק נישט צוטריטלעכע וועלט, אַ שטאָט אין אַ שטאָט, וואָס איז אָפּגעטיילט געווען פון אַלעם בלויז מיט אַ דיקער גלעזערנער וואַנט, אַ זעבאַרע אָבער נישט דורכדרינגלעכע. אַריינבאַקומען זיך דאָרט אַהין האָט מען געקאָנט נאָר דאַן, ווען מ'האָט זיך אָנגעטון אַ פּראַק, פּונקט אַזוי, ווי כּדי אַראָפּצולאָזן זיך אין דער ימיקער טיף, האָט מען געמוזט אָנטון די מלבושים פון אַ טויכער.

דעם אומבאַוועגלעכן ראָטמייסטער סאָלאָמין איז פּלוצלינג איינגעפאַלן אַ גלענצנדער געדאַנק. באמת, ווער ווער וועט דאָס אים איצט אייגנטלעך נישט לאָזן אַריינגיין אינעווייניק, ווען ס'וועט זיך אים נאָר פאַרגלוסטן, ווער וועט אים שטערן אַוועקצוזעצן זיך אין שאָטן פון דער עקזאָטישער פּאַלמע, נעבן די שוואַרצע דזשענטעלמענס אין די פּאָלירטע מלבושים, וואָס וואַקסן אויס, ווי טרעסירטע פּאָקעס איבער די אייז-קריעס פון די טישטיכער; ווער וועט אים שטערן עפּעס זיך באַשטעלן און צווינגען ס'זאָל אַרום זיין פּערזאָן זיך פּאָרען דער אויסגעפּראַקעוועטער קעלנער מיט דעם חניפהדיקן שמייכל, וואָס איז אים שטענדיק צוגעוואַקסן צום פּנים?

דער איינפאַל איז געקומען אַזוי פּלוצלינג, אַז דער ראָטמייסטער סאָלאָמין האָט מיט מי קוים באַוויזן אָפּצושפּילן פאַר זיך אַליין אַ קליינע, אינערלעכע קאָמעדיע פון גלייכגילטיקייט.

גלייך ווי ס'וואָלט אין דער רגע אויף אים געקוקט די גאַנצע שטאָט (די גאַס איז געווען לגמרי ליידיק), האָט דער ראָטמייסטער אַרויסגענומען אַ דיק גאָלדן זייגערל, ווי ער וואָלט ערשט איצט באַמערקט, אַז ס'איז טאַקע צייט עפּעס צו עסן. מיט אַ נישט באַשטימטן, אָבער אויסדרוקפולן זשעסט, האָט ער עמעצן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אויב ס'האָט זיך שוין יאָ אין דער נאָענט געפונען אַ רעסטאָראַן, וועט נישט שאַטן דאָ אָפּצועסן פרישטיק, און מיט אַ גלייכגילטיקער, פאַרלאַנגווייליקטער מינע פון אַ סאַלאָן-מענטש האָט ער אַ שטופּ געטון די מאַסיווע שפּיגלדיקע טיר.

ס'האָט איִם אַרומגענומען די קילקייט פון די אָנגע־

קראָכמאַליעטע טישטוכער, די לופט, וואָס איז באַשפּריצט געווען דורך אַ פּולוועריזאַטאָר — אַ פּאַנטאַגע, דער איבלדיקער אינטערנאַציאָנאַלער ריח פון קאָמפּאָרט. איבער די קליינע מזבחלעך פון טישלעך האָבן מענטשן, איינגעבויגענע אין פרומער התבודדות, פאַרדייעט די הייליקע פּלאַסטערלעך פון די קאַלבס־און שעפּס־קאָטלעטן אונטער דעם תּפילהדיקן טעלער־געקלאַנג פון די פּיקאָלאָ־מיניסטראַנטן.

מיט אַ צעשטרייטער מינע פון אַ שטענדיקן באַזוכער, וואָס האָט נישט איבעריק גערן צו זיצן אויף אַלעמענס אויגן און האָט ליבער אייגענע, דיסקרעטע ווינקעלעך, האָט דער ראָטמייסטער סאָלאָמין אויסגעזוכט זיך אַ קליינטשיק טישל אין ראָג, הינטער דער זייל, פונוואַנען מ׳האָט ווי פון אַ לאָזשע געזען דעם גאַנצן זאַל און, ווען ער האָט זיך באַקוועם אוועקגעזעצט, האָט ער אָנגעהויבן צו שטודירן דעם מעניו.

דאָס באַווייזן זיך פונם גאַסט אין דעם עקזאָטישן אוניפאָרם איז נישט אַדורך אומבאַמערקט, און דער ראָטמייסטער סאָלאָמין, וואָס האָט זיך געפילט אַלס מיטל־פּונקט פון די בליקן, האָט וווילגעפעלעריש, מיט דער קאַלטקייט לויט וועלכער ס׳איז לייכט אונטערצושיידן אַ פריטץ פון אַן אמתן שטאַםגאַסט, צוגערופן מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט דעם קעלנער און אָנגעהויבן באַשטעלן אַ לאַנג און קאָמפּליצירט פרישטיק. מיט דער מינע פון אַ מבין האָט ער זיך פּאַמעלעך אויסגעפרעגט וועגן פאַרשידענע מינים וויין. נאָך דעם ווי ער האָט ענדלעך אויסגעקליבן אַ ריי מאכלים, וואָס האָבן זיך גערופן מיט די אַממיינסטן אויסטערלישסטע נעמען, האָט ער אין אַ פוילער, מאָלערישער פּאָזע זיך צעלייגט אויף דער קאַנאַפּע און מיט אַן אַפּאַטישן בליק געבלאָנדזשעט איבערן זאַל.

דער זאַל איז אין דער צייט געווען כמעט ווי ליידיק און די ווינציקע געסט, צעוואָרפענע דאָ און דאָרט ביי צעטלעכע טישלעך, האָבן זיך שוין לגמרי אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיט דעם עקזאָטישן גאַסט, זייענדיק פאַרנומען אויטשליסלעך מיטן עסן און מיטן שמועס צווישן זיך.

ביי דעם שכנותדיקן טיש, פֿאַרשטעלט דורך דער זייל, האָבן דריי אויסראַזירטע הערן געטרונקען שוואַרצע קאַווע און האַלב אויפֿן קול געפֿירט אַ לעבהאַפֿט געשפּרעך. דער ראַטמייסטער סאָלאָמין, וואָס איז פֿון זיי אָפּגעטיילט געווען בלויז מיטן פּיליאַר, האָט געקאָנט זיי אומבאַמערקט אָבסערווירן אַלס צופֿעליקער עדות פֿון זייער געשפּרעך.

דאָס וואָרט האָט געפֿירט דער הער אין די פּענסנע:

— איר מוזט, מיינע הערן, מסכּים זיין — האָט ער געזאָגט מיט אַ טאָן פֿון טרויער און פֿאַרביטערונג — אַז די פֿאָרפֿאַלן, וועלכע מיר לעבן איבער, מוזן דערשלאָגנדיקווירקן אויף יעדן ערנסטן דעמאָקראַט. אין דעם מוראדיקן און אומגעריכטן באַלאַנס פֿון די כּוחות, וואָס איז דורכגעפֿירט געוואָרן פֿאַר אונדזערע אויגן, האָט זיך די פֿראַנצויזישע דעמאָקראַטיע אַרויסגעוויזן אַלס „קוואַנטיטע נעגליזשאַבל”. מיר זענען עדות פֿון אַ פֿאַקט, וואָס איז ביז ערשט נישט לאַנג געווען אומגלויבלעך און זינלאָז, ווי למשל דאָס ווידער־אויפֿלעבן פֿון דער מאָנאַרכיע און, דאָס ערגסטע, מיר מוזן מודה זיין, אַז דאָס איז פֿאָרגעקומען אָפּילו אָן איין שאָס, אָן שום ווידערשטאַנד מצד די ברייטסטע שיכטן פֿון אונדזער בורזשואַזיע. איר וועט מסכּים זיין, מיינע הערן, אַז דאָס איז אַ דערנידערנדיקע דערשיינונג.

— איך בין נישט מסכּים מיט אייער פּעסימיזם — האָט געענטפֿערט אַן ערנסטער הער, וועמענס עלטער ס'האָט נישט דערלויבט פֿעסטצושטעלן זיין אידעאַלער פּליך. — די צייטן פֿון אַלגעמיינער דעגענעראַציע, וועלכע מיר לעבן איבער, ברענגען אונדז צום איבערטרייבן און צום פֿאַראַלגעמיינערן אָפּגעזונדערטע און ספּאָראַדישע געשעענישן. מיר פֿאַרגעסן, אַז אַ הויץ פּאַריז, וואָס לעבט איבער אַ צייט פֿון אַ געפֿערלעכער היץ מיט אַלע דמיונות און אויסטערלישקייטן, איז נאָך פֿאַראַן דאָס גאַנצע אייגנטלעכע פֿראַנקרייך, דאָס אמת דעמאָקראַטישע און בורזשואַזע. ס'וועט גענוג זיין, אַז ס'זאָל זיך ענדיקן אין פּאַריז די מגפֿה, און צוזאַמען מיט איר זאָלן אויך, ווי חלומות פֿון היץ, פֿאַרשווינדן די בורבאָנישע מאָנאַרכיע און די ראַטנ־

רעפּובליק. די ערשטע אָפּטיילונג פֿונם רעפּובליקאַנישן רעגירונגס־מיליטער, וואָס וועט אַריין אין פּאַריז, וועט אומקערן די אַמאָליקע אָרדנונג אויפֿן גאַנצן שטח.

— איר וועט מיר מוחל זיין, — האָט אַ צעהיצטער אָפּאָנירט דער הער אין די פּענסנע — מיט דעם וועג פֿון אייערע אויספֿירן וואָלטן מיר זיך דאָך אָבער אַרייַנגעלאָזט אין די געדיכטענישן פֿון דער ריינסטער מעטאַפֿיזיק. אורטיילנדיק לויט די ביז איצטיקע סטאַטיסטישע ציפֿערן, וואָלט געוועזן אַן אומזין צו טראַכטן, אַז עמעץ פֿון די הייַנטיקע פּאַריזער איינוווינער וועט זיך דערוואַרטן ביז דעם מאָמענט, וועגן וועלכן איר האָט דאָ גערעדט. אַלץ איז גיכער אַ באַווייז דערויף, אַז די ווירקלעכקייט, אין וועלכער מיר לעבן, איז און וועט אויך בלייבן די איינציקע ווירקלעכקייט אונזערע. פֿאַר אונז, פּאַריזער, די בירגער פֿון דער פֿאַרדזשומעטער שטאָט, האָבן די גרענעצן פֿון פֿראַנקרייך זיך איינגעשרומפּן ביז צו די פּאַריזער ראָגאַטקעס. רעדן וועגן דער עקזיסטענץ פֿון עפּעס אַ פֿראַנקרייך, עפּעס אַן אייראָפּע, אָדער עפּעס אַ וועלט מחוץ די גרענעצן פֿון דער שטאָט, פֿון וועלכער מ'קאָן נאָר אַרויס נאָכן טויט, איז פּונקט דאָס זעלבע, ווי רעדן איצט וועגן דער ממשותדיקייט פֿון תּחית־המתים.

איר וועט זאָגן, אַז פֿראַנקרייך און אייראָפּע עקזיסטירן באמת, הגם מיר קאָנען דאָס נישט אין איצטיקן מאָמענט פֿעסטשטעלן מיט אונזערע פֿינף חושים. מיר האָבן דאָך זיי ערשט נישט לאַנג געזען מיט אונזערע אייגענע אויגן, מיר באַקומען דאָך פֿון דאָרטן ראַדיאָ־דעפּעשן? צו רעדן אָבער נישט אויך די מיסטיקער וועגן די מקורים פֿונם אור־לעבן, וועלכע מיר קאָנען דערגרייכן דורכן פּשוטן דערמאָנען זיך, צי באַקומען דען נישט די ספּיריטיסטן קיין דעפּעשן פֿון דער וועלט פֿון רוחות? און דאָך וועט איר מסכּים זיין מיט מיר, אַז דער עולם הבא הערט נישט אויף צו זיין קיין פֿראַגע פֿון גלויבן, און אַז אַ סאָציאָלאָג, וואָס וואָלט אויפֿן פֿאַקט פֿון זיין מעגלעכער עקזיסטענץ געוואָלט בויען זיינע סאָציאָלאָגישע קאָנצעפּציעס, וואָלטן מיר אין בעסטן פֿאַל געהאַלטן פֿאַר אַ מיסטיקער, און אַז אַ מלוכה־מאַן

וואָס וואָלט די פּאָליטיק פון זיין פּאָלק געבויט אויף די האָפ־נונגען פון עולם־הבא, וואָלטן מיר פּשוט פאַרמאַכט אין אַ משוגעים־הויז. אייער רעפּובליקאַניש מיליטער, וואָס דאַרף קומען און צוריקשטעלן אין פּאַריז די אַמאָליקע אָרדנונג, איז דען מער ווי אַן אָפּוואַרטן הילף פון יענער וועלט?

איך חזר איבער, פאַר אונז איז די וועלט, אייראָפּע, פראַנקרייך, איינגעשרומפּן, ווי אַ שטיקל געמיינער, צעווייקטער שטאָף, ביז די ראָגאַטקעס, עווענטועל ביז צו די פאָרשטעט פון פּאַריז. די פּראָבלעמען פון אונזער געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן זענען פאַרבליבן די זעלבע, ס׳האָט זיך נאָר געביטן זייער אויסמעסטונג; מיר מוזן פון איצט אָן זיי לעזן אין אַן אַנדערן, פאַרקלענערטן פאַרנעם. און לויט דעם קאָנען מיר נישט לייקענען, אַז מיר זענען עדות פון אַ פאָרמעלן פונאַנדערטיילן פון פראַנקרייך. אַז בנוגע צו דער פונאַנדערטיילונג האָט די פראַנצויזישע דעמאָקראַטיע און איר מאָראַלישע באַדייטונג זיך אַרויסגעוויזן אַלס זעראָ. ביז איצט האָט זי זיך געהאַלטן ביים רודער נאָר אַ דאַנק דעם כּוח פון אינערציע, ווייל זי האָט שוין פון לאַנג צעטרענצלט איר מאָראַלישן קאַפּיטאַל; ווען ס׳איז אָבער איר אויסגעקומען, אין מאָמענט פון ליקווידאַציע צווישן דעם קאָמוניזם און דעם מאָנאַרכיזם פון גאָטס גנאָד, צוצוטרעטן צו דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער אייגענער, פאַרקלענערטער באַלעבאַטישקייט — האָט זי אָן שום קלער און אָן קאַמף וואָלוועלער נאָך פונם קאָסטן־פּרייז אָוועקגעגעבן דאָס אָרט, וואָס זי האָט פאַרנומען זינט די צייטן פון דער גרויסער רעוואָלוציע, אין די הענט פון דער שוואַרצסטער, געקרוינטער רעאַקציע, אַבי צו דערהאַלטן די אומבאַרירלעכקייט פון איר רענטע.

דער פליכטוואַטער הער האָט זיך אַ צעשראָקענער אַרומגעקוקט, צי ס׳הערט נישט עמעץ און האָט התראהדיק אויפגעהויבן דעם פינגער צום מויל. ס׳איז נישט קלאָר געווען, צו ער האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, ווייל ס׳האָט זיך גלייך צוגעאיילט דער ביז איצט שווייגנדיקער הער מיטן שיינעם קאָפּ,

וואָס איז אין דער מיט, פונקט ווי אַ גיס, דורכגעקעמט געווען מיט אַ שניט פון אַ גלייכן שריפט.

— איר זענט בלי ספק אין אַ סך פאַלן גערעכט — האָט ער די ווערטער אַרויסגעזאָגט מיט חשיבות און מיט דער גע־מאָסטנקייט פון אַ געבוירענעם פּאַרלאַמענטאַריער — כ׳בין אָבער נישט מסכים מיט אייער פּעסימיזם. אַוודאי איז מעגלעך, אַז די פּאַריזער באַפעלקערונג וועט פולשטענדיק אויסשטאַרבן, איידער ס׳וועט געלינגען אומשעדלעך צו מאַכן די עפּידעמיע, אויב זי וועט שטאַרבן אין זעלבן טעמפּ, ווי ביז איצט. דאָס איז אָבער דאָך נישט מער ווי אַ השערה, וואָס איז פונקט אַזוי מעגלעך ווי די קעגנזעצלעכע השערה. מיר דאַרפן זי נעמען אין אַכט, אָבער מיר טאָרן נישט מאַכן פון איר קיין אַקסיאָמע. צענטלי־קער און הונדערטער געלערטע אַרבעטן אויף יענער זייט קאָר־דאָן איבער אַ מיטל צו באַקעמפן די מגפה; קיינער קאָן אָבער נישט ערב זיין, אַז דאָס וועט זיי נישט געלינגען — נישט היינט, איז מאָרגן.

אַלנפאַלס איז אוממעגלעך צו פאַרלייקענען, אַז די גע־שעענישן, וועלכע מיר לעבן איבער, זענען דורכויס סימפּטאָ־מאַטיש און באַלערנד. ביים פּרוּוו פון נייעם איבערנעמען די פּאַרקלענערטע באַלעבאַטישקייט — איר וועט דערלויבן צו באַ־נוצן אייער אויסדרוק — האָט אונזער דעמאָקראַטיע באמת, מיר מוזן דאָס מודה זיין, נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. מיר דאַרפן אָבער דערפון נישט ציען קיין צו ווייט גייענדיקע קאָנ־סעקווענצן. ס׳איז פאַר אַלעמען קלאָר, אַז די הערשנדיקע קלאַסן שפּילן זיך אויס אין דער מאָס, ווי זיי עסן אויף זייער רעוואָ־לוציאָנערן קאַפּיטאַל, וואָס האָט זיי געבראַכט צו דער מאַכט, די פראַנצויזישע בורזשואַזיע איז נישט און קאָן נישט זיין קיין אויסנאַם פון דעם כלל. ס׳וואָלט אָבער דאָך געווען פריצייטיק צו באַהויפּטן, אַז די פראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט שוין אָפּ־געשפּילט איר היסטאָרישע ראָל, און אַז זי מוז אַראָפּגיין פון דער אַרענע. היינט, בעת די וויסנשאַפט איז שוין נאָענט פונעם סוד פון פאַריונגערן מענטשן, פאַרוואָס־זשע זאָלן מיר נישט אַ

טראַכט-טון וועגן פאַריוּנגערן גאַנצע קלאַסן? די פּראָצעדור פון דעם פאַריונגערן וועט, נאָטאַ בענע, זיין פיל לייכטער. ס'וועט גענוג זיין, אַז דער הערשנדיקער קלאַס זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיינע פּריווילעגיעס און אויף אַ געוויסער צייט ווער הערשטער קלאַס. קיין שום זאַך פאַריונגערט נישט אַזוי, ווי אָפּאָזיציע. דאָס איז אַ גוט באַקאַנטער פאַקט אין דער פּאַרלאַמענטאַרישער פּראַקטיק.

די פראַנצויזישע בורזשואַזיע, וואָס האָט שוין פון לאַנג צענטרעצלט איר מאָראַלישן קאַפּיטאַל, וואָס איז אָנגעזאַמלט געוואָרן דורך דער גרויסער רעוואָלוציע און אָנגעווירן דעם נאַנצן קרעדיט ביי די מאַסן, מוז זיך איצט מאַכן די אָפּאָזיציע, גיכער ווי יעדער אַנדערער קלאַס פון עפּעס אַן אַנדער פאָלק. צוליב דעם, אַז זי זאָל אויף ווייטער איינהאַלטן איר הערשנדיקע פּאָזיציע, האָט זי פון לאַנג שוין באַדאַרפט אינסצעניזירן כאָטש עפּעס אַ מלוכה-אַטענטאַט, עפּעס אַ באַנייונג פון אַ מאָנאַרכיע, וואָס וואָלט אין אַ צייט אַרום די בורזשואַזיע געגעבן די מעגלעכקייט נאָכאַמאָל אָפּצושפּילן איר ראָל פון אַ באַפרייערין. אויב אָבער ס'האָט זיך אַליין געשאַפן אַזאַ לאַגע, דאַרפן מיר זיך נאָר פרייען.

איך באַאַרבעט טאַקע יעצט אַ מעמאָריאַל, וואָס איך וועל פאָרלייגן דער רעגירונג אין ליאָן, אין מאָמענט, ווען די מגפה וועט זיין דערשטיקט. אין דעם מעמאָריאַל באַווייז איך, אַז דאָס באַלדיקע ליקווידירן די פאַריזער מאָנאַרכיע וואָלט געווען אַ גרויסער פעלער. פאַרקערט, איך האַלט, אַז די רעגירונג און די דעמאָקראַטיע דאַרפן מיט אַלע מעגלעכקייטן זיך באַמיען, אַז דער מאָנאַרכיזם זאָל זיך פאַרשפּרייטן איבער גאַנץ פראַנקרייך און אַזוי אַרום אים צוהעלפן דערשטיקן דעם געמיינזאַמען שונא — דעם קאָמוניזם. ערשט אַ פאָרויס געפּלאַנטע און אין אַ געהעריקן מאָמענט דורכגעפירטע רעוואָלוציע, וואָס די בורזשואַזיע וועט באַווייזן צו מאַכן אָן דער הילף פון אַנדערע קלאַסן און נאַטירלעך אָן בלוט-פאַרגיסונג, וועט איר אומקערן איר מאָראַלישן קרעדיט ביי די מאַסן, אויפהויבן איר אויטאָרי-

טעט און באַשיצן איר ברוסט מיט אַ נייעם פּאַנצער קעגן דער געפאַר פֿונם קאָמוניזם...

וואָס דער פֿליכטוואָטער הער און דער הער אין די פּענסנע האָבן אָפּגעענטפערט אויף דער דרשה, האָט דער ראַטמייסטער סאָלאָמין שוין נישט דערהערט. ס'איז אים פּלוצלינג געוואָרן שרעקלעך לאַנגווײַליק. ס'האָבן זיך אים דערמאָנט די מאָסקווער מיטינגען אין קערענסקיס צײַטן מיט די לאַנגע רעדעס, אין וועלכע דאָס וואָרט „דעמאָקראַטיע" האָט זיך נישט איבערגעחזרט אין קיין קלענערער צאָל, נאָר מיט אַ נאָך שטאַרקערער רוסישער אינטאָנאַציע. דאָס וואָרט וועגן קאָמוניזם האָט אים דערמאָנט אָן יענע חברה־לײַט, וואָס שלאָפן זיך אויס מיט קאָמפאָרט אין דער פּאַריזער טורמע. („זיי וועלן זיך אויסשלאָפן בײַ אונז!").

ער האָט אַ קוק־געטון אויפן זייגערל: צוויי. ווידער קאַליע געמאַכט צײַט! און נישט דערעסנדיק דאָס אַזוי זאָרגפעלטיק באַשטעלטע פרישטיק, האָט ער באַצאָלט דעם גאַנצן חשבון און מיט די פּוסטע, פּלוצלינג פֿון יעדער שיינקייט אָפּגעליידיקטע גאַסן, איז ער אַוועק אין דער זײַט פֿון בורבאָנער פּאַלאַץ.

דאָס מאָל זענען די באַראַטונגען געפירט געוואָרן לעבהאַפטער און אין אַ קנאַפּער שעה אַרום, בעת ער האָט אונטערגעשריבן דעם בויגן, וואָס איז שוואַרץ געוועזן פֿון פּאַראַגראַפן און קלאַוזולעס, האָט דער ראַטמייסטער סאָלאָמין זיך צעשמייכלט אין געדאַנק — ענדלעך!

די לעצטע מניעה: דער טערמין. די פראַנצויזן וועלן אַרויסגעבן די אַרעסטאַנטן ערשט מאָרגן. דער פּאָרזיצנדער פֿון דער רוסישער דעלעגאַציע וואָלט געוואָלט נאָך הײַנט. ס'איז אוממעגלעך — זיי זענען פֿאָרמאַליסטן א. א. וו. (וואָס, צום טײַוול, קאָנען דאָס זײַן פֿאַר אַ פֿאָרמאַליטעטן?) מ'האָט געמוזט אײַנגיין אויף מאָרגן. די רוסן ווילן שיקן צוויי אָפיצירן נאָך די געפאַנגענע. די פראַנצויזן אָפּאָנירן. זיי וועלן זיי אַליין אָפּשטעלן צו דער בריק און איבערגעבן די פּאָרפּאָסטנס.

— מילא, זאָל זײַן אַזוי. אַלזאָ — מאָרגן אינדערפרי, אַרום עלף.

ביידע דעלעגאַציעס האָבן שווייגנדיק זיך געדריקט די הענט. דער שוואַרצער פּיאַט פאַר זעקס פּערזאָן האָט זיך איבערן האַלב-קרייז פון שאָטנדיקן האַפן, ווייך באַוועגט צו דער בריק יענע.

## V

— חברים! אַזוי איז אוממעגלעך צו פירן! פאַרשרייבט זיך צום וואָרט. ס׳מוז דאָך זיין עפּעס אַ סדר.

— טאַ היט־זשע אים חבר! דאָס איז שוין אייער זאַך, דערויף האָט מען דאָך אייך אויסגעקליבן פאַר אַ פאָרזיצער. פאַרשרייבט נאָר אַזוי, אַז יעדער איינער זאָל קאָנען אַרויסזאָגן אַלץ, וואָס ס׳ליגט אים אויפן האַרץ. דו האָסט אַזאַ מיינונג, און איך האָב אַזאַ. און דאָס קלינגען מיטן גלעקל, ווי אין אַ קאַפּיטאַליסטישן פּאַרלאַמענט, אַזוי אַז מ׳זאָל נישט הערן קיינעם — וואָס איז דאָס פאַר אַן אָרדנונג?

— חברים! זאָל זיין רויק! דאָס וואָרט האָט דער חבר לערביע.

— איך וועל חברים לאַנג נישט רעדן. אַלס אַפּראָוויזאַציע־קאָמיסאַר, האָב איך נישט צוליב־וואָס דעם אמת צו פאַרבאַהאַלטן. דער אַפּראָוויזאַציע־צושטאַנד פון דער רעפּובליק איז אַ קאַטאַסטראָפאַלער. אויב מ׳זאָל ווייטער אַרויסגעבן צו אַ פערטל ברויט, ווי אין די לעצטע טעג, וועט עס גענוג זיין העכסטנס אויף דריי טעג, און דאָס אויך, ווען מען נעמט אַריין אין חשבון, אַז די באַפעלקערונג וועט פאַר אָט דער צייט זיך פאַרקלענערן מיט אַ געהעריקן פּראָצענט. נעבכן האָבן מיר פאַנאַנדערגעטיילט דעם לעצטן זאַק קאַרטאָפל. איז דריי טעג אַרום, חברים, וועט קיינער נישט האָבן וואָס צו לייגן אין מויל אַריין. די רעפּובליק איז פאַרמשפּט אויף אַ הונגער־טויט.

— און אַן אויסוועג? וואָס פאַראַ אויסוועג איז פאַראַן?

— אַן אויסוועג, חברים, איז, לויט מיין מיינונג פאַראַן איינער, דורכרייסן זיך אויף דער טעריטאָריע פון דער אַמעריקאַנער קאָנצעסיע און פאַרכאַפּן זייערע לאַגערן. לויט מיין מיינונג חברים, זענען די ענגלישע און אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן, נאָך קיינמאָל נישט געשטאָרבן פון הונגער; זיי האָבן זיכער אָנגעגרייט אָרנטלעכע זאַפּאַסן פּראָוויאַנט. מיר מוזן, פאַרשטייט זיך, צוגעגרייט זיין אויף אַ פאַרביסענעם ווידערשטאַנד פון זייער זייט. די ענגלישע מיליץ איז באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס, און כדי אַרויפצוקריגן זיך אויף זייער טעריטאָריע, וועלן מיר מוזן שטורמען צוויי רייען באַריקאַדן און אויסשעכטן אַ שיינע פּאָר טויזנט דזשענטעלמענס. קיין אַנדערע עצה זע איך נישט. די באַפעלקערונג וועט גערן גיין, אויב זי וועט זיך נאָר דערוויסן, אַז ס׳האַנדלט זיך וועגן אַרויסוואַרפן די ענגלענדער פון פאַריז. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז דערמיט איז דאָס פּראָבלעם נישט געלעזט נאָר אָפּגעלייגט אויף אַ געוויסער צייט, ביז וואַנען ס׳וועלן קלעקן די ענגלישע זאַפּאַסן. אויב עמעץ פון די חברים זעט פאָר אַ בעסערן אויסוועג—ביטע דאָס איז אַלץ, חברים, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן. כ׳האָב געענדיקט.

— רויק! זאָל זיין רויק! דאָס וואָרט האָט חבר לאַוואַל.

— איך, חברים, קאָן בשום־אופן נישט מסכים זיין מיט דעם פאָרשלאַג פון דעם חבר־פאָררעדנער. ס׳פאַרשטייט זיך, אויסשעכטן עטלעכע טויזנט ענגלישע קאַפּיטאַליסטן און אָפּרייניקן דעם צענטער פון פאַריז — דאָס איז אַ נוצלעכע זאַך, נישטאָ וואָס צו רעדן. נאָר איצט איז נאָך נישט די צייט דערצו, איבעריקנס, רייִנער און פּינקטלעכער פאַר אונז וועט דאָס מאַכן די דזשומע, צוליב אַ פּאָר טעג איז זיך נישט כדאי צו שלאָגן. חוץ דעם גלויב איך נישט חברים, אין די שפּייז־לאַגערן, וועלכער דער חבר לערביע האָפט צו געפונען אויף דער טעריטאָריע פון דער קאָנצעסיע. פונוואַנען קומען זיי צו די ענגלענדער? עפּעס אַנדערש — געלט. געלט וואָלטן מיר זיכער געפינען אַ

קופע. אָבער נאָך וואָס, חברים, טויג אונז איצטער געלט? קיין ברויט וועט מען דערפאַר נישט באַקומען. ס'איז נישט כדאי, חברים, צוליב דעם צו פאַרגיסן אונזער פּראָלעטאַריש בלוט. און די שפּייז־זאַפּאַסן, אויב ס'זענען אפילו אַזעלכע געווען, זענען ווי שוין פון לאַנג אויפגעפרעסן געוואָרן. מיר וועלן דערפון נישט זאַט ווערן. און אויסרייניקן פאַריז חברים, איז נאָך צו פרי. כל זמן זי וועט זיך נישט אַליין אויסרייניקן פון דער דזשומע, וועלן מיר פון איר קיין גרויס נחת נישט האָבן. ניין, חברים, זוכן שפּייז אין פאַריז איז אַ משוגעת. מיר וועלן נאָר אומברענגען אויף די באַריקאַדן אַ העלפט פון פּראָלעטאַריאַט, ס'בלייבט אַזוי אויך יעדן טאָג וואָס־אַמאָל ווינציקער. מיט וואָס־זשע, חברים, מיט וואָס פאַראַ כוחות וועלן מיר באַהערשן פאַריז, ווען ס'וועט אין איר אויפהערן די מגפה? מ'דאַרף אָפּשפּאָרן, חברים, היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ יעדן טראָפּן פּראָלעטאַריש בלוט און נישט נאָך צוהעלפן דער דזשומע אין איר אַרבעט.

— ווּעסטו נישט העלפן דער מגפה, וועט איר דער הונגער העלפן! אָן ברויט וועט דער פּראָלעטאַריאַט לאַנג נישט אויס־האַלטן!

— כ'ווייס, חברים, אָן ברויט וועט ער נישט אויסהאַלטן, אָבער מיט איין פּיידע וועט ער אויך ווייט נישט פאַרפאָרן, און זוכן די פּיידע מוזן מיר ערגעץ אַנדערש, דאָרט, וווּ מיר ווייסן אויף זיכער, אַז זי איז פאַראַן, און נישט דאָרט, וווּ מיר ווייסן פאָרויס, אַז זי איז נישטאָ. מיר מוזן זי, חברים, זוכן אויסערן קאָרדאָן.

— און ווי אַזוי, חבר, אויסערן קאָרדאָר? דורכן קאָרדאָן קען מען קיין האַנט נישט דורכשטופּן. און דורכרייסן זיך אין אוממעגלעך.

— אַ רגעלע, חברים, דערלויבט מיר צו ענדיקן. כ'האָב אַ פּלאַן, כדי די אימפּעריאַליסטישע, פראַנצויזישע רעגירונג צו צווינגען, זי זאָל אונז פאַרזאָרגן מיט שפּייז, דאַרפן מיר זיך

לגמרי נישט דורכרייסן דורכן קאָרדאָן. ס'וועט געווּג זיין, לויט מיין מיינונג, פונם דעלעגאַטן־ראַט אַרויסצושיקן צו דער רעגירונג אַ ראַדיאָ דעפּעשע: אָדער איר שטעלט אונז צו אין צוויי טעג אַרום אַזוי און אַזוי פיל וואַגאָנעס מעל, קאַרטאָפל און אַנדערע זאַכן, אָדער מיר שלאָגן זיך אַדורך און רייסן איבער אייער קאָרדאָן. און אויב אפילו מיר וועלן אים נישט קאָנען איבעררייסן, וועט יעדנפאַלס ביים צוזאַמענשטויס אייער מיליטער זיך אָנשטעקן פון אונז, און פונם מיליטער וועט ווי אַ ווינטל די דזשומע ווייטער דורכשפּאַצירן זיך איבער גאַנץ פראַנקרייך. מיר וואַרטן אָפּ צוויי טעג — קלויבט אויס.

— זיי וועלן נישט ענטפערן!

— און לויט מיין מיינונג, חברים, וועלן זיי ענטפערן, און דווקא שנעל. קיין שום דראָאונג וועט אַזוי נישט ווירקן, ווי די שרעק פאַר דער דזשומע. זיי וועלן פאַרשטיין, אַז מיר האָבן גאָרנישט וואָס אָנצווווערן און זיי וועלן נישט ריזיקירן. און טאָמער וועט אונז פאָרט געלונגען זיך דורכצושלאָגן אַזש ביזן סאַמע קאָרדאָן און צונויפטרעפן זיך מיט זייער מיליטער? זיי האָבן דאָך דערפאַר מורא, ווי פאַר פייער. זיי וועלן נישט וועלן צוליב אַ צען וואַגאָנען שפּייז ברענגען אויף גאַנץ פראַנקרייך די מגפה. און אַ צווייטע ראַדיאָ־דעפּעשע וועט נישט שאַטן אַרויסצושיקן צום פּראָוויזישן פּראָלעטאַריאַט אויסער דעם קאָרדאָן: דער פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט, וואָס שטאַרבט אויס פון הונגער, ווענדט זיך צום פּראָלעטאַריאַט פון פראַנקרייך און פון דער גאַנצער וועלט, אַז ער זאָל צודריקן די פּראָוויזישע רעגירונג און זי צווינגען די הונגעריקע אַרויסצושיקן שפּייז־הילף. פון דער זייט די דזשומע און פון יענער — אַ גענעראַל־שטרייק. ס'וועט נישט דויערן קיין צוויי טעג, און זיי וועלן אונז ווי געהעריק צושטעלן שפּייז איבער דעם קאָרדאָן, אַזוי איז חברים, מיין מיינונג. כ'האָב געענדיקט.

ס'האָבן אַ הילך־געטון גלייכצייטיק אַ פּאָר און זעכציק שטימען.

אין שפּעטן אָוונט האָט דער אַרבעטער־און סאָלדאַטן־דעלע־

גאַטן־ראַט פון דער ראַטן־רעפּובליק בעלוויל אָנגענומען מיט אַ מערהייט שטימען דעם פאָרשלאַג פון חבר לאַוואַל און אַרויס געשליידערט אין רוים צוויי ראַדיאָ־דעפּעשן.

קיין ענטפער האָט מען נישט דערהאַלטן.

* *
*

אין צוויי טעג אַרום האָט אַ נייע זיצונג פונם דעלעגאַטן־ראַט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון חבר לערבּיע, און באַפוילן דער מיליטערישער קאָמיסיע אויסצואַרבעטן אַ גענויען פּלאַן פון אַ באַוואָפנטן אָנגריף אויף דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנישער קאָנצעסיע.

אַרויסגייענדיק פון דער זיצונג, האָט דער חבר לאַוואַל טיף אַראָפּגערוקט דאָס היטל איבער די אויגן, וואָס ס'איז שטענדיק געווען ביי אים אַ סימן פון אַ שטאַרקער אויפגערעגטקייט, און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין די געדרייטע, שוואַך־באַלויכטענע געסלעך. ס'איז געפאַלן אַ דראַבנינקער רעגן.

דער דורכפאַל פונם אייערנעכטיקן פאָרשלאַג האָט דעם חבר לאַוואַל, ביז גאָר אָנגעווירט, פונקט ווי אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג און אים אָנגעפילט מיט אַ טויבער בייזקייט!

— אַ מיאוסע חבריה! זיי פייפן אויף אונזערע דראָונגען! זיי ווילן אונז אומברענגען דורך הונגער! — האָט ער געברומט דורך די צונויפגעדריקטע ציין.

ער האָט גוט געוווּסט: אימפּעריאַליסטן. וואָס פאַראַ אָפּמאַכן קאָנען דאָס זיין מיט זיי? וואָס גייט זיי אָן דער גורל פונם אויסשטאַרבנדיקן פּראָלעטאַריאַט. ער האָט נאָר גערעכנט, אַז זיי וועלן זיך דערשרעקן פאַר דער מגפה. זיי וועלן נישט וועלן ריזיקירן. ניין, זיי האָבן זיך נישט דערשראָקן. זיי זענען, ווייזט אויס, שטאַרק זיכער מיט זייער קאָרדאָן. זיי וועלן אויסהרגענען, ווי הינט. זיי וועלן נישט צולאָזן אויף קיין קילאָמעטער.

און אַ טויבער, מאַכטלאָזער כּעס האָט באַהערשט דאָס האַרץ פון חבר לאַוואַל.

ער האָט פיינט געהאַט די באַנדע ביזן בלוט. אַז ער האָט זיך נאָר דערמאָנט אָן זיי, האָט אים אָנגעהויבן שטיקן אין האַלז אַ שמערצלעכער קראַמף. זיי האָבן אַמאָל מיט שווערע סאָל־דאַטן־שטיול צעטרעטן די פּאַריזער קאָמונע. איצט וואַרטן זיי רויק ביז אַלע וועלן אויספּגרן פון הונגער און פון דער מגפה, דאַמאָלס וועלן זיי אויפסניי קאָנען פאַרנעמען דאָס אויס־גערייניקטע פּאַריז. פאַרגיסן עס מיט פּאָליציי, פאַרטרונקען מיט דעמאָקראַטיע, עפענען די שליוזעס פון דער פּוסטער פאַרלאַמענ־טאַרישער פּלוידעריי, אַרומשטעלן די כאַפּ־שטייגן פון טורמעס, צע־קוועטשן אין אַ אייזערנע צוים; און ס׳וועלן ווידער אַ שווים־טון אין די פאַבריקן אַריין די פון דער ערד פאַרטריבענע שוואַרצע, באַטויבטע מענטשן, וואָס וועלן מיטן שווייס פון די אויסגעהאָרעוועטע הענט אויסשמידן פאַר זיי רו, לוקסוס און ליידיקגייעריי. ס׳וועט אַלץ ווידער זיין, ווי אַמאָל, אין אַ הונט וועט אַפילו נישט וויסן, אַז מיט עטלעכע חדשים צוריק איז אין פּאַריז געווען אַ קאָמונע, אַן אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־רעגירונג פון אַ דעלעגאַטן־ראַט, אַ רויע אַרבעטער־עפּאָפּייע.

טראַכטנדיק וועגן דעם, האָט דער חבר לאַוואַל נאָך שטאַר־קער צונויפגעדריקט די ציין, און ס׳האָט זיך דערהערט אַן התראהדיקער קנאַק פון די קינבאַקן. מיט אַ שווערן שטיול, וואָס איז שווערער געווען פונם דזשומע־יאַך, האָט אים גע־דריקט די אָנמאַכט.

דער חבר זשאַק לאַוואַל, דער קאָמאַנדיר פון דער רויטער גוואַרדיע פון דער בעלווילער ראַטן־רעפּובליק איז אין דער פּאָררעוואָלוציאָנערער צייט — דאָס הייסט מיט פיר וואָכן צו־ריק — געווען אַ מאַטראָז אויף דער שיף „וויקטאָריאַ“. צו דער פּאַרטיי האָט ער געהערט שוין אַכט יאָר, זייט דעם מאָ־מענט, ווען די מיליטערישע קאָמיסיע האָט אים, דעם צוואָנציק־יאָריקן, רויט־באַקיקן אַרבעטער פון קאָמבעס טאַרטאַק, באַשטימט צום פלאָט און אַריינגעשליידערט אינם שוואַרצן שווימענדיקן לאָך, ווו ער האָט אָנגעהויבן אַריינוואַרפן מיט דער לאָפּאַטע שווערע גרודעס קוילן אינם צעעפענטן מויל פון אויוון און באַ־

טאַפּן מיט די פֿאַרמאָזאָליעטע פֿינגער די ערשטע אָפּגעבריטע
ערטער אויפֿן נאַקעטן מוסקולעזן קערפּער. זיין גאַנץ צוואַנציק־
יאָריק וויסן האָט זיך מיט איינמאָל איבערגעקערט מיטן קאָפּ
אַראָפּ, און די שטאַרק איינגעפֿונדעוועטע, איינגעאָרדנעטע וועלט
האָט זיך אַ שאָקל געטון אין זיין קאָפּ, ווי אַ שיף־דעק אונ־
טער די פֿיס אין אַ מאָמענט פֿון ווילדן שטורם.

פֿון דער פּאַרטיי־ביוראָ איז פֿאַר איר אַלץ געוואָרן דורכ־
זיכטיק און קלאָר, און אומקוקנדיק זיך אויף צוריק, האָט דער
חבר לאַוואַל מיטאַמאָל פֿאַרשטאַנען אַ סך זאַכן. דער אַלטער
קאָמבע פּאָרט־צו איין מאָל אין וואָך אויף זיין אייגענעם אויטאָ־
מאָביל צום טאַרטאַק, אַ קוק טון צי אַלץ איז אין אָרדנונג.
און דעם אַלטן פּראָסט, וואָס האָט פֿאַרלוירן די ראיה ביים
מעסטן די מילימעטערס, האָט דער מייסטער מיט דער הילף פֿון פּאָ־
ליציי אַרויסגעוואָרפֿן פֿון דער אַרבעט: „ער טויג שוין נישט
מער”. אויף דער שיף זענען פֿאַראַן האַרמאַטן, פּאַנצער־טו־
רעמס — מיליטאַריזם. דאָס אויסגעפּראַנטעוועטע אָפֿיצירל און
דער אַלטער קאָמבע, דאָס איז איינס, — בלויז די פּנימער זענען
פֿאַרשידן, אָבער דער גוף איז דערזעלבער — ווייסער אינטער־
נאַציאָנאַל. און אָנשטעלנדיק דעם האַרמאַט אונטער אַ ווינקל פֿון
25 גראַד, האָט דער זעלנער לאַוואַל געטרוימט: מ'וואָלט באַ־
דאַרפֿט צונויפֿטרייבן אויף איין אָרט די דאָזיקע חברה־לייט פֿון
דער גאַנצער וועלט, מיט די אויטאָמאָבילן, מיט די שליפּעס, מיט
די סוטאַנעס, און — אַ קנאַל־טון! און דאָס פּנים פֿון חבר
לאַוואַל האָט זיך דאַן צעבליט מיט אַ ברייטן שמייכל.

קיין פּאַריז איז דער חבר לאַוואַל געקומען אויף אורלויב,
און דאָ האָט אים פֿאַרהאַלטן די דזשומע. ווען ס'זענען אין
שטאָט אויסגעבראָכן די ערשטע אומרוען און דער באָדן האָט
זיך אַ וואַקל־געטון, פֿלאַצנדיק אין דער לענג פֿון די נעט פֿון
די באַזונדערע קלאַסן־שיכטן, האָט דער חבר לאַוואַל דערפֿילט:
שטאַרבן אויפֿן אַלטן שטייגער, ווי הינט — דאָס איז נישט קיין
ענין. כּל זמן די אימפּעריאַליסטן געפֿינען זיך פֿון יענער
זייט קאָרדאָן, און דעם צוגאַנג צו פּאַריז היט די מגפֿה,

דאַרף מען דערווייל צעשטערן די אַלטע חורבה און לייגן פונדאַמענטן אונטער דער פרייער ראַטן־רעפובליק.

און אַראָפּרוקנדיק אויפן קאָפּ דעם בערעט, האָט דער חבר לאַוואַל מיט אַ זיכערן, עלאַסטישן טריט דער ערשטער זיך געלאָזט אין די קאַזאַרמעס, פונוואַנען ער איז אין אַ שעה אַרום אַרויסגעקומען בראש פון אַ בלויען פּולק מיט אַ רויטער פאָן, וועלכע ער האָט אויף דער גיך ערגעץ־ווו אויסגעפונען.

שפּעטער זענען געקומען טעג פון אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט. די דזשומע האָט געשטערט. זי האָט אַרויסגעריסן די בעסטע חברים. ווען נישט דאָס, וואָלט דער חבר לאַוואַל, וואָס איז פאַרנומען געווען מיט אָרגאַניזירן די אַרבעטער־ראַטן און די פּאַריזער דרום־פאָרשטעט, די דזשומע וואַרשיינלעך בכלל נישט באַמערקט. ס׳פאַרשטייט זיך — היגיענע און פאָרזיכטס־מיטלען. דאָס איבעריקע איז שוין אַ זאַך פון די דאָקטוירים. אין אַ געוויסער מאָס איז די דזשומע אַפילו געווען נוצלעך. זי האָט דעם צענטער און די מערב־קוואַרטאַלן אָפּגערייניקט פון די בורזשואַזע עלעמענטן. מ׳האָט באַדאַרפט דערווייל אַוועקשטעלן אויף די פּיס די פּעריפעריעס, כדי אין מאָמענט, ווען די עפּידעמיע וועט אויפהערן, זאָל דאָס גאַנצע בורזשואַזע פּאַריז זיך אויפכאַפּן, ווי אין אַ רייף, אין די צוואַנגען פון דער פּראָלעטאַרישער בלאָקאַדע. דאָס באַהערשן די שטאָט, וואָס איז אויסגעמאַטערט געווען דורך דער מגפה, וואָלט שוין געווען אַ קלייניקייט.

נאָר די דזשומע האָט נישט אָפּגעלאָזט. זי האָט פאַרניכטעט מיט אַ מוראדיקער סיסטעמאַטישקייט די פּראָלעטאַרישע מחנות. אַרבעטן אין די באַדינגונגען איז געווען מער ווי שווער. יעדן טאָג האָט מען געמוזט אָנהויבן פונסניי. און אָט קומט צו איצטער צו אַלעמען — הונגער. די יונגע קאָמונע, וואָס האָט זיך געשאַפן, איז פאַרמשפּט אויף הונגער־טויט. אינם קאַמף פאַר אַ ביסן־ברויט וועלן אויף די באַריקאַדן פון דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנישער קאָנצעסיע אומקומען די איבערבלייבענישן פון די אַזוי־אויך שוין שיטער־געוואָרענע רייען פונם פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט. דערצו נאָך האָט לאַוואַל נישט געגלויבט, אַז אויף

דעם שטח פון דער קאָנצעסיע זאָלן זיך געפונען גרעסערע שפּייז-זאַפּאַסן.

אַלץ איז אין די אויגן חרוב געוואָרן אונטער דער ביי-זער אומבארחמנותדיקער האַק. די לעצטע דראָונג אויפן אַדרעס פון יענע אימפּעריאַליסטן, וואָס פּרעסן דאָרט אין רו און אין לוקסוס אויף יענער זייט קאָרדאָן און וואַרטן געדולדיק, ווען ס'וועט פון הונגער און פון דער מגפה אויספּגרן דער לעצטער פּאַריזער — האָט פּאַרפירט. טאָ וואָס איז פאַרבליבן? קאַפּיטו-לירן און מיט פאַרלייגטע הענט אָפּוואַרטן דעם טויט, אָדער גאָר אַליין לויפן נאָך אויף די באַריקאַדן פון דער פּאַרדזשו-מעטער אַמעריקאַנער קאָנצעסיע?

דער חבר לאַוואַל האָט אין שווייגן, פּונקט ווי אַמאָל מיט דער לאָפּעטע די קוילן, איבערגעוואָרפן איצט אין מוח די שווע-רע טאָנען עקשנותדיקע, נישט פרייליכע געדאַנקען.

* *
*

שפּעט ביינאַכט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין דער וווינונג פונם מיליטערישן הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער ראַטן-רעפּובליק בעלוויל, —ביים חבר לעקאָק.

דער חבר לעקאָק האָט אין דער פינסטער אָפּגעזוכט די פּענסנע אויף דער שטול נעבן בעט און אין איילעניש זיי אַרויפגעזעצט אויף דער נאָז. אָנטוענדיק אויף דער וועש דעם זעלנערישן מאַנטל, איז ער געגאַנגען עפענען די טיר און אויפן וועג אָנגעצונדן די עלעקטריע.

— דאָס זענט איר, חבר לאַוואַל? וואָס איז געשען? צי איז עפּעס וויכטיקס?

— כ'קום צו אייך, חבר קאָמאַנדיר, וועגן אַן ענין. און אַן ענין האָב איך אַ דרינגנדיקן, נישט קיין פּערזענלעכן, דאָס האָט אַ שייכות צו דער גאַנצער קאָמונע. איך האָב נישט געקענט וואַרטן ביז אינדערפרי, זייט נישט בייז... — האָט חבר לאַוואַל געזאָגט, קנייטשנדיק דאָס היטל אין דער האַנט.

וואָס איז, וואָס איז? — האָט זיך באַאומרויִקט דער חבר לעקאָק. — קומט אַריין! כ׳שטיי אין אייער רשות. אויב ס׳איז אַ וויכטיקער ענין, איז יעדע צייט צוגעפּאַסט. דאָס שלאָפן וועט נישט אַנטלויפן. זעצט זיך, אפשר וועט איר פאַרריכערן? כ׳האָב אייך. וואָס איז פאַר אַן ענין?

— כ׳קום, חבר קאָמאַנדיר, וועגן זעלבן ענין פון שפּייז פאַר דער קאָמונע. ס׳איז אַן אומדערלויבטע זאַך צו שיקן די רעשטלעך פון פּראָלעטאַריאַט אויף די ענגלישע באַריקאַדעס. דאָרט איז אויך נישט פאַראַן קיין שום שפּייז. דאָס איז אַ בפירושער זעלבסטמאָרד.

דער חבר לעקאָק האָט פון פאַרוווּנדערונג שיער נישט פאַרלוירן די פּענסנע.

— וואָס הייסט דאָס, חבר? ס׳איז דאָך פאַראַן אַ בפירושער באַשלוס פונם דעלעגאַטן־ראַט. איר האָט דאָך שוין וועגן דעם גערעדט אויף דער זיצונג. אייער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן. ער האָט נישט געבראַכט קיין שום רעזולטאַטן. מ׳האָט געמוזט אָננעמען אַ צווייטן. און איצטער, אויב ס׳איז שוין אָנגענומען געוואָרן אַזאַ באַשלוס, איז שוין צו־שפּעט צו דעם זיך ווידער אומצוקערן. און די צייט איז נישט אינגאַנצן קיין פּאַסיקע. ווען יעדער איינער פון אונז וואָלט אַזוי אָנגעהויבן צו קריטיקירן און אָפּרופן די באַשלוסן פון ראַט, וואָס וואָלט דערפון זיך באַקומען? איר ווייסט דאָך אַליין גאַנץ גוט, פאַרוואָס מ׳האָט אַזאַ באַשלוס אָנגענומען און איר האָט דאָך דאַמאָלס נישט פּראָטעסטירט. איר האָט פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז נישט פאַראַן קיין אַנדערער אויסוועג.

— ס׳איז פאַראַן אַן אויסוועג, — האָט אַן אָנגעכמורעטער געזאָגט דער חבר לאַוואַל. — דאַמאָלס האָב איך אים נישט געזען, און איצטער זע איך. דעריבער טאַקע בין איך צו אייך געקומען ביינאַכט, חבר קאָמאַנדיר.

— וואָס פאַר אַן אויסוועג האָט איר פּלוצלינג געפונען?

איר זעט, זיי האָבן זיך נישט דערשראָקן פאַר אייער דעפּעשע. זיי האָבן צום טערמין נישט צוגעשטעלט אפילו קיין איין וואַגאָן

שפּייז. טאָ אויף וואָס ווען מיר נאָך וואַרטן? ווער וועט אונז באַזאָרגן מיט שפּייז?

— צוליב דעם בין איך טאַקע געקומען, חבר קאָמאַנדיר איך וועל באַזאָרגן — האָט מיט איבערצייגונג געזאָגט דער חבר לאַוואַל.

— איר?

דער חבר לעקאָק האָט זיך אַזש איינגעבויגן פון פאַרוווּנדערונג.

— ווי אַזוי איר? פונוואַנען וועט איר עס נעמען?

— פונוואַנען כ׳וועל נעמען, דאָס איז שוין מיין זאַך, ס׳פאַרשטייט זיך, אַז כ׳וועל נעמען פון יענער זייט קאָרדאָן.

דער חבר לעקאָק האָט זיך אומגעדולדיק צעהוסט.

— וואָס מיינט איר, חבר, איר זענט געקומען זיך וויצלען, צי וואָס? וואָס הייסט דאָס: איר וועט נעמען פון יענער זייט קאָרדאָן? ס׳איז נישט איצט קיין צייט אויף קיין וויצן.

— מיר, חבר קאָמאַנדיר, ליגן נישט קיין וויצן אין קאָפּ. כ׳בין אייך געקומען זאָגן, אַז מאָרגן וועל איך זיך אומקערן מיט שפּייז פאַר דער קאָמונע. און כ׳בין געקומען ביינאַכט, ווייל דער ענין איז, לויט מיין מיינונג, אַ דרינגענדער, מ׳טאָר אים נישט אָפּלייגן.

דער חבר לעקאָק האָט פאָרשנדיק זיך צוגעקוקט צום גאַסט און ערשט נאָך אַ לאַנגער פּויזע געענטפערט:

— אויף וואָס פאַר אַן אופן, אויב מ׳קאָן וויסן, קלויבט איר זיך דאָס אַליין צו ברענגען פון יענער זייט קאָרדאָן שפּייז פאַר דער קאָמונע?

— ס׳איז קלאָר, מ׳וועט זיך דאַרפן דורכרייסן דורכן קאָרדאָן דאָס גאַנצע מיליטער וועט זיך נישט דורכשלאָגן, נאָר עטלעכע יינגען וועלן פאָרט באַוויזן זיך דורכצוקריגן, בפרט דורכן וואַסער.

— און וואָס וועט שוין דערפון אַרויסקומען, אויב זיי וועלן זיך אַפילו דורכקריגן און צוריקקומען מיט אַ לייבל ברויט? איר רעכנט דערמיט אָנצוזעטיקן די קאָמונע? איר ווייסט,

וויפיל מ׳באַדאַרף, כדי אָנצוזעטיקן די קאָמונע? וואַגאָנעס? טאָ ווי אַזוי רעכנט איר זיך דערמיט דורכצורייסן? איר וועט ברענגען צוטראָגן אויף די פּלייצעס, צי וואָס?

— אויף די פּלייצעס וועל איך נישט אַריבערטראָגן, אָבער מיטן וואַסער דורכפירן איז נישט שווער.

— ווי אַזוי מיטן וואַסער?

אַזוי, גאַנץ פּשוט. אויפן טייך איז נישטאָ קיין קאָרדאָן. דעם טייך האָבן זיי מיט קיין מויער נישט פאַרשטעלט.

— און וואָס וועט זיין דערפון? זיי היטן דאָך טאָג און נאַכט. קיין פיש וועט זיך נישט דורכקריגן.

— איך, חבר קאָמאַנדיר, בין נישט סתם געקומען צו אייך. איך האָב אַלץ אויסגעפאָרשט אויפן אָרט. כ׳ווייס וואָס איך רעד. מ׳קאָן אַדורכפאָרן דעם טייך.

— אויף וואָס פאַר אַן אופן?

— ביי טאָג קאָן מען נישט, אָבער ביינאַכט קאָן מען.

— איר ווייסט דאָך, אַז ביינאַכט באַלייכט מען מיט רעפלעקטאָרן די גאַנצע סעקוואַנע, טאַקע דערפאַר, ווייל זיי האָבן מורא, ס׳זאָל עמעץ נישט דורכשווימען.

— זיי באַלייכטן טאַקע, אָבער נישט די גאַנצע, בלויז אויפן שטח פון איין קילאָמעטער. מיט צוויי רעפלעקטאָרן באַלייכטן זיי. איינער אויף איין ברעג, דער צווייטער אויפן אַנדערן. מער קיין רעפלעקטאָרן איז אין דער נאָענט נישטאָ ווייל ס׳איז נישט נויטיק. ס׳איז ליכטיק ווי ביי טאָג.

— טאָ ווי אַזוי רעכנט איר דורכצושווימען?

— דורכשווימען איז נישט שווער, נישט בלויז מיט איין דאַמפער, נאָר מיט אַזוי פיל, מיט וויפיל מ׳וועט וועלן. מ׳דאַרף נאָר פאַרלעשן ביידע רעפלעקטאָרן.

— און ווי אַזוי וועט איר דאָס מאַכן?

— ס׳איז נישט שווער, אויב מ׳קאָן גוט די פּאָזיציע פון יעדן רעפלעקטאָר. מיט צוויי שאָסן פון אַ פינפצאָליקן האַרמאַט קאָן מען זיי פאַרלעשן. מ׳האָט שווערערע קונצן באַוויזן ביי אונז אין פלאָט

— לאָמיר זאָגן, אַז איר וועט אויסלעשן ביידע רעפלעק־טאָרן. אין אַ האַלבע שעה אַרום וועט מען דאָך זיי פאַרריכטן.

— במשך פון אַ האַלבע שעה, ווען מ'זאָל וועלן, קאָן מען גאַנץ בעלוויל איבערשווימען. און באַזונדערס איצט. די נעכט זענען טונקעלע, כאָטש נעם זיך אָן אויג אַרויס.

— נו, ווען אפילו יאָ, ווי אַזוי וועט איר צוריקקומען?

— צוריק, פאַרשטייט זיך, — איז שווערער. אַלנפאַלס קאָן מען פרווון. מיר וועלן פאָרן צוריק, וועלן זיי זיך באַלד נישט כאַפּן: ווער און וווהין. און אַז זיי וועלן זיך כאַפּן ביים ערשטן קאָרדאָן, וועלן זיי, מסתמא, אויך נישט שטאַרק שיסן. דער קאָרדאָן איז דאָך הויפּטזעכלעך צוליב דעם, אַז ס'זאָל קיינער נישט אַנטלויפן פון פּאַריז. און ווער ס'וויל אַליין קריכן דעם וואָלף אין האַלז אַריין, פון זיין אייגענעם ווילן, — דעם אַ ברכה אויפן וועג. צוליב וואָס שיסן צו אַזעלכן? זיי וועלן אויסשיסן אַ צוויי מאָל, נאָר כּדי איבערצושרעקן און וועלן לאָזן צורו.

— דאָס איז אַלץ גאַנץ שיין, אָבער פונוואַנען האָט איר בדעה אַרויסצובאַקומען שפּייז?

לעוואַל האָט זיך צוגעבויגן נענטער.

— ווען מען פאָרט גלייך מיט דער סעקוואַנע, אַן ערך זעכציק קילאָמעטער פון פּאַריז, איז פאַראַן דאָרט אַ געוויס אָרט, וואָס רופט זיך טאַנסאָרעל. דאָס זענען, אַזוי צו זאָגן — מיינע היימישע געגנטן. כ'קאָן דאָרט יעדעס שטיינדל פון אויסנווייניק. אַ וויאָרסט פון ברעג געפינט זיך אַ דאַמף־מיל, אַ גרויסע, זי מאָלט מעל פאַר דער דאָרטיקער גאַנצער געגנט. דווקא איצט וועט דאָרט זיין אַ גוטע פּאָר צענדליק וואַגאָנען מעל. דריי גאַלאָרן צו צוויי הונדערט זעק וועט מען קאָנען מיטנעמען. מער וועט דער שלעפּ־דאַמפער נישט דערציען. כ'האָב געקלערט אפילו מיטצונעמען פון דאַנען ליידיקע גאַלאָרן, אָבער מ'וועט זיך באַגיין אָן דעם, ס'וועט לייכטער זיין זיך אַדורכצוקריגן אויף יענער זייט בלויז מיטן דאַמפער, און די גאַלאָרן וועלן מיר נעמען אויפן אָרט, פון טאַרטאַק. דאָרט איז

פאַראַן אַ טאַרטאַק. מען האָט פון דאָרט געפירט ברעטער קיין פּאַריז. איצטער פירט מען נישט, שטייען דעריבער די גאַלאַרן ביים ברעג. מ׳וועט אָנלאָדענען דריי גאַלאַרן. פאַרן באַגינען וועלן מיר זיין צוריק. זעקס הונדערט זעק צו הונדערט קילאָ. נישט קיין סך — אויף אַ חודש צו שפּייזן די קאָמונע וועט גענוג זיין, ווייטער — וועלן מיר זען. אפשר וועט ביז דער צייט אויפהערן די מגפה און אפשר וועט פון הינטן זיך אָפּרופן דער פּראָלעטאַריאַט? ס׳וועט זיין צייט צו וואַרטן.

דער חבר לעקאָק האָט באַלד נישט געענטפערט.

— אייער גאַנצע נסיעה ווייזט מיר עפּעס אויס צו זיין ראָמאַנטיש. אויב ס׳וועט אייך אפילו געלינגען איבערצופאָרן אויף דער צווייטער זייט, זעט זיך נישט פאַר, מ׳זאָל אייך צוריקלאָזן. זיי וועלן אייך דערטרינקען מיטן גאַנצן באַגאַזש.

— ס׳וועט נישט שאַטן צו פּרוון, זיי וועלן הרגענען, וועלן זיי אויסהרגענען אַ צען יינגען, צען איז דאָך נישט די גאַנצע קאָמונע. די אַמעריקאַנער קאָנצעסיע וועט נישט אַנט־לויפן. מ׳וועט אונז דערטרינקען, וועט איר אַהינגיין זוכן ברויט. פּרוון וועט נישט שאַטן.

דער חבר לעקאָק האָט שווייגנדיק פאַרצויגן דעם פּאַפּיראָס.

— איר זעט, חבר, די צרה שטעקט אייגנטלעך נישט אין דעם. לאָמיר זאָגן, אַז ס׳וועט זיך אייך אפילו איינגעבן דורכ־צורייסן דורכן קאָרדאָן און זיך אומקערן מיט שפּייז, הגם כ׳בין דערין שטאַרק מסופק. אַזוי צו אַזוי, האָבן מיר אָבער נישט קיין רעכט, אפילו כדי צו ראַטעווען פון הונגער די גאַנצע קאָמונע, אַרי־בערצוטראָגן די מגפה אויף יענער זייט קאָרדאָן. עפּעס אַנדערש זענען דראָונגען און עפּעס אַנדערש דאָס אויספירן. ווען אייער נסיעה וואָלט אייך געלונגען, וואָלט איר, כדי צו זוכן שפּייז, געמוזט אַרויסגיין אויפן צווייטן ברעג פון יענער זייט קאָרדאָן און צונויפטרעפן זיך מיט יענער באַפעלקערונג, דאָס הייסט — פאַרויס זיך רעכענען מיט דער מעגלעכקייט איבערצולאָזן זיי די מגפה. מיר האָבן נישט דאָס רעכט, חבר, כדי אָפּצוראַטעווען

פון טויט די צען טויזנט בירגער פון דער קאָמונע, אויסשטעלן אויף דער געפאַר פון דער מגפה דעם פּראָלעטאַריאַט און דאָס פויערטום פון גאַנץ פראַנקרייך. איך קאָן אייך נישט געבן קיין דערלויבעניש צו אַזאַ נסיעה.

— איר רעדט ערלעך, חבר קאָמאַנדיר. נאָר איך האָב וועגן דעם אַלעם פריער געטראַכט. איך האָב געפונען אַ מיטל, אַז מיר זאָלן אַפילו נישט צושווימען צום ברעג; מיר וועלן קומען צו פאָרן, זיך פאַרהאַלטן אין מיטן טייך, צונעמען דאָס מעל און מאַכן אַ ויברח! איר זעט, אַפילו די גאַלאַרן אונזערע נעם איך טאַקע צוליב דעם נישט מיט, — זייערע אייגענע. מיר וועלן זיי נאָר צוטשעפּען — און געפאָרן!

— וואָס הייסט דאָס? איר האַלט, אַז זיי וועלן אייך אַליין אַרויסטראָגן דאָס מעל, אָנלאָדענען אויף די אייגענע גאַלאַרן און וועלן אייך נאָך בעטן: נעמט צו?

— גלייך, ווי איר וואָלט געטראָפן, חבר קאָמאַנדיר. זיי וועלן אַליין אָנלאָדענען. כ'האָב אַ פּלאַן, איר וועט אַליין זען, אַ פּשוטער, נישט קיין שווערער, איר לאָזט מיך אים נאָר נישט איבערגעבן ביזן סוף.

דער חבר לאַוואַל האָט גענומען אַ בלייפעדער פון טיש, און פירנדיק מיט איר איבער אַ שטיקל פּאַפּיר, האָט ער גענוי אָנגעהויבן אויסצייכענען זיין פּלאַן. — —

* *
*

ווען דער חבר לעקאָק איז פאַרבליבן אַליין אין צימער, האָט שוין אײַנדרויסן געטאָגט, און אויף די פענסטער, וואָס זענען געווען פאַרשמירט מיט דער סאַזשע פון נאַכט, האָט מיט אַ מאַט־ווייסן וויטראַזש זיך אינקרוסטירט די קליינע אַל־וועלט פון דער גאַס.

דער חבר לעקאָק האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם מאַנטל, זיך אויסגעצויגן אויפן בעט און געפרוווט איינשלאָפן. דער שלאָף, וואָס איז איינמאָל אַוועקגעטריבן געוואָרן, האָט זיך שוין נישט אומ-

געקערט. לעקאָק האָט אויסגעצויגן די האַנט צו דער פּאָליצע און אַראָפּגענומען אַ בוך. ער האָט אויפגעעפנט. לענין: „די אויפגאַבן פונם פּראָלעטאַריאַט“. ער האָט געפּרוווט לייענען.

די געדאַנקען האָבן זיך, ווי טאָטשענדיקע ווערעמ־לעך, נישט געקאָנט אַריין באַקומען אין מוח און האָבן זיך ברוגזע אומגעקערט צווישן די שוואַרצע שורות־בייטן. דער חבר לעקאָק האָט אַוועקגעלייגט דאָס בוך און זיך פאַרקוקט אין סופית.

פון ערגעץ, פונם זכרון־שפּיגל, האָט, ווי אַ פּאַרשפּעקטיקט אָפּשלאָגן זיך, אויפגעטויכט אַ טונקל־ברוין, פון ווינטן געשמיסן פּנים, ס'האָבן אָפּגעקלונגען ווערטער פּשוטע, צעשמייכלטע „זיי וועלן הרגענען, וועלן זיי אויסהרגענען אַ צען יונגען. צען איז דאָך נישט די גאַנצע קאָמונע. מ'דאַרף פּרוּוון“.

דער חבר לעקאָק האָט זיך צעשמייכלט: אַמביציע? מוטיקייט? אָדער טאַקע באמת שטאַרקע איבערגעגעבנקייט צו דער קאָמונע?

ער האָט זיך באַגעגנט מיט אָט די מענטשן יעדן טאָג. זייט יאָרן נאָך אין אוניווערזיטעט, איז ער, דער זון פונם אָרעמען גימנאַזיע־לערער, געלאָפן פון דער סטודענטישער גאַר־קיך צו אַ פאַרזאַמלונג, כּדי אויף אַ קאָנקרעטן ביישפּיל צו קאָנטראָלירן די שוואַרצע ציפערן פון דער סטאַטיסטיק. ער האָט זיך אויסגעלערנט צו קוקן אין די אויגן, אַרויסצולייענען פון קנייטשן, פון דעם אַקצענט פון אויסרופן, די טיפע אומ־פאַרהיילטע און ממשותדיקע עוולה: אין די קאָנטורן פון די ביי אַ געלעגנהייט אַרויסגעשליידערטע סאַקראַמענטאַלע ווערטער „פּראָלעטאַריאַט“, „אימפּעריאַליזם“, האָט ער דערקענט די ציפערן פון אָפּגעהאַקטע לוינען, דעם קאַליבער פון דורכגעלעבטע דער־נידערונגען. און דאָ פּלוצלינג — חעלע, בלויע אויגן, אַ שמייכל און טויט. זאָל דאָס זיין אַ השפּעה פון ראָמאַנטישער לעקטור? אָדער העלדישקייט?

אויפן שרייבטיש האָט געקלונגען דער טעלעפאָן. דער חבר לעקאָק איז אויפגעשטאַנען, אָפּגענומען דעם

ראַפּאָרט, דערנאָך האָט ער איבערגעחזרט אין דער שוואַרצער טושלע פון טרייבל עטלעכע פאַראָרדענונגען. אויסציִענדיק זיך נאָכאַמאָל אויפן האַרטן זעלנערישן בעט, מיטן פּנים צו דער וואַנט, פאַרמאַכנדיק שוין די אויגן צום שלאָף, האָט ער אַ טראַכט געטאָן:

— זיי וועלן דעם יונג זיכער דערהרגענען. און ס'איז אַ שאָד. די דזשומע וועט אַדורך, מ'וועט דאַרפן בויען די קאָמונע — מ'וועט דאַן אַזעלכע באַדאַרפן וואָס־מער.

און מיט די ליפּן האָט ער, ווי אין חלום, איבערגעחזרט אַ טאָג־טעגלעכע אויסגעלערנטע לעקציע:

— אָבער דעמאָלט וועל איך שוין אויך נישט זיין...

דער שלאָף איז אָבער דאָך נישט געקומען, איבערדרייענדיק זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, האָט דער חבר לעקאָק פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. ער האָט אַ קוק־געטון אויפן זייגערל. פיר. ער האָט אויסגערויכערט דעם פּאַפּיראָס, אויפגעשטאַנען, אָנגעצונדן דאָס ליכט, צוגעגאַנגען צום שרייבטישל פון דער שופלאָד האָט ער אַרויסגעצויגן אַ דיקן ברוליאָן אין אַ צעראַטענער הילע, וואָס איז געלעגן טיף באַהאַלטן אונטער די ראַפּאָרטן, און אים פאַנאַנדערגעלייגט אויפן טיש.

בסוד פאַר אַלעמען האָט חבר לעקאָק געשריבן די געשיכטע פון דער דזשומעטן פאַריז. וועגן דעם, אַז ער האָט זיך אַמאָל פאַרנומען מיט ליטעראַטור, האָט ווייניק־ווער געוווּסט. אין דער יוגנט האָט ער געשריבן לידער. דאַכט זיך גאָרנישט קיין שלעכטע. ער האָט זיך, איבעריגנס, דערפון לאַנג שוין אָפּגעזאָגט. ער האָט זיך געשעמט מיט זיינע ליטעראַרישע פעיִקייטן, פונקט ווי מיט זיין ערודיציע און מיט זיין אינטעליגענטישער אָפּשטאַמונג. ווי אַ ווילדע קאַץ האָט ער זיך אָנגעשפּיצט מיט רויקייט, מיט שפּעפּערס פון זעלנערישן לשון, און מיט אַ פּשוטער און גראָבער אויפפירונג.

די אומאויפהערלעכע אַנטוויקלונג פון דער דזשומע האָט אין אים באַפעסטיקט די זיכערקייט, אַז פּאַריז איז אין רינג

פון קאָרדאָן פאַרמשפּט אויסצושטאַרבן, אַז ס׳וועט נישט אַנטרינען ווערן קיין איין לעבעדיקער נפש.

אמת, באַלד פון דער ערשטער רגע, זינט ס׳איז אַנטשטאַנען די רעפּובליק, זענען אויפן באַפעל פון צ. ק. אונטערגענומען געוואָרן די ענערגישסטע מיטלען צו באַקעמפן די מגפה, אויסנוצנדיק די מהומה, וואָס איז אַנטשטאַנען אין די משוגע־געוואָרענע בורזשואַזע קוואַרטאַלן, האָט די רעפּובליק בעלוויל דורך אַ מוטיקן אָנפאַל פאַרנומען דעם פּאַסטער־אינסטיטוט און מיט לאַסט־אויטאָמאָבילן איבערגעפירט אויף איר טעריטאָריע זײַן גאַנצן אינווענטאַר. צענדליקער געלערנטע, וואָס האָבן זיך געווידמעט דער זאַך פונם פּראָלעטאַריאַט, האָבן אין די מוסטערהאַפטע לאַבאָראַטאָריעס געאַרבעט טאָג און נאַכט מיט אַן איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג, כּדי אויסצוגעפינען אַ מיטל אומשעדלעך צו מאַכן דעם טויטנדיקן באַקציל. טאָג־טעגלעך האָט מען געמאַכט פּרוּוו־אײַנשפּריצונגען מיט נײַ־דערפונדענע הייל־סערומס, וואָס האָבן אָבער, פּונקט ווי די פריערדיקע, נישט געבּרענגט די נויטיקע רעזולטאַטן.

נאָך אַ חודש פון אַ אומזיסטן קאַמף, האָט דער חבר לעקאָק אויפגעהערט גלייבן אין דער מעגלעכקייט פון אַ גינסטיקן רעזולטאַט. אויף די געשעענישן, וואָס האָבן זיך אַרום אים אָפּגעשפּילט, האָט ער געקוקט מיט דער נײַגיריקייט פון אַ נאַטור - פאָרשער, וואָס אָבסערווירט דאָס אָפּשטאַרבן פון קעמערלעך. ער האָט געליטן צוליב דעם, וואָס אַזוי פיל דאָקומענטאַלער מאַטעריאַל וועט אומזיסט פאַרפאַלן ווערן און קיינמאָל נישט ווערן קיין דעראָבערונג פון דער מענטשהייט.
דער געדאַנק האָט אים געפּייניקט דורך די נעכט!

ס׳וועלן אַלע אויסשטאַרבן, ס׳וועט נישט בלײַבן קיינער, וואָס זאָל פאַר די קומענדיקע דורות קאָנען פאָרשטעלן די אומפאַרגעסלעכע און משונהדיקע געשיכטע פון דער שטאָט.

ער האָט ענדלעך באַשלאָסן אַליין, בסוד אויפצושרײַבן די כראָניק פון דער שטאָט, אויפן סמך פון די צונויפגעקליבענע מאַטעריאַלן, דערציילונגען און אַליין־געזעענע פאַקטן.

ער וועט שטאַרבן. אַלע וועלן אויסשטאַרבן, ס׳וועט בלייבן דער כתב-יד. ס׳וועט אַדורך די דזשומע, ס׳וועלן קומען נייע מענטשן, זיי וועלן אים אויסגעפינען, אָפּווישן פון שטויב, ס׳וועט אויף אייביק נישט פאַרלוירן גיין דאָס בלעטל געשיכטע, וואָס איז רייך אין ווערטפולע דערפאַרונגען.

און אין די נעכט, באַהאַלטענערהייט, אין די פרייע שעהן פון דינסט. האָט ער אין גראָבן ברוליאָן אַריינגעשריבן די ידיעות, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין משך פון טאָג, ער האָט אין אָרדנונג געבראַכט און דערגאַנצט די אָן אויפהער צופליסנדיקע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן.

ווען ער האָט געעפנט דעם ברוליאָן אויף דער לעצטער פאַרשריבענער זייט, האָט דער חבר לעקאָק נאָכאַמאָל אַ טראַכט געטון וועגן לאַוואַלן. וואָס פאַראַ הערלעכער עקזעמפּלאַר! וועגן אַזעלכע דאַרף מען שרייבן עפּאָפּייען, מ׳דאַרף, איבעריקנס, אָפּוואַרטן דעם סוף פון דער נסיעה. וואָס פאַראַ פאַטעטיש קאַפּיטל! פאַרטראַכט האָט ער איבערגעמישט עטלעכע זייטלעך. ער האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דער נאָטיץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צום אויפשטאַנד אויפן שטח פון פלאַץ ביגאַל און די שכנותדיקע געסלעך, פון דער נייער, אויטאָנאָמישער נעגער-רעפּובליק, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך די נעגער פון מאָנמאַרטר, (דזשאַזבאַנדיסטן און פּאָרטיערן), אַלס צייכן פון פּראָטעסט קעגן דער נעגער-פּרעסערישער אַמעריקאַנער מאַכט, וואָס הערשט אויף דער טעריטאָריע פון די צענטראַל-קוואַרטאַלן. לויט דער דערציילונג פון עדות, האָבן די נעגערס יעדן ווייסן מענטשן, וועלכן זיי האָבן געכאַפּט אויף דער טעריטאָריע פון דעם נייעם מלוכהלע, אָפּגעשניטן דעם קאָפּ, אָפּהיטנדיק דערביי אַלע צערמאָניאַלן, וואָס זיי האָבן איבערגענומען פון קו-קלוקס-קלען.

דער חבר לעקאָק האָט איבערגעמישט אַ ניי זייטל, ער האָט אַרויסגענומען אַ פּול-פּעדער דורכגעקוקט אין די געדאַנקען די מאַטעריאַלן, וואָס ער האָט אָנגעקליבן אין משך פון היינ-

טיקן טאָג, נאָכהער זאָרגפעלטיק אין דער הויך פון זייטל, מיט אַ גלייכן דראַבנעם שריפט אויסגעציקלט דעם טיטל פון אַ ניי־קאַפּיטל:

## די געשיכטע פון דער גראַנאַטענער רעפּובליק.

ס׳האָט קיינער נישט באַמערקט און נישט געטראַכט וועגן דעם, ווו זענען פלוצלינג אַהינגעקומען פון די ראָגן די קליינע, אָנגעבלאָזענע מענטשעלעך אין די גראַ־נאַטענע פעלערינעס, וועלכע זענען, ווי נויטיקע און נאַ־טירלעכע אַקצעסואַרן, געשטאַנען דאָרט זייט צענטליקער יאָרן.

ס׳איז אָבער אַן אַלגעמיינער כּלל, אַז אין דער נאַ־טור ווערט גאָרנישט פאַרלוירן.

די דעזאָריענטירטע, אומנויטיקע פּאָליציי, וואָס איז בהדרגה אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון די ניי־אַנטשטאַנענע מלוכה׳לעך, האָט זיך מיטן כּוח פון געוווינהייט אַוועקגע־לאָזן אין די פּאָליציי־קאַזאַרמעס אויפן אינזל סיטע, וואָס איז פון דריי זייטן געווען אָפּגעשלאָסן דורך דריי אומאָפּ־הענגיקע רעפּובליקן — די געלע, די יידישע און די אַנגלאָ־זאַקסישע.

דאָס אינזעלע סיטע געפינט זיך אין דער אומאָר־מונג פון צוויי אָפּצווייגונגען פון דער סעקוואַנע; אָפּגע־זונדערט דורך דער נאַטור, מאַכט עס אַן איינדרוק פון אַ אייגנאַרטיקע, זעלבסטשטענדיקע טעריטאָריע.

אין יענעם טאָג האָט די אינזל אַ ווימל־געטון מיט אָרבעטסלאָזע גראַנאַטענע מענטשעלעך.

די פאַראייניקטע פּאָליציי האָט זיך צום ערשטן מאָל געפינען אין אַ פאַרלעגנהייט. אָנווערנדיק פּלוצלינג דעם מאַסשטאַב פאַר געזעצלעכקייט, האָט זי נישט געקאָנט זיך אַנטשיידן, וועלכע פון די ניי־אַנטשטאַנענע רעגירונגען אָנערקענען פאַר די געזעצלעכע. גלייכצייטיק האָט זי זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן חשבון וועגן דער פּיקטיווקייט

פון יעטוועדער רעגירונג פון דער זייט קאָרדאָן. די אַר־בעטסלאָזע, גראַנאַטענע מענטשעלעך האָבן אין גיכן אויך זיך קלאָר געמאַכט, אַז זיי פאַרלירן פון טאָג צו טאָג אַלץ מער דעם שיין פון רעאַלע וועזנס און ווערן אַ מעטאַפיזישע פיקציע, אַ ריינער אינהאַלטסלאָזער אומזין, פונקט ווי דער באַגריף גופא: „פּאָליציי פאַר פּאָליציי".

אויפן דריטן טאָג איז אויפן אינזל סיטע פאָרגע־קומען צום ערשטן מאָל אין דער מענטשלעכער געשיכטע אַ דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטסלאָזער פּאָליציי.

אַ המון אַרבעטסלאָזע, גראַנאַטענע מענטשן איז דורכגעגאַנגען דאָס גאַנצע אינזעלע און אָפּגעשווומען צום פּלאַץ פאַר דער פּרעפעקטור. בראש פון דער דעמאָנסטראַ־ציע האָט מען געטראָגן טראַנספּעראַנטן מיט אויפגעשריבענע לאָזונגען: „די רעפּובליק איז געשטאָרבן – זאָל לעבן די רעפּובליק!" מיר פאָדערן אַ וועלכע נישט איז רעגירונג!" „פּאָליציי אָן אַ רעגירונג – איז אַ טראַמוויי אָן אַ עלעק־טראָווניע!" א. אַ.

אויפן פּלאַץ פאַר דער פּרעפעקטור איז פאָרגעקומען אַ אימפּאָזאַנטער מיטינג. נאָך לאַנגע וויכּוחים האָט מען באַשלאָסן, כּדי צו ראַטעווען די פּאָליציי אַלס אַזעלכע, צו ווענדן זיך לויט דער ריי צו די באַזונדערע רעגירונ־גען פון די ניי־אַנטשטאַנענע מלוכות און זיי פאָרלייגן זיי ערדינסט.

– דאָ טאָר נישט שפּילן קיין ראָל נישט די הויט־פאַרב פון דער באַפעלקערונג און אויך נישט די נאַציאָ־נאַליטעט פון דער רעגירונג – האָט געטענהט דער פּראָ־יעקט-געבער – כּדי די פּאָליציי זאָל צוריק באַקומען איר עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, אומקערן זיך פונם פיקטיוון לאַנד אין די ראַמען פון רעאַלע אַנשטאַלטן, מוז זי ווי אַם גיכסטן באַקומען אַ רעגירונג, זאָל כאָטש זיין בלויז אַ אידיי פון אַ רעגירונג. אָן דעם באַגריף: געזעצ־לעכקייט, זענען מיר נישט מער, ווי שאָטנס.

דער פּראָיעקט איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן און צו אַלע רעגירונגען, אַחוץ צו דער בעלוויליער ראַטן־מאַכט, זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן שלוחים מיט פאָרשלאַגן.

אַלע רעגירונגען, מורא האָבנדיק אַריינצוברעכן אויפן געביט פון זייערע טעריטאָריעס אַ נייעם עלעמענט, האָבן אָפּגעזאָגט און באַגרינדעט זייער שטעלונג מיט דער אוממעגלעכקייט צו שפּייזן נייע צוואַנדערער צוליב די קנאַפּע שפּייז־זאַפּאַסן. („מיר האָבן גענוג אייגענע מיילער צו באַשפּייזן").

אינם לעצטן צאַפּל פונם זעלבסטדערהאַלטונגס־אינסטינקט האָט מען אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון אַ פּאָליציאַנט, וואָס האָט פאָרגעשלאָגן אויסצוגעפינען אַ וואָס פאַרנאַ נישט איז ציווילן פאַרשוין און צווינגען אים זיך צו פּראָקלאַמירן פאַר אַ דיקטאַטאָר פון דער אינזל סיטע. מ'האָט באַשלאָסן גלייך איינצואָרדנען אַ אָבלאַווע.

נאָך אַ האַלבע שעה אומזיסטע זוכענישן, האָט זיך ביים ראַנג פון אַ געסל באַוויזן אַ פּאַטרול, וואָס האָט אויף די הענט געטראָגן אַ אומבאַקאַנטן, פּאַראַליזירטן זקן. דער זקן האָט אַרויסגעוויזן נישט קיין צווייטייטיקע סמנים פון פּחד. ווען מען האָט אים אַריינגעטראָגן אין דער פּרעפעקטור האָט ער אָנגעהויבן וויינען און געפּרוווט זיך אַרויסרייסן — פאַרשטענדלעך אָן אַ רעזולטאַט.

אין קאַבינעט פון פּרעפעקט האָט אים אַ דעלעגאַציע פון פּאָליציאַנטן דערקלערט, אַז ער איז אַ דיקטאַטאָר און אין דער אייגנשאַפט איז ער מחויב אַרויסצוגעבן עטלעכע דעקרעטן, וואָס זאָלן צוריק אויפשטעלן דעם באַגריף פון אַ געזעצלעכער מאַכט.

דער זקן איז אַפּאַטיש געזעסן אויפן פאָטעל און לגמרי נישט רעאַגירט אויף דעם כבוד און אויף דער מאַכט, מיט וועלכע מען האָט אים מהנה געווען. מ'האָט געפּרוווט אים אַלץ צו דערקלערן מיט די פּשוטסטע

ווערטער. אומזיסט. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן איז ער געווען טויב.

ענדלעך האָט מען זיך געקאָנט מיט אים שריפטלעך פאַרשטענדיקן. די קאַנצעלאַריע האָט אויסרעדאַגירט אַ מאַניפעסט, וועלכן דער אַלטיטשקער האָט נאָך לאַנגע קווייקלעניש, אונטער דער דראָונג פון אַ רעוואָלווער, לסוף אונטערגעחתמעט.

אין אַ שעה אַרום איז אויף די מויערן פון אינזל סיטע דערשינען דער ערשטער מאַניפעסט פונם נייעם דיקטאַטאָר. אינם מאַניפעסט האָט דער נייער דיקטאַטאָר מודיע געווען, אַז ער נעמט איבער די מאַכט און שטעלט איין אויף דעם אינזל סיטע אַ גרעזעמעסיקע מלוכה. אַלץ, וואָס וועט זיך וואַגן צונטקייגנצושטעלן דער מאַכט פון נייעם דיקטאַטאָר, וועט באַטראַכט ווערן אַלס אַ אומ־געזעצלעכקייט און ווידערשפעניקייט, און וועט אַמשאַרפסטן באַשטראָפט ווערן. אונטערן מאַניפעסט האָט זיך געפינען די חתימה: מאַטירען דיפאָן.

די גאַנצע אינזל האָט אין יענער טאָג אָפגעטעמט מיט פאַרלייכטערונג. די אינסטיטוציע פון פאָליציי, אַלס אַזעלכע איז אָפגעראַטעוועט געוואָרן. די דערפרייטע פאָ־ליציאַנטן האָבן שטאָלץ געשפּאַנט, קלינגנדיק מיט די אָפּצאָסן אויפן אַספאַלט, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך נאָך מער געוואָלט פאַרזיכערן אין זייער אָן־ספקדיקער רע־אַלקייט.

אָבער דערמיט וואָס מ'האָט אַרויסגעגעבן דעם מאַ־ניפעסט האָט לגמרי די אַרבעטסלאָזיקייט נישט אויפגע־הערט. קיינער האָט נישט געטראַכט אַרויסצוטרעטן קעגן דער מאַכט פון נייעם דיקטאַטאָר, צוליב וואָס דער באַ־גריף פון אומגעזעצלעכקייט איז אין דער נייער מלוכה פאַרבליבן אין דער ספערע פון ריינער טעאָריע.

נאָך עטלעכע טעג, ווען דער זקן האָט דערזען, אַז קיינער וויל אים נישט טון קיין שלעכטס, איז ער גע־

וואָרן ריידעוודיקער און האָט זיך אַפילו געלאָזט צורעדן פערזענלעך אַריינצוקוקן אין די מלוכה־ענינים.

די ערשטע זעלבסטשטענדיקע פאַראָרדנונג פון נייעם דיקטאַטאָר איז געווען דער באַפעל וועגן גרויסע מאַנעוור־רען אויפן פּלאַץ פאַר דער פּרעפעקטור. דערפרייט מיט די באַווייזן פון אַקטיוויטעט מצד זייער דיקטאַטאָר, האָבן די פּאָליציאַנטן דעפילירט מיט אימפּעט און מוט, דער דיקטאַטאָר האָט פון אַ באַלקאָן אויפגענומען די דעפי־לאַדע און געפּאַטשט מיט די הענט פאַר שמחה.

נאָך די דאָזיקע ערשטע באַווייזן פון אויפלעבן איז דער אַלטער ווידער אַריינגעפאַלן אין זיין פריערדי־קער אַפּאַטיע.

אויפן דריטן טאָג האָט די קאַנצעלאַריע געמאָלדן דעם דיקטאַטאָר אין איר מאָרגן־ראַפּאָרט, — נאָך די קאָנ־ווענציאָנעלע באַמערקונגען, אַז אין דער מלוכה הערשט רו און אָרדנונג, און אַז מען האָט נישט באַמערקט קיין שום פאַלן פון אומגעזעצלעכקייט — אַז ס'איז אומבאַדינגט נויטיק אויפצונעמען צו דעפינירן דעם באַגריף פון אומגעזעצ־לעכקייט און צו באַשטימען כאָטש עטלעכע פאַרברעכער, ווייל אָן פאַרברעכער הויבט אָן די פּאָליציי צו צווייפלען אין איר אויטענטישער רעאַלקייט.

אַלס ענטפער אויפן ראַפּאָרט האָט דער אַלטיטשקער אומדערוואַרטעט, צום ערשטן מאָל אַליין געפאָדערט אַ פעדער און פּאַפּיר.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט אויף די מויערן פון סיטע זיך באַוויזן אַ דעקרעט, וואָס האָט אינם פאַר־שלאָפענעם אינזעלע אַרויסגערופן אַ אומגעוויינלעכע אויפ־רודערונג. דער דעקרעט האָט דערקלערט אַלע בלאָנדע איינוווינער פון דער אינזל אַלס שונאים פון דער מלוכה, און די ברונעטן — פאַר כשרע בירגער. די געזעצלעכע קאַדרען פון דער פּאָליציי האָבן באַקומען דעם באַפעל צו

ליקווידירן די נייע פֿאַרברעכער במשך פֿון דער קורצסטער צייט, נישט איבערקלייבנדיק אין קיין שום מיטלען.

אין דעם דאָזיקן אָוונט האָט די אינזל סיטע אויס־געזען, ווי אין אירע בעסטע צייטן. פֿונעם פּרעפֿעקטור־טויער זענען איינער נאָכן צווייטן אַרויסגעגאַנגען פּאַטרולן און בהדרגה פֿאַרשווונדן געוואָרן אין די טונ־קעלע הייזער. דריי טעג צייט האָט געדויערט די אָב־לאַווע, וואָס האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין פֿאַרשידענע ערטער אין בלוטיקע צוזאַמענשטויסן. צום סוף פֿון דריטן טאָג האָט מען אויסגעפֿאַנגען אַלע פֿאַרברעכער און פֿאַרשפּאַרט זיי אין די פּאָליציייִשע אַרעסטן. אויף דער אינזל סיטע האָט ווידער געהערשט רו.

אויסגעשעפּט פֿון דער אומגעהויערער אויסלאָדונג פֿון ענערגיע, איז דער דיקטאַטאָר צוריק אַרייַנגעפֿאַלן אין זײַן אַפּאַטיע־צושטאַנד, אַז ס'איז אוממעגלעך געווען ביי אים אַפֿילו צו פּועלן ער זאָל לייענען די טאָג־טעג־לעכע ראַפּאָרטן.

אונטערציִענדיק אַ סך־הכּל פֿון די אויבן באַשריבע־נע געשעענישן זענען מיר געצוווּנגען אויסצודריקן אונזער ספֿק, צי עס וואָלט זיך דער מוטיקן אינזעלע איינגעגעבן צו ראַטעווען די אַנדערשוווּ נוצלעכע פּאָליציי־אינסטיטו־ציע, ווען דעם פֿאַרשלאָפֿענעם דיקטאַטאָר וואָלט נישט געקומען צו הילף די פּונקט אַזוי פֿאַרשלאָפֿענע אָבער מער קאָנסעקווענטע דזשומע.

## VI

אינם קילן דיצונגס־זאַל פון אינסטיטוט, בײם ריזיקן טיש, וואָס איז געדעקט געווען מיט גרינעם טוך און פאַרלייגט מיט פּאַפּירן, איז געזעסן פּ׳אַן טשיאַנג קועי אינם הויכן פּרעזידיאַלן פאָטעל, אײַנגעטון אין גרויע העגטשקעס און דעם האַלז פאַרוויקלט אין אַ שאַליק (אַן אופן, אַז נאָר די קלענסטע הויט־אויבערפלאַך זאָל זיך אוממיטלבאַר צונויפטרעפן מיט דער פאַרדזשומעטער לופט).

אויף ביידע עקן טיש האָבן צוויי מאַשין־שרײַבערינס גלײַכצײַטיק אויסגעקלאַפּט דעם טעקסט פון צוויי צירקולאַרן, וועלכע ער האָט דיקטירט. דער טעלעפאָן, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, און אַלע ווײַלע איבערגעריסן די אַרבעט מיט זײַן שאַרפן קלינגען, האָט פון דער שוואַרצער לופטע פונם הער־טרײַבל אַרויסגעשליידערט ראַפּאָרטן פון פאַרשידענע פונקטן פון דער מלוכה.

די ראַפּאָרטן זענען אין אַלגעמיין געווען נישט קיין פריילעכע. טראָץ די אויסערגעוויינטלעכע פאַרהיטונגס־מיטלען האָט די דזשומע אויפן שטח פון דער גייער מלוכה זיך פאַר־שפּרייט פאַמעלעך, אָבער אומאויפהערלעך. פּ׳אַן טשיאַנג קועי האָט באַשלאָסן זיך אָפּצורעכענען מיט איר אויף אַן אַזיאַטישן אופן.

אויפן פערטן טאָג נאָך דער אַנטשטייונג פון דער רע־פובליק האָט זיך אויף די מויערן פון די הייזער באַוויזן אַ דעקרעט, וואָס האָט אַזש דורכגענומען מיט קעלט. פעסטשטעלנ־

דיק, אַז די הערשנדיקע דזשומע האָט זיך אין דער איצטיקער פאָרם אַרויסגעוויזן אַלס אומהיילבאַר, און אַז די אָנגעשטעקטע מענטשן, וואָס ווערן קינסטלעך דערהאַלטן ביים לעבן, זענען נאָר בלויז ווייטער־דיקע פאַרשפרייטער פון דער מגפה, האָט דער דעקרעט דערקלערט, אַז אויף להבא וועט יעדער איינער פון די אָנגעשטעקטע גלייך ווערן דערשאָסן. די געזונטע בירגער זענען מחויב גלייך מודיע צו זיין וועגן יעדן דזשומע־פאַל. שולדיקע אין אויסבאַהאַלטן די אָנגעשטעקטע וועלן דערשאָסן ווערן גלייך מיט יענע.

די טרוקענע טעלעפאָנישע ראַפּאָרטן האָבן אַלע ווײַלע מודיע געווען וועגן נײַע עקזעקוציעס. די דזשומע האָט אָנגענומען דעם אַרויסרוף. אויפן גרינעם טוך פון טיש, ווו אָנשטאָט קאָרטן זענען מיט אַ געפלאַטער געפאַלן אין איילעניש אונטער־געשריבענע קוויטלעך פון באַפעלן, איז פאָרגעקומען אַ האַזאַרד־שפּיל. פון דער טיף פון הויכן פאָטעל האָט פּ׳אַן טשיאַנג קועי אויף די דעקרעטן, וועלכע מ׳האָט אים כסדר אונטערגערוקט צום אונטערשרייבן, געהתמעט דעם זיג־זאַג פון זיין נאָמען, גלייך ווי ער וואָלט אויפן טיש געוואָרפן אַ נייעם אַטוט. די פּאַרטנערין האָט פון ערגעץ, פון ווייט, דורך דער טרובע פונם טעלעפאָנישן הער־טרייבל, געענטפערט מיט אַ ציפער פון נײַע עקזעקוציעס.

נאָך דעם, ווי ער האָט אָפּדיקטירט אַלע צירקולאַרן, האָט פּ׳אַן טשיאַנג קועי מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט באַפרייטביידע מאַשין־שרייבערינס און אַליין פאַרבליבן אינם זאַל, ווו ס׳האָט פאַמעלעך אָנגעהויבן אַלץ טונקעלער צו ווערן. דער מח וואָס איז אָנגעשטרענגט געווען דורך דעם נישט גלייכן, שלאָפ־לאָזן קאַמף, האָט געמאַנט אָפּרו. דאָס גלעקל פון טעלעפאָן האָט אויסגעהוסט אַ נײַע ציפער פון אומגעבראַכטע. פּ׳אַן טשיאַנג קועי האָט מיט כעס אָפּגעשטעפּט דאָס טרייבל און עס אַ שליידער־געטון אויפן טיש. דאָס מאַכטלאָזע מויל פונם טרייבל האָט כעסדיק געסיטשעט אין דער פוסטקייט.

פּ׳אַן טשיאַנג קועי האָט פּלוצלינג דערפילט אַ פאַרלאַנג

נאָך לופט. שוין דריי טעג, ווי ער האָט אַ צוגעשמידטער צום פּאָטעל, נישט פאַרלאָזט דעם זאַל. ער האָט אָנגעטון דעם הוט, פאַרשלאָסן דעם זאַל און דורך די שטיינערנע טרעפּ, ווו ס'זענען געשטאַנען שטייפע קרומאויגיקע וואַך־פּאָסטנס, איז ער שנעל אַראָפּגעלאָפן אויף דער גאַס.

אויף די גאַסן איז געווען פּוסט. איבער די ליידיקע, שמאָלע טראָטואַרן זענען דאָ און דאָרט דורכגעלאָפן איינזאַמע, געלע פאַרבייגייער.

דורך באַקאַנטע גאַסן איז פּ'אַן טשיאַנג קועי צוגעגאַנגען צום לוקסעמבורגער גאָרטן, וואָס איז פאַרביטן געוואָרן אויף אַ מלוכהשן קרעמאַטאָריום. פון ערגעץ, פון דער טיף האָט אים מקבל פּנים געווען אַ טרוקענער שאָס. פּ'אַן טשיאַנג קועי האָט פאַרצויגן די ברעמען און צוגעאײַלט זיינע טריט.

דורך אַ מאָדנעם אָפּשפּרונג פון איינדרוקן האָט זיך אים דערמאָנט דער פּראָפעסאָר, און אויף זיינע ליפּן האָט זיך באַוויזן דער אַזוי זעלטענער שמייכל.

אין דער נאַכט פון דער איבערקערעניש איז דער פּראָפעסאָר, דער איינציקער פון די ווייסע, אויפן סמך פון אַ ספּעציעלן באַפעל, אַרעסטירט געוואָרן און מ'האָט אים אינטערנירט אין איינעם פון די פּאַלאַצן אינם לאַטיינישן קוואַרטאַל, ווו ער האָט זיך געפינען אין דער שטרענגסטער אָפּגעזונדערקייט.

אינם פּאַלאַץ האָט מען איינגעאָרדנט אַ מוסטערהאַפטע לאַבאָראַטאָריע, ווו אונטער דער פּערזענלעכער השגחה פונם פּראָפעסאָר, האָבן אַ צענטליק כינעזער, אַסיסטענטן און סטודענטן פון באַקטעריאָלאָגיע, אומדערמידלעך געאַרבעט פיר און צוואָנציק שעה אין מעת־לעת, כדי אויסצוגעפינען אַ סערום, וואָס זאָל קאָנען פאַרניכטן דעם מערדערלעכן באַקציל.

מ'מוז מודה זיין, אַז דער פּראָפעסאָר האָט ערלעך געהאַלטן זיין וואָרט און טאָג און נאַכט געאַרבעט אָן אָפּרו. אינם האַזאַרד־קאַמף מיט דער פאַרעקשנטער מגפה האָט זיך אין אים אָנגערופן דער אָדער פונם וויסנשאַפטס-מאַן; אין אָנ־

הויב אָן חשק, אָבער מיט יעדער נייעם דורכפאַל האָט ער זיך אַלץ מער אָנגעצונדן, און געשווירן פאַר יעדער פּרייז צו באַזיגן דעם רשעותדיקן באַקציל, וואָס האָט באַליידיקט זיין אַמביציע פון אַ געלערנטן און געוואַגט צו שטעלן אונטער אַ פראַגע-צייכן די מעכטיקייט פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט. וואָס לענגער ס'האָבן געדויערט די נישט געלונגענע פּרוּוון, אַלץ מער האָט ער זיך פאַרעקשנט. ס'האָט זיך געענדיקט דערמיט, אַז ער האָט כמעט אינגאַנצן אויפגעהערט צו שלאָפן, אויף קיין איין רגע אַפילו האָט ער נישט פאַרלאָזט די לאַבאָראַטאָריע און נאָר מיט מי האָט מען אים געצוווּנגען צו עסן. דער פּראָפעסאָר, אַן אָפּגעשלאָסענער צווישן מיקראָסקאָפּן, פּראָבעפלעשלעך און קאָלבעס, איז געווען אויסגעדאַרט און געל פון די נישט דורכגעשלאָפענע נעכט און אויסגעמאַטערט, און האָט מיט זיין צעפלאַטערט בערדל, אויסגעזען, ווי אַ מיטלאַלטערלעכער אַלכעמיקער, וואָס איז באַהערשט דורך אַ קרענקלעכער תאווה צו אַנטדעקן דעם פילאָזאָפישן שטיין און וואָס לאָזט זיך נישט אָפּשרעקן דורך קיין שום דורכפאַלן.

אויפן צענטן טאָג נאָך דער איבערקערעניש האָט פּ'אַן טשיאַנג קועי פּערזענלעך באַזוכט דעם פּראָפעסאָר אין זיין נייער וווינונג, כדי צו זען, צי ער נויטיקט זיך נישט אין עפּעס. דער פּראָפעסאָר האָט נערוועז איבערגעשטעלט עפּעס פּראָבעפלעשלעך און זיך געפּאָרעט נעבן מיקראָסקאָפּ.

— איך בין זיך מתחיב אויסצוראָטן דעם פאַרשאָלטענעם באַקציל, — האָט ער געזאָגט און ביים ליכט געשאָקלט מיט עפּעס אַ פּראָבע־פלעשל — זאָגט מיר אָבער צו, אַז איר וועט נישט אויסנוצן דעם סערום, וואָס איך וועל אויסגעפינען, בלויז פאַר אייערע געלע, נאָר לאָזן פון אים געניסן אויך די ווייסע קוואַרטאַלן פון שטאָט. כ'האָב נישט בדעה צו ראַטעווען פון טויט נאָר בלויז די אַזיאַטן, איבערלאָזנדיק אויף הפקר מיינע ווייסע ברודער.

— אויב ס'האַנדלט זיך נאָר וועגן דעם, קאָן איך אייך באַרויקן — האָט מיט אַ שמייכל אָפּגעענטפערט פּ'אַן טשאַנג

קוּעי — מיט אײַער סערום, גלײַך ווי איר וועט אים נאָר אויסגעפינען, וועלן זיך קענען באַנוצן, אמת נישט אַלע ווײַסע קוואַרטאַלן, אָבער דערפאַר דעם אַממיינסטן באַפעלקערטער צווישן זיי — דער אַרבעטער קוואַרטאַל בעלוויל. יאָ, אויב איר ווייסט נאָך נישט די לעצטע נײַעסן, קאָן איך אײַך איבערגעבן, אַז די טעג האָבן די אַרבעטער־קוואַרטאַלן בעלוויל און מענימאָל־מאָן מיט זייער שכנותדיקער סביבה זיך אָפּגעריסן פון דעם איבריקן טייל שטאָט און געשאַפן אַ זעלבשטענדיקע אַרבעטער ראַטן־רעפּובליק. אין איצטיקן מאָמענט פאַרמאָגן זיי לאַבאָראַ־טאָריעס נישט ערגערע, ווי אונזערע, ווי אײַערע קאָלעגן אַרבעטן, כדי צו ליקווידירן דעם געמיינזאַמען שונא. כ׳האָב דעם אײַנדרוק, אַז די אינפאָרמאַציעס וועגן דעם גאַנג פון זייערע אַרבעטן דאַרפן אײַך אינטערעסירן, און אַז אַ קעגנזײַטיקער אויסטויש פון די באַאָבאַכטונגען וואָלט זיכער געבראַכט אַ נוצן פאַר ביידע צדדים. איך האָב באַוויזן — וואָס אַן אמת נישט אַזוי לײַכט — אָנצוקניפּן מיט זיי אַ טעלעפאָנישן קאָנטאַקט. מיר האָבן צו דעם צוועק געמוזט דורכלייגן דראָטן איבער אַלע קוואַרטאַלן, וואָס ליגן צווישן אונז, און דאָס איז נישט געווען אַזוי לײַכט בײַ דער איצטיקער פונאַנדער־טיילונג פון פּאַריז אויף זעלבסטשטענדיקע מלוכהלעך. מיר זענען געפאַלן אויף אַ המצאה אויסצונוצן צו דעם צוועק די טונעלן פון דער אונטער־ערד־באַן. הײַנט אין אָוונט וועלן מיר אײַך אײַנאָרדנען אַן אַפּאַראַט, וואָס וועט אײַך דירעקט פאַרבינדן מיט דער לאַבאָראַטאָריע פון דער רעפּובליק בעלוויל.

דער פּראָפעסאָר איז געווען אַנטציקט:

— וואָס זאָגט איר! דאָס איז אַ קאָלאָסאַלע פאַרלײַכטע־רונג. אויב יענע האָבן גוט־אײַנגעאָרדנטע לאַבאָראַטאָריעס, וועלן מיר קענען גלײַכצײַטיק אויספירן פיל עקספּערימענטן. דאָס וועט בלי ספק צואײַלן דעם רעזולטאַט פון מיינע נאָכפאָר־שונגען. יאָ, דאָס איז באמת אַ גלענצנדיקער אײַנפאַל.

— צי האָט איר נישט נאָך עפּעס פאַרלאַנגען?

— יאָ, הייסט אָוועקנעמען פון דאַנען דעם ראַדיאָ. די

אַסיסטענטן, וועלכע קאָנען הערן די ידיעות אין אַ צווייטן צימער, אויב ס'אינטערעסירט זיי. און איך האָב אינם איצטיקן מאָמענט נישט דעם קאָפּ דערצו. דאָס שטערט מיר אין דער אַרבעט.

— אייער באַגער וועט ווערן דערפילט.

זיי האָבן זיך געדריקט די הענט, ווי צוויי אַלטע באַקאַנטע.

בעת פּ'אַן טשיאַנג קועי איז אַראָפּגעגאַנגען פון די שטיגן צום טויער, האָט ער אָנגעטראָפן אויף איינעם פון די אַסיסטענטן, אַ קליינעם, אָנגעבלאָזענעם יאַפּאַנער. זיי האָבן זיך געחברט אַמאָל אויף דער כאַרבאָנע. דער קליינער יאַפּאַנער איז געווען ריין און ציכטיק אָנגעטאָן, אָן אַ שטויבעלע אויפן אַנצוג. ער האָט אים דערמאָנט אָן די שטענדיק ריין אָפּגעשטויבטע שפּילעכלעך, וואָס שטייען אויף אַ עטאַזשערקע.

דער יאַפּאַנער האָט, ווייזט אויס, דאָ ספּעציעל געוואַרט.

פּ'אַן טשיאַנג קועי איז אויפגעפאַלן זיין בלאַסקייט און די דערשראָקנקייט, מיט וועלכע ער האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— וואָס איז געשען? צי האָט איר מיר עפּעס צו זאָגן?

— כ'נעם זיך די דרייסטקייט אייך צו בעטן... כ'האָב צו אייך אַ גרויסע בקשה... — האָט שטיל געזאָגט דער יאַפּאַנער, און די שמאָלע ליפּן האָבן משונהדיק אונטערגעשפּרונגען, זיי האָבן פּלוצלינג אַ פלאַטער־געטון, אַראָפּגעפאַלן און זיך צוגעדריקט צו דער ביינערדיקער, גראָבער האַנט פון פּ'אַן טשיאַנג קועי.

פּ'אַן טשיאַנג קועי האָט אַן איבערראַשטער אַרויסגעריסן די האַנט.

— איר זענט משוגע געוואָרן! ווענן וואָס גייט עס אייך?

— כ'נעם זיך די דרייסטקייט צו האָבן צו אייך אַ גרויסע בקשה, גאָר אַ גרויסע בקשה... — האָט איבערגעחזרט דער אַסיסטענט, און שלינגענדיק שנעל די ווערטער האָט ער זיי אָפּגעהאַקט מיט די ווייסע, אַרויסשטאַרנדיקע ציין. — איך בין דאָ לגמרי אָפּגעזונדערט. ס'איז מיר נישט דערלויבט מיט קיינעם

יך צונויפצוטרעפן. מ׳האָט מיר היינט טעלעפאָנירט פון שטאָט... מיין פרוי איז קראַנק געוואָרן. זי האָט וויטיקן. ס׳איז אפשר גאָרנישט קיין דזשומע. זי האָט געמוזט עסן עפּעס אַ נישט פרישע זאַך. די שכנים האָבן געמאָלדן. מ׳האָט זי צוגענומען אין באַראַק. היינט אָוונט, אַכט אַזייגער, וועט זי דערשאָסן ווערן. איר פאַרשטייט? היינט אָוונט... זאָלן זיי כאָטש איבער־וואַרטן ביז מאָרגן. מיר פּרוּוון אַ נייעם סערום. מאָרגן וועלן זיין רעזולטאַטן. אַלץ באַווייזט אויף אַ גינסטיקן רעזולטאַט. מאָרגן קען זיך אַרויסווייזן, אַז די דזשומע איז היילבאַר. איר פאַרשטייט? מ׳טאָר דעריבער נישט ביי די באַדינגונגען זי היינט דערהרגענען. און איבעריקנס, אפשר איז דאָס בכלל נישט קיין דזשומע. די ערשטע סימנים זענען אָפט נישט קיין ריכ־טיקע. אפשר איז עס אַ פשוטע מאָגן־פאַרדאַרבונג. מ׳דאַרף אי־בערוואַרטן, אונטערזוכן. איזאָלירן זי כאָטש אויף עטלעכע טעג. אַז זי וועט זיין אָפּגעזונדערט, וועט זי דאָך פאַר קיינעם נישט זיין קיין סכנה. מ׳דאַרף נאָר אויפהאַלטן די עקזעקוציע. אייער טעלעפאָנישער באַפעל... איר פאַרשטייט, חבר... זי הייסט...

פ׳אַן טשיאַנג קוֹעי האָט מיט חידוש געקוקט אויפן אַסיס־טענט.

— איך פאַרשטיי אייך נישט, חבר. בעסער געזאָגט, כ׳הייב אייך אָן, דאַכט זיך, צו פאַרשטיין — האָט ער שאַרף געזאָגט — ס׳גייט אייך, אויב כ׳האָב נישט קיין טעות, וועגן פּראָטעקציע. איר פאָדערט צו ברעכן דאָס געזעץ וועגן קאַמף מיט דער מגפה, כדי אויף אַ פּאָר טעג צו פאַרלענגערן דאָס לעבן פון איינעם פון די אָנגעשטעקטע פּערזאָנען, בלויז צוליב דעם, וואָס אָט די פּערזאָן איז אייער ווייב. איר פאַרגעסט, דאַכט זיך, אַז טאָג איין טאָג אויס קומען אום צענדליקער פון אונזערע בעסטע טוער און נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס מיר ווענדן אָן דאָס געזעץ וועגן דערשיסן די אָנגעשטעקטע, איז אונז געלונגען צו פאַר־קלענערן די צאָל פון די טויט־פאַלן מיט העכער פופציק פּראָצענט.

דער יאַפּאַנער האָט שנעל געפינטלט מיט די אויגן.

— מיר פּרוּוון אויס אַ נייעם סערום... מאָרגן וועלן זיין

רעזולטאַטן... מאָרגן קאָן זיך אַרויסווייזן, אַז די דזשומע איז היילבאַר... האַלט אויף די גאַנצע היינטיקע פּאַרטיע... אויב דער עקספּערימענט וועט זיך נישט איינגעבן, וועט מען זי קאָנען מאָרגן דערשיסן. און אפשר וועט אונז דאָך געלונגען זיי צו ראַטעווען? איבעריקנס, כ'בין זיכער, אַז מיין פרוי האָט נישט קיין דזשומע... ס'איז אַ פּשוטע מאָגן־פאַרדאַרבונג... ווען מען זאָל זי נאָר איזאָלירן...

פּ'אַן טשיאַנג קועי האָט טרוקן איבערגעריסן:

— איר חזרט איבער דאָס לידל פון יעדן פאַרדזשומעטן. אויב אייער פרוי האָט אפילו נישט געהאַט קיין דזשומע, האָט זי זיך איצט שוין זיכער אָנגעשטעקט. איבעריקנס, מיר קאָנען זיך נישט שפּילן מיט קיין אויסנאַמען און האָדעווען מגפה־באַקצילן. אַלע ביזאיצטיקע סערומס האָבן נישט געבראַכט קיין שום רעזולטאַטן. ס'איז נישטאָ קיין שום גרונט צו האָפן, אַז דער לעצטער וועט זיין בעסער. אויף אַזאַ אופן וואָלטן מיר געמוזט אָפּלייגן די עקזעקוציעס פון טאָג צו טאָג און מאַגאַזינירן די אָנגעשטעקטע. מיר זענען אָבער נישט אימשטאַנד זיי אַזוי אָפּצוהיטן, אַז זיי זאָלן נישט קומען אין באַרירונג מיט דער געזונטער באַפעלקערונג, ווייל מיר האָבן נישט דערצו די נויטיקע מחנות פאַרטאַרן. מיט אַנדערע ווערטער וואָלט דאָס געהייסן ווידער פאַרגרעסערן די שטערבלעכקייט מיט די פריערדיקע פופציק פּראָצענט. כ'ווונדער זיך אויף אייך, חבר.

די ליפּן פונם קליינעם יאַפּאַנער האָבן קלאַנגלאָז געציטערט.

פּ'אַן טשיאַנג קועי איז צעראָפּגעלאָפן פון די שטיגן און אַרויס דורכן טויער. אויף דער גאַס האָט זיך אים פאַר די אויגן ווידער אַמאָל באַוויזן דאָס ציטעריקע יאַפּאַנערל מיט די ציטערדיקע ווינקעלעך פון די בלאַסע ליפּן.

— כדי צו ראַטעווען איין ספּודניצע — אָנשטעקן צעלעמען! — האָט ער מיט פאַרביטערונג געטראַכט — אייגנטלעך וואָלט מען טאַקע אַזעלכע באַדאַרפט דערשיסן...

אין אַ רגע אַרום האָט ער, איבעריקנס, פאַרגעסן וועגן גאַנצן אינצידענט.

ס'זענען פאַרביי צוויי וואָכן. פּ'אַן טשיאַנג קועי, וואָס איז פאַרנומען געווען מיט די ענינים פון דער מיניאַטור-רעפּובליק, האָט זינט יענעם טאָג נישט באַזוכט דעם פּראָפעסאָר. ער האָט אַפילו יעדן טאָג באַקומען גענויע טעלעפאָנישע ביולעטינען וועגן דעם מצב פון פּראָפעסאָרס אַרבעטן, וואָס האָבן, ווי צו להכעיס די אומדערמידלעכע אָנשטרענגונגען, דאָך נישט געבראַכט צו קיין שום פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. אויסנוצנדיק אַ פרייער מינוט, האָט פּ'אַן טשיאַנג קועי באַשלאָסן אים צו באַזוכן.

מיט די סטעזשקעס פון די בין-השמשותדיקע געס, צן האָבן די צוגעווינטע פיס אים אַריסגעפירט אויפן פּאַנטעאָן-פּלאַץ. דאָס פענסטער אויפן דריטן שטאָק אינם הויז נומער 17 האָט, פּונקט ווי אַמאָל, זיך געלויכטן מיט דער בעלמע פונם פאַרהאַקטן לאָדן.

מיטאַמאָל האָט אָנגעהויבן פאַלן אַ רעגן און די הייזער זענען פאַרשטעלט געוואָרן מיט פירהענגלעך פון גלעזערנע קרע־לעכלעך. וואַלנדיק איבערוואַרטן דעם רעגן, איז פּ'אַן טשיאַנג קועי אַריין אינם אָפענעם פּאַנטעאָן.

דער פּאַנטעאָן איז געווען ליידיק און פונם הויכן קופּאָל, פון די שטענדיקע נאַוועס, האָט געוויישט מיט קילקייט און שלווה. אויף דער פוסטער קאַסע האָט זיך נאָך געזען דער אַלטער נישט גאַנצאויסגעמעקטער אויפשריפט: „איינגאַנג 2 פראַנק". די איינזאַמע טריט איבער דעם שטיינערנעם דיל האָבן זיך איבערגעחזרט מיט אַ הילכיקן, פּילמאָליקן ווידערקול. פון אַלע זייטן האָבן די גוט באַקאַנטע געשטאַלטן זיך איינגעקוקט אינם באַזוכער מיט די אויגן-ווייסלעך אָן ברעמען...

* * *

דער רעגן האָט שוין לאַנג געהאַט אויפגעהערט, ווען פּ'אַן טשיאַנג קועי האָט זיך צוריק באַוויזן אין דער טיר פון פּאַנטעאָן.

אַרום די שטאַכעטן האָט זיך דערווייל פֿאַרזאַמלט אַ גרופּע געלע, וואָס האָט מיט ענטוזיאַסטישע אויסגעשרייען באַגריסט דעם דיקטאַטאָר. פּ'אַן טשיאַנג קועי האָט אומגעלומפּערט צוריקגעגריסט, אַ פֿאַרדאַגהטער אויפֿגעשטעלט דעם קאָלנער פֿון פֿאַלטן און שנעל פֿאַרשוווּנדן אין די געדרייטע געסלעך.

ס'איז שוין געוואָרן טונקל. אויף די טראָטואַרן, וואָס זענען געווען פֿאַרטרונקען אין חושך, האָבן געלע לאַמטערן־צינדער איילִיק אויפֿגעהאָנגען מיסטעריעזע קוילן פֿון פּאַפּירענע לאַמטערן, ווי בונטפֿאַרביקע אַקצעסואַרן פֿון עפּעס אַ פֿאַנטאַסמאַגאָרישער נאַכט אין ווענעדיק.

אין דער לאַבאָראַטאָריע פֿונעם פּראָפֿעסאָר האָט זיך איינגעשטעלט אַ זלשותדיקע אָראַנזשעריע־לופֿט, וואָס האָט אַלע קאָנטורן צעשפּאָלטן אין אַ וואַקלדיקער טאָפּלטער ליניע; די פֿון מידקייט פֿויל־געוואָרענע, שלעפֿעריקע אַסיסטענטן, האָבן זיך געוואַקלט אין דער דאָזיקער לופֿט, ווי פֿליגן אונטער אַ דיקן גלעזערנעם קלאָש.

דער פּראָפֿעסאָר האָט מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ איבערגעגאָסן פֿון איין כּלי אין אַ צווייטער אַ מוטנע, ווייסלעכע פֿליסיקייט, ער האָט זי געמישט מיט סובסטאַנצן פֿון פֿאַרשידענע פֿראַבע־פֿלעשלעך און צוגעגרייט עפּעס אַ רעאַקציע. אויף די פֿראַגן פֿון פּ'אַן טשיאַנג קועי האָט ער אָפּגעברומט אומפֿאַרשטענדלעך און אומגעדולדיק זיי אָפּגעטריבן מיט די הענט. ס'איז אוממעגלעך געווען אַרויסצובאַקומען פֿון אים אַ וואָרט.

האַלב־צעמישטע פֿון אויסגעשעפּטקייט האָבן די אַסיסטענטן אויסגעזען גלייך, ווי זיי וואָלטן נישט פֿאַרשטאַנען די פֿראַגן, וועלכע מ'האָט זיי געשטעלט, זיי האָבן נישט גלייך געענטפֿערט און נישט צו דער זאַך.

נאָך דעם ווי פּ'אַן טשיאַנג קועי האָט זיך אַ ווײַלע געדרייט איבער די זאַלן, האָט ער אַרויסגענומען זיין זייגערל. ס'איז געווען זיבן, די צייט פֿונעם פֿאַרנאַכטיקן ראַפּאָרט. פּ'אַן טשיאַנג קועי איז מיט שנעלע טריט צוגעגאַנגען צום אַרויסגאַנג. אין דער טיר האָט ער מיט אימפּעט זיך צונויפֿגעשטויסן מיט אַ

קליינעם אַסיסטענט אין אַ ווייסן כאַלאַט. ס׳האָט אַ שפּריץ־געטון גלאָז. די אויסגעגאָסענע פליסיקייט האָט פּ׳אַן טשיאַנג קועי באַשפּריצט דאָס פּנים און דעם אַנצוג. דער קליינער אַסיסטענט האָט איבערגעבעטן. פּ׳אַן טשיאַנג קועי האָט אַ קוק־געטון אויף דעם העלזל פון דעם צעהאַקטן פּראָבע־פלעשל, וואָס דער אַסיס־טענט האָט געהאַלטן צוגעדריקט אין די פינגער, און אויפגע־הויבן דעם בליק אויף דעם ווייסן פלעק פון פּנים, וואָס איז געוועזן קייגן אים. דאָס פּנים האָט אים אויסגעזען צו זיין באַ־קאַנט. דורך אַ ווײַלע האָט ער זיך באַמיט צו דערמאָנען. שמאָלע ציטערדיקע ליפּן. דאָס קליינע ציכטיקע יאַפּאַנערל, ער האָט געבעטן פּראָטעקציע פאַרן ווייב...

דער יאַפּאַנער האָט זיך אַזש צעשוווּמען אין אַנטשולדי־קונגען. פּ׳אַן טשיאַנג קועי האָט אים שאַרף געקוקט אין די אויגן און אָנגעטראָפן אויף דעם ווידערשטאַנד פון אַ פּאָר קאַלטע, אין אים אָנגעשפּיזטע שוואַרצאַפּלען. דורך אַ ווײַלע האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער דערזעט אין זיי צווייַ שפּאַ־טישע פייערלעך. נישט זאָגנדיק קיין וואָרט האָט ער זיך אויס־געדרייט אויף דער פּיאַטע און אַריין אין דער טיף פון דער לאַבאָראַטאָריע. ער האָט פון דער אַפּטייק־שאַנק אַרויסגענומען אַ גרויסע פלאַש מיט סובלימאַט, באַשפּריצט דעם גאַנצן אַנצוג, לאַנג און זאָרגפעלטיק געוואַשן דאָס פּנים און די הענט. דער־נאָך נישט קוקנדיק אויף דעם אַסיסטענט, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ פאַר אים אַנטשולדיקט, איז ער שנעל אַראָפּגעלאָפן פון די שטיגן.

נאָכדעם ווי ער איז צוריקגעקומען אין אינסטיטוט, האָט פּ׳אַן טשיאַנג קועי אָפּגענומען די ראַפּאָרטן און אַרויסגעגעבן באַפעלן אויפן קומענדיקן טאָג. דער ווייזער פון גרויסן זייגער האָט זיך שוין דערנענטערט צו צוועלף, ווען דער דיקטאַטאָר האָט משלח געווען דעם לעצטן קוריער און אויסגעלאָשן דעם צו העלן זשיראַנדאָל.

אין אַ ווינקל פון זאַל, ביי דער וואַנט איז זייט דריי טעג געשטאַנען אַ שמאָל פעלד־בעטל, וואָס איז במשך פון דער

צייט נישט באַנוצט געוואָרן. פּ׳אַן טשיאַנג קועי האָט עס אַליין געבעצט און צום ערשטן מאָל זיך אָנגעהויבן אויסטון. ווען ער איז שוין געווען אינגאַנצן נאַקעט, האָט ער זאָרגפעלטיק זיין איינגעריבן דאָס לייב מיט עפּעס א דורכזיכטיקער פליסיקייט. דערגייענדיק בהדרגה צו די פאַכוועס האָט ער זיך פאַרהאַלטן אויף א ווײַלע, אויפגעהויבן די האַנט און אויפמערקזאַם זיין צוגעקוקט. די פאַכווע־דריזן האָבן אויסגעזען צו זיין אַביסל געשוואָלן. ער האָט זיי לאַנג באַטאַפּט מיט די פינגער.

— אויטאָסוגעסטיע... — האָט ער פאַרבלאָז געברומט און אַרויפּוואַרפנדיק אויף זיך דאָס העמד, האָט ער זיך שנעל איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע. ער איז גלייך אַנטשלאָפן געוואָרן.

ביינאַכט האָבן זיך אים געחלומט גאַסן, דעקאָרירטע מיט פענער, אָרקעסטערס און מחנות געל מיליטער, וואָס מאַרשירן דורך די גאַסן. דער פאַנטעאָן באַצירט מיט אַ רויטער פאָן איז געווען ברייט צעעפנט. ביי די שטאַכעטן איז געשטאַנען אַ קייט פון לאַסט-אויטאָמאָבילן, וואָס זענען באַשיט געווען מיט בלומען. ביי ביידע זייטן פונם אַריינגאַנג האָבן צוויי שפּאַלירן זעלנער פּרעזענטירט דאָס געווער. פּ׳אַן טשיאַנג קועי האָט אַ פאַרוואונדערטער געפרעגט דעם וואַך-זעלנער, וואָס איז דאָס פאַר אַ פייערלעכקייט.

— מיר פירן זיי איבער קיין כינע — האָט דער זעלנער דערקלערט.

ערשט איצט האָט זיך פּ׳אַן טשיאַנג קועי דערמאָנט, אַז צוליב דעם טאַקע איז ער דאָך דאָ אַהערגעקומען און דורכשניידנדיק די נאַווע, איז ער שנעל אַראָפּגעגאַנגען אין די קברים־היילן.

די היילן זענען געווען אָפן און ס׳האָט זיך געדרענגט אין זיי אַ יומטובדיקער המון. ווען פּ׳אַן טשיאַנג קועי האָט זיך דורכגעשטופּט, האָט ער דערזען אַ אָפּטיילונג זעלנער, וואָס האָט מיט ריזיקע, אייזערנע קילאָפּן אונטערגעגראָבן דעם שטיינערנעם ארון פון רוסאָ. דער ארון האָט, ווי צוגעשמידט צו דער ערד זיך נישט גערירט.

— נאָכאַמאָל! מיט כּוח: צונויף!

ער גיט אַפילו נישט קיין ציטער.

פּ׳אַן טשיאַנג קועי האָט אָפּגעשטופּט דעם ערשטן זעלנער פון ברעג און מיטן גאַנצן כּוח זיך אָנגעשפּאַרט מיטן בויך אויפן קילאָף.

— נו איצטער! אויף אַ קאָמענדע! צוזאַמען!

ער גיט אַפילו נישט קיין ציטער.

— נאָכאַמאָל!

ס׳גייט ווידער נישט.

— נאָכאַמאָל!

אַ טראָפּנדיקער שווייס איז אים אַרויס אויפן שטערן.

דאָס בילד איז פאַרשוווּנדן. פּ׳אַן טשיאַנג קועי האָט אַ לאַנגע ווײַלע זיך נישט געקאָנט קלאָר מאַכן, וואָס ס׳איז דאָ פאָרגעקומען, ווי געפינט ער זיך, אַ פאַרזונקענער אין דער נישט דורכדרינגלעכער פינסטערניש. דאָס ערשטע געפיל, וואָס האָט ווי אַ פיש אַ פּלאַטער-געטון אויף דער שפּיגלדיקער אויבערפלאַך פון זיין באַוווּסטזיין, איז געווען אַ שטאַרקער ווייטיק און דעם אונטערשטן טייל פונעם בויך. באַלד... וואָס איז דאָס געווען? אַהאַ! ער האָט מיטן בויך שטאַרק זיך אָנגעשפּאַרט אויפן קילאָף. ווען אָבער איז דאָס געווען און ווו?

די יסורים זענען כּסדר געוואָרן אומדערטרעגלעכער און האָבן געהאָלפן דעם געדאַנק זיך אָנכאַפּן אָן עפּעס אַ שטיק חלל. חשכות. נאַכט. אַרבעט. אין זאַל פון אינסטיטוט. יסורים. זאָל עס זיין??...

די יסורים זענען געוואָרן אוממענטשלעך. פּ׳אַן טשיאַנג קועי איז אַ באָרוועסער אַראָפּגעשפּרונגען אויפן קילן דיל, מיט דער האַנט האָט ער אָנגעטאַפּט און אויפגעדרייט דעם קאָנטאַקט, ס׳האָט אַרויסגעשפּריצט ליכט און אַרויסגעשיילט דאָס גרינע טוך פון טיש, וואָס איז באַוואָרפן געווען מיט פּאַפּירן, די העלכע אָנלענס פון די פּאָטעלן, דער סופּיט, די נאַכט.

דער ווילדער ווייטיק אין בויך האָט נישט אָפּגעטרעטן. פּ׳אַן טשיאַנג קועי האָט זיך קוים צוגעשלעפּט צום פענצטער,

ווו אויפן פאַראַפעט איז נאָך פון נעכטן געשטאַנען אַ פלעש קאָניאַק און מיט אַמאָל עס אַריינגעגאָסן אין זיך. דער קאָניאַק האָט מיט אַ צעגליטן שטראָם צעגאָסן זיך אים אין די געדערים און אויף אַ רגע פאַרטויבט דאָס געפיל פון ווייטיק.

פ׳אַן טשיאַנג קועי איז מיט אַ פאַמעלעכן טריט צוריקגעגאַנגען צום בעט. די געדאַנקען זענען געשפּרונגען געקירצטע, נישט פאַרענדיקטע ביזן סוף, ווי בילדער אין אַן אַלטן פילם, וואָס רייסט זיך איבער אַלע ווייל. דער שאַרפער ווייטיק אין בויך האָט זיך ווידער אָנגעהויבן.

פ׳אַן טשיאַנג קועי האָט זיך שטייף אויסגעצויגן און זיך באַמיט אַ ווײלע נישט צו טראַכטן. דער אויסגעטרונקענער קאָניאַק איז אים געשווומען אונטערן שיידל מיט אַ וואַרעמען שטראָם פון ריטמיש אָנקומענדיקע פאַליעס. דער בויך, ווי אַ זאַק, פול מיט יסורים איז ערגעץ איינגעפאַלן, גלייך ווי דער גאַנצער גוף וואָלט זיך פלוצלינג אומגעהייער אויסגעצויגן און פאַרגרעסערט מיט עטלעכע מעטער דעם מהלך צווישן קאָפּ און די היפטן, די קאַלטע פאַליעס פון ווייטיק זענען פון דאָרט אָנגעשווומען ריטמיש, איינע נאָך דער צווייטער. דער פאַרמאַטערטער מח האָט אויפן עקראַן פון די פאַרמאַכטע אויגן-הייטלעך אַרויסגעוואָרפן איבערגעריסענע און מיט מי אויפסניי צונויפגעלעבטע בילדער. ער איז אויף אַ ווײלע אַנטשלאָפן געוואָרן.

אינם האַלב-שלאָף האָבן די רעאַלע קאָנטורן פון קעגנשטאַנדן פאַמעלעך זיך אָנגעהויבן צו פאַרווישן און אויסבייגן, שאַפנדיק דורך נייע קאָמבינאַציעס פון דיזעלבע ליניעס וואָס אַמאָל נייע פייזאַזשן.

דאָרט, ווו ס׳האָט מיט אַ ווײלע צוריק געפלאַקערט דער זשיראַנדאָל, האָט איצט געגליט אַ ריזיקע, קיילעכדיקע זון, שווער ווי אַ טראָפן צעגליטער מעטאַל, וואָס איז גרייט יעדע רגע אַראָפּצוטריפן אויף דער ערד און זי פאַרברענען אויף קויל. דאָס, וואָס ס׳איז מיט אַ ווײלע צוריק נאָך געווען אַ ריי בענק, האָט זיך איצטער פיל אויסגעצויגן אין דער זון מיט טויזנטע־

בייטן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון מוטנעם גלאָז פון וואַסער, פאַרזונקען ביז די קני אין וואַסער האָבן קליינע, איינגעקווער־טשעטע גאַלע מענטשעלעך אין צעריסענע מלבושים געזייעט רייז. ווי ווייט דאָס אויג גרייכט נאָר — גאָרנישט אַ חוץ וואַסער, בייטן און פלייצעס געבויגענע, איינגעהויקערטע פון דעם דורות־לאַנגן יאָך פון אַרבעט אונטער דעם צעגליטן טראָפּן זון, וואָס איז גרייט אַ ליאָדע רגע צעפּלאַצטרין.

אַ רויקע שמערצלעכע פאַליע פון אַלץ אַרומנעמענדיקער ליבע שטראָמט צו פּאַמעלעך פון הויך צום גאַרגל מיט אַ צו־פלוס פון וואַרעמע טרערן. פּ'האָט טשיאַנג קוּעי פילט, אַז נאָך אַ רגע, און ער וועט מיטן פּנים זופּאַלן צום צעווייקטן ליים פון די בייטן און מיט די צעגליטע, ביטערע ליפּן קושן די ווייסע, פון שווייס געל־געוואָרענע קערנדלעך פון רייז, אַנכאַפּן מיט די הענט און מיט געוויין צוטוליען צום האַרץ, דאָס קליינינקע, איינגעדרונצלטע ווייבערישע פּנימל פונעם אָנגעבויגענעם פּויער.

פלוצלינג, גלייך ווי דורך טרערן, הייבט דאָס בילד אָן זיך צו בייטן און ווערן בלאַסער. אויפן ערשטן אָרט האָבן אין דער לופט זיך אומדייטלעך באַוועגט אַ פּאָר ריזיקע, אין לויף בלינצנדיקע פּיאַטעס און אַ אימפּעטיקער שימער פון רעדער פון אַ וועגעלע, וואָס איילט אים אָנטקעגן.

אַ שאַרפער ברענענדיקער ווייטיק און חושך. יאָ, דאָס האָט אַראָפּגעטריפט דער צעגליטער זון־טראָפּן. אַ גרויער, בייסנדיקער רויך דעקט אַלץ צו מיט אַ ווייכער, רויבערישער צערטלעכקייט. אין די פּאַסן רויך, ווי אין פּעטליעס, וויגן זיך ווייסע, אויסגע־קרומטע מענטשלעכע ביימער.

ווערענס איז דאָס אָנגעשוואָלענע פּרויען־פּנים מיט די אויגן, וואָס זענען אויפגעריסן דורך קינדערישן פּחד? טייערע, באַקאַנטע שטריכן. טשען! די קליינטשיקע! מ'הערט נישט קיין ווערטער, נאָר אין די ליניעס פון די ליפּן ציטערן ערגעץ שוין געהערטע ווערטער: „איך האָב אַזוי מורא צו שטאַרבן!"

דער רויך צעגייט פּאַמעלעך, און ענטשוויינט די רויטע סקע־לעטן פון הייזער.

באַנקין!

אַ שרפה נעמט אַרום די כינעזישע קוואַרטאַלן און ער בלייבט שטיין, ווי פאַרכישופט פאַר די דורכזיכטיקע קראַטעס פון די קאָנצעסיעס. פון הינטער די קראַטעס האָט דאָס ווייסע, אָנגעגאָסענע פנים פונם געשטופּלטן מייסטער מיט אַ ציינישער גרימאַסע אַרויסגעשטעקט די צונג איבער דעם רויכערדיקן מויל פונם קוילנוואַרפער.

— פאָרויס מיט מיר! — שרייט פּ'אַן טשיאַנג קועי צום המון, וואָס דרענגט זיך הינטער אים, און מיט גיגאַנטישע שפּרייזן לויפט ער דורך דעם פּלאַץ, וואָס טיילט אים אָפּ פון די קראַטעס.

פּלוצלינג קוקט ער זיך אום. דער פּלאַץ איז ליידיק, ס'איז הינטער אים קיינער נישטאָ. דאָס געשטופּלטע פנים הינטער די קראַטעס שטשירעט זיך אין אַ גרימאַסע פון אַ חוזקדיקן קוואַקען איבער דעם ווייסלעכן רויך, וואָס שלענגלט זיך אַרויס פון דער לופּע פונם קוילנוואַרפער. אַ שרעקלעכער ווייטיק אין בויך שיינט צו רייסן אים די אָנגעשפּאַנטע סטרונעס פון די געדערים.

— כ'האָב באַקומען אין בויך אריין! — שעפּטשעט פּ'אַן טשיאַנג קועי, באַמיענדיק זיך אומזיסט ווייטער צולויפן.

דער ווייטיק דרייט זיך אין אים, ווי אַ וואָרם. דער רויך איז צעשוווּמען געוואָרן. אויפן סופיט לייכט העל דער זשיראַנדאָל. דאָס גרינע טוך פון טיש. טעלעפאָן. אין דעם גרויסן געדיכט באַלויכטענעם זאַל, קנוילט זיך ערגעץ אין די ווינקלען עמיצנס געיאָמער.

— ווער קאָן דאָ יאָמערן?

פּ'אַן טשיאַנג קועי זעצט זיך אויף אויפן טאַפּטשאַן. ער דערזעט, אַז דאָס קרעכצט ער אַליין. דער רייסנדיקער ווייטיק אין בויך צאַפּלט, ווי אַ פאַרווונדעטער פויגל.

— אַזוי, איז דאָס, הייסט עס, דער סוף?

פּ'אַן טשיאַנג קועי האָט צוויי מאָל איבערגעחזרט אויפן קול דאָס וואָרט און נישט געקאָנט דערין געפינען קיין שום אינהאַלט. סיטשנדיק פון יסורים, האָט ער אויטאָמאַטיש זיך אָנ-

געהויבן אָנטון. ער האָט זיך לאַנג אָנגעטון, מיט איבעררייסן, כּדי צו כאַפּן דעם אָטעם נאָך באַזונדערס שאַרפע קראַמפּן. דער אָנצוג איז נאָך געווען פייכט. פּלוצלינג האָט פּ׳אַן טשיאַנג קועי זיך פאַרהאַלטן אין מיטן פון אַ באַוועגונג. אַ שאַרפער געדאַנק האָט, ווי אַ דרעטל, זיך אַ וויקל־געטון אויף צוריק און אַרויפגעצויגן די צעשיטע קרעלעכלעך פון פּאַקטן. פלעקן פון סובלימאַט. אַ צעהאַקט פּראָבע־פלעשל. דער קליינער יאַפּאַנישער אַסיסטענט. צוויי שפּאָטישע פונקען. אויף די הענט — אַ באַרירונג פון טרוקענע, ציטערדיקע ליפּן...

פּ׳אַן טשיאַנג קועי האָט פאַרקנעפּלט די מאַרינאַרקע. ער האָט אויטאָמאַטיש אויף די הענט אַרויפגעצויגן די גרויע הענטשקעס און אַרום דעם האַלז פאַרוויקלט דעם שאַליק (אַן אופן, אַז נאָר די קלענסטע הויט־איבערפלאַך זאָל זיך דירעקט צונויפטרעפן מיט דער פאַרדזשומעטער לופט).

ווען פּ׳אַן טשיאַנג קועי האָט געענדיקט זיך אָנטון, האָט ער קוים זיך צוגעשלעפּט צום טיש און אָפּגעזוכט פּאַפּיר מיט אַ פעדער. דער ווייטיק, וואָס איז אים געקראָכן אין האַלז, האָט אים שוין אויסגעפילט דאָס גאַנצע מויל און די צעוויגטע ציינער האָבן הילפלאָז געקלונגען אויף אַלאַרם. כּדי צו שרייבן גלייך, האָט ער געמוזט אונטערשפּאַרן די קינבאַקן מיט דער לינקער האַנט. ער האָט אָנגעשריבן צוויי בריוו, זאָרגפעלטיק זיי אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט און אַדרעסירט.

נאָך דעם, ווי ער האָט פאַרענדיקט די פּראָצעדור, האָט ער פון שופלאָד אַרויסגענומען אַ גרויסן נאַגאַן, דעם חבר פון די רויטע טעג אין נאַנקין, און זיך אַוועקגעזעצט אויפן פּאָטעל. אויפן טיש האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן.

פּ׳אַן טשיאַנג קועי האָט אַוועקגעלייגט דעם רעוואָלווער און אָנגענומען דאָס הער־טרייבל. אין דער ערשטער רגע האָט ער לויט דעם צעשראָקענעם קול אין טרייבל נישט געקאָנט דערקענען, ווער ס׳רעדט. ס׳האָט גערעדט דער אַסיסטענט, דער פאַרוואַלטער פון פּראָפעסאָרס לאַבאָראַטאָריע.

— היינט ביינאַכט — אומגעריכט — ס׳זענען נישט גע־

וועזן קיין שום סימנים — דער פּראָפעסאָר — איז געשטאָרבן פאַרנאַכט — נישט געלייגט שלאָפן — די אַסיסטענטן פון דער נאַכט־שיכט — האָבן אים געפינען...

פּ׳אַן טשיאַנג קועי האָט אויפגעהאָנגען דאָס טרייבל. אויף די בלאַסע פאַרביסענע ליפּן האָט מיט מי אַרויסגעקלעטערט אַ בלוטלאָזער שמייכל. פּ׳אַן טשיאַנג קועי האָט צוריק אַריינגעלייגט אין שופלאָד דעם שוואַרצן נאַגאַן און פון אַ צווייטן שופלאָד אַרויסגענומען דעם קליינטשיקן, זעקס־קוליקן, פּאָלירטן רעוואָל־ווער. נישט אויפהערנדיק צו שמייכלען, האָט ער די לופּע אַריינ־געדרוקט אין מויל. די אָנגערירטע ציין האָבן, ווי אַ קאַמערטאָן, געקלונגען אַן קילן שטאָל. דאָס קעפל פון דער לופּע, וואָס איז פעסט איינגעפּאַסט געווען צווישן די ציין, האָט אין מויל אָנגעטראָפן אויף דעם פּאַר אים אויסגעהוילטן אָרט.

אין דעם ליידיקן, העל באַלויכטענעם זאַל פון אינסטיטוט האָט פון די פאַרוואונדערטע, יומטובדיקע ווענט, מיט אַ טויבן אומהיימלעכן עכאָ, אָפּגעהילכט דער קנאַל פון שאָס.

*

* *

מ׳האָט באַגראָבן פּ׳אַן טשיאַנג קועי מיט מיליטערישן כּבוד, אָן מוזיק, נאָר מיט אַ זעלנערישן געדונער פון פויקן. ווי אַ פּלוצלינג צעהילכטער אַלאַרם־רוף פון פויקן אין דער זויטער שטילקייט פון אַ פאַרשטומטן צירק־אָרקעסטער, בעת אַ טויט־שפּרונג, האָבן דריי און דרייסיק פויקער אין אַ פאַראייג־זאַמטן, דראָענדיקן סאָלאָ צוזאַמענגענייט פאַר אים מיטן געוווירבל פון די צאַפּלדיקע פויק־שטעקעלעך אַ לאַנגן טרויער־דיוואַן. אויפן סמך פון אַ ספּעציעלן דעקרעט פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג איז זיין גוף באַפרייט געוואָרן פונם צוואַנג פון פאַר־ברענען און מ׳האָט אים צייטווייליק געלייגט אין פּאַנטעאָן.

אינמיטן פון דער הויפּט־נאַווע, אין אַ געשניצטן, הילצערנעם ארון, פאַרהילט מיט אַ רויטער פאָן, האָט מען אים איבערגעלאָזט אַליין הינטער דעם צוגעהאַקטן, אייזערנעם טויער.

די ווייסע, אָנגעצעמיקע אויגן פון די מאַרמאָרענע פיגורן, האָבן, ווי אויפגעריסן פון פאַרוואונדערונג, זיך איינגעקוקט אין דעם מאָדנעם, אומגעבעטענעם גאַסט.

אינם פשוטן, הילצערנעם ארון, אויף אַ פשוטן לייווענטענעם קישן, איז פּ'אַן טשיאַנג קײַ געלעגן אומבאַוועגלעך, אין גרויע הענטשקעס און מיט דעם שטײַף אָרומגעוויקלטן שאַליק אַרום דעם האַלז, גלײַך ווי ער וואָלט באַגערט, אַז נאָר די קלענסטע איבערבלײַב פון זײַן פאַרדזשומעטער הויט זאָל זיך דירעקט צונויפטרעפן מיט דער דורכזיכטיקער לעבנס־געבנדיקער לופט.

## VII

דורך עפּעס אַ מאָדנעם צופאַל האָט דער דאָזיקער באַגינען זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער באַלעבטקייט נישט נאָר אין דער כינעזישער רעפּובליק. צוויי קוואַרטאַלן ווייטער אויף מערב, אויף דער צווייטער זייט סעקוואַנע, האָט זיך די רוסישע מאָנאַרכיע פּאַסי געגרייט אין דעם טאָג מקבל פּנים צו זיין די באָלשעוויקעס, וואָס זענען איר ענדלעך אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער פראַנצויזישער רעגירונג. אויפן פּלאַץ טראָקאַדעראָ האָט מען פון ברעטער שנעל צונויפגעקלאַפּט אַן אימפּראָוויזירטע טריבונע. לויט דעם באַשלוס פון דער צייטווייליקער רעגירונג, האָט דער משפּט איבער די אַרויסגעגעבענע באָלשעוויקעס באַדאַרפט פאָרקומען עפנטלעך, אונטערן פרייען הימל. אין דער ראָל פון אַ באַשולדיקער האָט באַדאַרפט אַרויסטרעטן די גאַנצע רוסישע עמיגראַציע. מ׳האָט אין איילעניש אויסגעשטעלט טישן און בענק.

אַרום אַכט אינדערפרי, האָבן אויפן וועג, וואָס פירט צו דער בריק יענאַ, זיך אָנגעהויבן פאַרזאַמלען די אויפגעהעצטע און אומגעדולדיקע מאַסן. אַממייניסטנס זענען געווען פרויען. פאַרגעסנדיק אין דעם דאָזיקן טאָג אַפילו וועגן דעם מאָרגן־באָד, זענען די פוכיקע אויסגעצירטע דאַמעלעך, וואָס זענען נישט געוווינט געווען צו זען דעם ליכטיקן טאָג פאַר איינס צו מיטאָג, אַרויס אויף די גאַסן נאָך פריער פאַר דער באַשטימטער צייט. פאַרהילנדיק די רויטקייט פון פּנים

מיט פודער, האָבן די דאַמען פאַרקירצט זיך די לאַנגווייליקע צייט מיט שמועסן.

די טעמען זענען ס׳רוב געוועזן איינע און די זעלבע: וויפיל מ׳וועט ברענגען און וואַקסערע, — אַלטע, צו יונגערע? צענטליקער נעמען האָבן זיך געטראָגן פון מויל צו מויל. מ׳האָט צו זיי צוגעגעבן פאַרשידענע פירושים וועגן דער פאַנטאַסטישער בלוטדורשטיקייט און אחזריות פון דעם אָדער יענעם צווישן די באָלשעוויקעס. וועגן דעם ערשטן סעקרעטאַר פון דער אַמבאַסאַדע האָט דערציילט די פערציקסטע דאַמע לויט דער ריי, אַז ער האָט מיט דער אייגענער האַנט אויסגעהרגעט דריי טויזנט משפחות. ער האָט געפירט די אויספאָרשונגען אין זיין אייגענער וווינונג ביים טיש, וואָס איז פול געווען מיט די טייערסטע מאַכלים, און די פאַרעקשנטע אַרעסטאַנטן האָט ער אויסגעשטאָכן די אויגן מיט ציין־שטעכער.

אַ וווּקסיקער, בערדיקער פּאָפּ האָט צום הונדערטסטן מאָל געדרשנט פאַר די תמיד גרייטע צוהערער וועגן דעם, ווי מ׳האָט מחלל געווען די צערקווע פונם הייליקן מיטראָפּאַן: די הייליקע ביינער פונם קדוש האָבן זיי אַרויסגעוואָרפן אין אַ בית־הכּסא אַריין, און פון דער צערקווע האָבן זיי געמאַכט אַ שפּיטאָל — די שוועסטערלעך — די באָלשעוויטשקעס זענען מיט זנות מחלל דאָס הייליקע אָרט.

דאָס רעקווירירטע מעבל, די קאָנפיסקירטע צירונג — עוולות פאַרעלטערטע און נישט פאַרגעבענע, זענען אויפסניי אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון די עמיגראַנטישע קופערטס, פון אונטער די פּיליאַריקע נאַפטאַלין־שיכטן—און האָבן געשטשירעט מיט די צעפוילטע ציין נישט פאַרעלטערטע, אייביק אַקטועלע, געגאַרט נאָך וואַרים, שטראָמיק בלוט; און דער המון האָט, ווי אַ קאַץ פאַר אַ שטייג, פון וועלכע מ׳וועט איר באַלד אַרויסלאָזן אַ מויז, זיך באַלעקט און אַ גיריקן אָפּוואַרטן.

ס׳איז פאַרביי עלף, און פון דער פראַנצויזישער זייט האָט מען נאָך אַלץ נישט געזען קיין שום וואָגן. דער המון, וואָס

איז פֿאַרמאַטערט געוואָרן פֿון דעם צו לאַנגן וואַרטן, האָט אָנגעהויבן ווערן אומגעדולדיק.

דריי פֿערטל צוועלף האָט אויף יענער זייט בריק ענדלעך זיך באַוויזן אַ לאַסט־אויטאָמאָביל, פֿאַר וועלכן ס'זענען געפֿאָרן צוויי מאָטאָציקלען. דער אויטאָמאָביל איז פּאַמעלעך אַרויפֿגעפֿאָרן אויף דער בריק און זיך פֿאַרהאַלטן אינמיטן. פֿון די מאָטאָציקלען זענען אַראָפּגעשפּרונגען צוויי פֿראַנצויזישע אָפֿיצירן און צוגעגאַנגען צו די אַפֿוואַרטנדיקע רוסישע אָפֿיצירן. ס'האָט זיך אָנטוויקלט אַ העפֿטיקער שמועס. דער המון האָט אומרויִק זיך צעוויגט. אַלעמענס אויגן האָבן זיך געווענדט אין דער זייט פֿונעם לאַסט־אויטאָמאָביל, וואָס האָט זיך געפֿונען אויף דער בריק. פֿונווייטנס האָט מען נישט געקאָנט אונטערשיידן די מענטשן, וואָס האָבן זיך אויף אים געפֿונען.

דאָס געשפּרעך אויף דער בריק האָט זיך פֿאַרצויגן. די אָפֿיצירן האָבן געמאַכט פֿאַרשידענע זשעסטן מיט די הענט. ענדלעך האָבן די פֿראַנצויזן סאַלוטירט און זיך אויפֿגעזעצט אויף די מאָטאָציקלען. דער לאַסט־אויטאָמאָביל האָט זיך פּאַמעלעך גערוקט איבער דער בריק, צו דער רוסישער זייט צו. דער המון האָט אין דערוואַרטונג איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

ווען דער אויטאָמאָביל איז אַדורכגעפֿאָרן די בריק און אַרויף אויפֿן ברעג, האָט זיך פֿון אַלעמענס מײַלער אַרויסגעריסן אַ טויב געשריי פֿון מאַכטלאָזן כּעס. אויפֿן פֿראָנט פֿון אויטאָמאָביל האָט געפֿלאַטערט אַ פֿענדל פֿון רויטן קרייץ.

מ'האָט אים אַרומגערינגלט מיט אַן ענגן ראָד. איצטער האָט מען שוין אַלץ געזען דײַטלעך. אויף דער פּלאַטפֿאָרם פֿונעם אויטאָמאָביל זענען געלעגן העכער צען מענטשן, מיט בלייכע, אויסגעקרימטע פּנימער און זיך געקנוילט ווי ווערים. זיי זענען געווען פֿאַרדזשומעט.

במשך פֿון איין רגע איז פּוסט געוואָרן אַרום אויטאָמאָביל, דער המון איז אין אַ פּאַנישער שרעק אָפּגעשפּרונגען אויף די טראָטואַרן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום, פּונקט ווי אַ פּובליקום, וואָס

ווערט אַנטוישט בעת מ׳רופט אָפּ אַ בענעפיס־פאָרשטעלונג צוליב דער קראַנקהייט פונם הויפּט־אַקטיאָר, איז דער המון פּאַמעלעך און אומצופרידן זיך פונאַנדערגעגאַנגען אַהיים.

אויף דעם פּוסט-געוואָרענעם פּלאַץ, איז איינזאַם און פאַר קיינעם נישט נויטיק פאַרבליבן דער שוואַרצער אויטאָמאָביל, וואָס איז פול געווען מיט דערשטיקטע קרעכצן פון מענטשן, וואָס האָבן זיך געקנוילט אין אים.

• • •

דער ראַטמייסטער סאָלאָמין איז אַהיימגעקומען, פאַרכמורעט, פונקט ווי אַן אויסגעפּייטשטער טענאָר. דער דורכפאַל, וואָס ער האָט געהאַט, איז געווען צו גרויס, אַז מ׳זאָל קאָנען איבער אים דורכגיין צו דער טאָג-אָרדנונג.

ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער האָט אין משך פון לאַנגע יאָרן געוואָרט אויף דער רגע, אַז ער איז צוליב איר אויסגעשטאַנען די הכנעה און דער גלות, ער האָט געטרוימט וועגן איר דורך די נעכט, און אָט, אין לעצטן מאָמענט, האָט אים עפּעס אַ לעק געטאָן אַ פייג.

און דער שלאַנקער ראַטמייסטער איז אַרויס פון די כּלים און אין מאַכטלאָזן כּעס געפאָרשקעט, ווי אַ פערד.

— מנווולים! — האָט ער געסיטשעט דורך די צונויפגעדריקטע ציין — די פּראַנצויזלעך! זיי האָבן בכיוון אָפּגעשלעפּט פון טאָג צו טאָג, אויסגענאַרט דאָס געלט און געוואַרט ביז אַלע וועלן אויספּגרן.

ער האָט אין דעם מאָמענט די פּראַנצויזן נישט ווייניקער פיינט געהאַט פון יענע. זיי האָבן געמאַכט מיט אים אַ פיינ־לעכן שפּאַס. זיי האָבן מיט איין קלאַפּ אָפּגענומען דאָס גאַנצע, מיט אַזוי פיל מי דורך אים אויסגעקוועטשטע טרינק־געלט, אַלע זיינע סו״ס.

און אַ טויבער כּעס, פּונקט ווי מילך, וואָס איז גרייט

אויסצולויפן, האָט געזאָטן אויכן פּרימוס פון זיין האַרץ און פאַרטרונקען אַלץ מיט דער ווייסער, קאָכעדיקער לאַווע.

אַלץ האָט פּלוצלינג פאַרלוירן דעם זין און דעם ווערט, ס׳איז געוואָרן אומנויטיק. די איינציקע נקמה־האָפנונג פאַר די לאַנגע יאָרן פון פּיין, פאַרן צעשטערטן לעבן און אונטערגע־בראָכענער קאַריערע — איז צערונען. ס׳איז גאָרנישט פאַרבליבן. מיט אַ מידן טריט איז ער געגאַנגען פאַר זיך און נישט גע־זוּסט גוט, וווּהין און נאָך וואָס.

דער ליידיקער, טונקעלער צימער מיטן מעבל, וואָס איז געווען געדעקט מיט גרויען געוואַנד, האָט געשלאָגן מיט חלשות פון שפּיטאָל, און דאָס מעבל, ווי קראַנקע אין גרויע, גרויסע שפּיטאָל־כאַלאַטן, האָט דערמאָנט וועגן קרענק, וועגן טויט, וועגן אַ זומפּיקן גרוב אין דער פייכטער ערד. ס׳האָט זיך אים געוואָלט אויף עמעצן אויסלאָזן זיין גאַנצן כעס, זאָל כאָטש זיין אויף דעם מעבל אין די שפּיטאָל־כאַלאַטן, אַרויסלאָזן מיט אַ זעץ פון דער פאַרזשאַווערטער שווערד די צונויפגעדרייטע ספּרוזשינעס־געדערעם פון די אויפגעטרענטע פאָטעלן־בייכער, ווי אַמאָל — אין דעם לאַזאַרעט, וואָס מ׳האָט פאַרנומען ביי די רויטע.

ס׳איז אים גראָד אונטערגעקומען דער אָרדינאַנס, וואָס האָט אויף די שפּיצן פינגער געאיילט מיט אַ קישן. מיט דעם אויסגעפּוצטן שטיוול האָט ער באַקומען אַ זעץ אין בויך, ער איז אַוועקגעפלויגן, זיך פאַרהאַלטן ביי דער טיר, מיטן נאַריש־געוואָרענעם בליק האָט ער אַ לעק געטון דעם אויסגעגלאַנצטן שטיוול און אַן געריש פאַרשווונדן הינטער דער טיר.

ניין, אינדערהיים איז אוממעגלעך צו פאַרבלייבן.

ער האָט צוגעהאַקט די טיר און איז אַרויס אויף דער גאַס. לאַנג, ביז שפּעט ביינאַכט האָט ער זיך געשלעפּט איבער די געסלעך, סקווערן, אָן שום ציל, איינזאַם און פּוסט. פון דער פאַרגליווערטקייט האָט אים אויפגעוועקט דער הונגער.

ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַ קליינער, זייטיקער קנייפּע.

פון דער שווע̈ל האָט אויף אים אַ שלאָג־געטון אַ געפּילדער פון שטימען:

— סאָלאָמין!

אין ראָג, בײַם טישל — אַ קאָמפּאַניע. אָפּיצירן. גלאַנציקע, רויטע מאָרדעס. זײ שטופּן זיך צום קושן. וועגן דער מדרגה פון דער אָנגעזאָמלטער הארציקייט זאָגט עדות אַ מחנה אויסגעליידיקטע פלעשלעך. זײ האָבן אים צוגעשלעפּט צום טיש. אָנגעגאָסן אַ פול גלאָז:

— טרינק!

ער האָט אויסגעטרונקען מיט אַמאָל און אפילו זיך נישט פאַרקרימט.

און אין אַ פערטל שעה אַרום, אונטער דעם הײזעריקן „וואָלגאַ־ליד" פון גראַמאָפאָן, אונטערן קלאַנג פון גלעזלעך און פלוסקען פון אָנגעגאָסענעם בראָנפן, האָט ער זיך צעווײנט אויפן אַקסל, אויף דער שטעכעדיקער שליפע פונם רויט־וואָנסיקן פאָרוטשניק, מיט טרערן פאַרנעצט דעם פרענטש און צוגע־פאַלן מיטן נאָסן פּנים צו זײַנע פאַלבן.

דער געלער פאָרוטשניק, האָט מיט אַ מוטערלעכער זאָרגעוודיקייט אים אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אין מויל אַרײַנ־געגאָסן אַ גלאָז בראָנפן.

* *
*

ווי אַזוי און ווען ער האָט זיך געפונען אויף דער גאַס — דאָס האָט ער נישט געוווּסט. אין דרויסן איז געוועזן לגמרי פינסטער. ער איז געגאַנגען פאָרויס און מיט די הענט זיך געשאַרט בײַ די ווענט, אײַנהאַלטנדיק מיט מי דאָס גלײַכגע־וויכט. בײַ אַ לאַמטער האָט ער באַמערקט, אַז ס'שטאַרט אים עפּעס אַרויס פון דער קעשענע: אַן אָנגעהויבן פלעשל קאָניאַק. ס'האָט אים געפּײַניקט אַ שלוקעכץ. ער האָט אָפּגעטרונקען אַ שליוק, צוגעשטאָפּט צוריק דאָס פלעשל און געגאַנגען ווײַטער.

די געסלעך האָבן זיך אים געדרייט אונטער די פֿיס און משוגה־דיקע זיגזאַגן.

ווען ער איז ענדלעך אַרויס אויפֿן פּלאַץ, האָט זיך אים אויסגעדוכט, גלייך ווי ער וואָלט פֿון אַ געדיכטן וואַלד זיך אַרויסבאַקומען אויף אַ לאָנקע. ער האָט זיך געוואַקלט, נישט זיכער געשטעלט די פֿיס און געגאַנגען פֿאָרויס.

נאָכדעם, ווי ער איז אָבער אָפּגעגאַנגען אַ צענדליק טריט, האָט ער זיך אָנגעטראָפֿן אויף עפּעס אַ מניעה. ווען ער האָט זיך איינגעקוקט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מניעה איז אַ לאַסט־אויטאָמאָביל אויף רעדער מיט טאָפּלטע אָפּאָנעס.

סאָלאָמין איז שטיין געבליבן און זיך באַמיט עפּעס צו דערמאָנען. ווי אַ פֿישער, וואָס איז אָנגעבויגן איבערן טייך פֿון זכרון, האָט ער אומגעלומפּערט פֿאַרוואָרפֿן די ווענדקע, און די זכרונות האָבן, ווי זילבערשופּיקע פֿישלעך, זיך געוואָרפֿן אינעם דורכזיכטיקן וואַסער, אָט איז שוין פֿאַרשוווּנדן דאָס טאַנצנדיקע פּענדל פֿון דער ווענדקע, אין אַ ווײַלע אַרום שווימט עס ווידער אַרויס און מוטנע מאַכנדיק דאָס וואַסער, באַווײַזט עס זיך ווידער.

פּלוצלינג, האָט ער פֿון דער הויך, פֿון דער פּלאַטפֿאָרמע, דערהערט אַ דערוואָרגן קרעכצן. דאָס פּענדל איז ווי אַ שטיין אַראָפּ אין וואַסער, און אויפֿן עק פֿון דער ווענדקע האָט אַ גלאַנץ געטון אַ ריזיקער, פֿאַרבלענדענדיקער פֿיש, — ער וועט גאָר נישט אויפֿטון: דאָס גאַנצע לעבן איז מיט אַ בלייערנעם געוויכט געבליבן הענגען אויף דער דעראיינערונג.

— אַהאַ, די חברה־לײַט!.. — האָט סאָלאָמין אַרויסגעמורמלט.

— איר זענט נאָך אַלץ נישט אויסגעפּגרט? וואָס איז, ס׳איז אײַך ווײַזט אויס נישט באַשערט אָן מײַן מיטהילף צו פֿאַרלאָזן די דאָזיקע קלאָגעדיקע וועלט...

דער שבֿורער ראָטמייסטער האָט מיט מוטנע און מיט

בלוט פאַרלאָפּענע אויגן זיך אָנגעהויבן אַרויפצודראַפּען אין דער הויך. ס'איז אים נישט אַזוי לייכט געגאַנגען. די נישט זיכערע פיס האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט פון די שפּריכעס, די הענט האָבן, ווי הילצערנע, נישט געקאָנט דערטראָגן דעם מאַכט־לאָזן גוף. ענדלעך האָט ער מיט אַ שטאַרקן שפּרונג זיך אַריבערגעקייקלט איבער דער ראָם און מיטן פּנים אָנגעקלאַפּט אָן עפּעס ווייכס, אומבאַוועגלעכס. ער האָט זיך אויפגעהויבן און שווער אַוועקגעזעצט אויף עפּעס אַ צוגעפּלאַטשטן וואַלעק.

פון הינטער די וואָלקנס האָט אַפּערגעקוקט אַ אויסגע־בלייכטע לבנה; אין איר נעפּלדיקן ליכט האָט סאָלאָמין דערזען דעם דיל פון דער פּלאַטפאָרמע, וואָס איז פאַרלייגט געווען מיט שוואַרצע, פאַרגליווערטע גופים. פון ערגעץ, פון אַ ווינקל האָט זיך געהערט עפּעס אַ קרעכצן.

דער ראָטמייסטער סאָלאָמין האָט זיך אויסגעדרייט אין יענער זייט און מיט די גראָב־געוואָרענע פינגער אַרויסגעצויגן פון טאַש דעם נאַגאַן.

מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן דער ראָם איז דאָרט געלעגן אַ מענטש פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר, מיט אַ העל, רע־גולער פּנים, איבער וועלכן דער שווייס איז אַראָפּגערונען, ווי טרערן פון אַ אינערלעכן געוויין. פונם שטערן זענען אים אין אומאָרדנונג אַראָפּגעהאָנגען צונויפגעקלעפּטע בינטלעך העלע האָר. פון די שוואַרץ־געוואָרענע ליפּן האָט, ווי רויך דורך די שפּאַרעס פון לײַוונט, זיך דורכגעריסן אַ שמערצלעכער קרעכץ.

דער ראָטמייסטער סאָלאָמין האָט זיך נידעריקער אָנגעבויגן איבער דעם ליגנדיקן, און אָנכאַפּנדיק אים פאַר דער מאַרינאַרקע אויף דער ברוסט, האָט ער אים אויפגעהויבן און אַוועקגעזעצט.

— אַהאַ! דו זינגסט דאָך עפּעס אַזוי איידל, ברודערקע. מאַך דיך נישט פאַר קיין פּגר. כ'בין געקומען צו גאַסט. מיר וועלן זיך אַביסל דורכשמועסן.

דער מענטש, וואָס איז אַוועקגעזעצט געוואָרן, פונקט ווי

אַ ליאַלקע, האָט אַ צעמישטער אויפגעעפנט די אויגן און כאָרכ־לענדיק אַרויסגעשאַפּטשעט:

— טרינקען!

— ווילסט טרינקען? — האָט סאָלאָמין נאָכגעשפּעט. — נאַ, נעם, זויג זיך אָן! — האָט ער געזאָגט און דעם קראַנקן אַריינגעשטופּט אין מויל די לופּע פון נאַגאַן.

דער קראַנקער איז מיט די אויסגעטרוקנטע ליפּן צוגע־פאַלן צו דער קאַלטער לופּע און גיריק אָנגעהויבן זויגן.

— ס׳איז גוט? — האָט געקוואַקעט דער ראָטמייסטער. — ס׳שמעקט דיר? גיב אַכטונג, וועסט נאָך אַראָפּשלונגען אַ קוילעכל, — וועסט זיך נאָך דערווערגן.

דער פאַרבלאָנדזשעטער פינגער האָט אין דער פינסטער־ניש געזוכט דעם צינגל.

— וועסט זיך דערשטיקן, ווי גאָט איז מיר ליב!

דער פינגער האָט אָנגעטראָפן אויפן צינגל אָבער אַ געדאַנק האָט אים פאַרהאַלטן. סאָלאָמין האָט פון דעם קראַנקנס מויל אַרויסגעצויגן די לופּע און דעם נאַגאַן צוריק אַריינגערוקט אין דער טאַש.

— ניין, ברודערקע! נישט אַזוי שנעל! ביסט צו קליג יעדער איינער וואָלט אַזוי געוואָלט. דערהרגענען? און וואָס. וועט זיין דערפון? וועסט אפילו נישט פילן. וועסט נאָך זיין דאַנקבאַר. נישטאָ קיין נאַראָנים. וואַרט צו, צוערשט שטיי אויף,— מיר וועלן אַביסל שמועסן. ווילסט טרינקען? פאַרוואָס נישט? כ׳האָב דאָ עפּעס פאַר דיר. זע מיין גוט האַרץ. דאָס וועט דיך, ברודערקע, אין איין רגע אַוועקשטעלן אויף די פוס.

דער ראָטמייסטער האָט פון דער קעשענע פון פרענטש אַרויסגעצויגן אַ פלעשל קאָניאַק, עס אויפגעשטאָפּט און אַריינ־געשטופּט דאָס העלזל דעם קראַנקן אין מויל.

— טרינק, האַרץ מיינס, טרינק וויפיל ס׳גייט נאָר אַריין. דאָס זענען נישט אייערע סאָוויעטישע בראָנפנס. מאַרטעל! דריי שטערנדלעך! אַ דעליקאַטעס, וואָס?

דער קראַנקער האָט מיט גיריקע שליוקן געזויגן פונעם פלעשל די ברענענדיקע פליסיקייט.

— טרינקסט נישט קשהדיק. נו, נאָך אַביסל. זשאַלעווע דיר נישט. וועסט באַלד טויגן צום ענין.

סאָלאָמין האָט אָנגעבויגן דאָס פלעשל. די פליסיקייט האָט זיך איבערגעגאָסן איבערן מויל און דער קראַנקער האָט זיך פאַרכליניעט אין אַ שטאַרקן הוסט. ער האָט לאַנג געהוסט און נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם. ווען ער האָט זיך ענדלעך באַרויקט, האָט ער אויף סאָלאָמינען געווענדעט די ברייט צעעפנטע אויגן, וואָס האָבן געגלאַנצט מיט באַוווסטזיין. ער האָט געצעטעמט גיך און אָפּגעריסן.

דער ראָטמייסטער סאָלאָמין, האָט פּאַמעלעך צוגעשטאָפּט דאָס פלעשל, צוריק אַרייַנגעשטעקט עס אין קעשענע און ווידער אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער.

— יאָ. איצטער קוקסטו דאָך כאָטש, ווי אַ מענטש. מ׳וועט דאָך זיך קאָנען מיט דיר אויסטעהנען.

דער ראָטמייסטער האָט זיך באַקוועם צוועקגעזעצט אויף עפּעס, וואָס האָט דערמאָנט אָן איבערגעקערטע מענטשלעכע פּלייצעס, און שפּילנדיק זיך מיטן נאגאַן איז ער צוגעטרעטן צו דער אויספאָרשונג:

— ווי הייסטו:

דער קראַנקער האָט זיך אין אים פאַרשטאַרט איינגעקוקט און גיריק געשלונגען די לופט, ווי אַ פיש, וואָס איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויפן ברעג.

— ווו בין איך? — האָט ער קוים אַרויסגעכאָרכלט.

— אין פאַריז, זונדל, אין פאַריז. נישט אין מאָסקווע, אין פאַריז, ביי די ווייסע. פאַרן קריגס-טריבונאַל פון דער רוסישער אימפּעריע. ווייסט שוין איצט, ווו?

דער קראַנקער האָט צוגעמאַכט די אויגן, ער האָט, ווייזט אויס, צונויפגענומען די געדאַנקען. נאָך אַ לאַנגער פּויזע האָט ער מיט אַן אויסדרוק פון שטערבלעכער מידקייט שטיל געפרעגט:

— וואָס ווילט איר פון מיר? כ׳בין פאַרזשומעט.

— דאָס, ברודערקע, האָט גאָרנישט צום ענין. איר טראַכט אוודאי, אַז אויב איר זענט פאַרדזשומעט, איז שוין אויף אייך קיין שטראָף נישט פאַראַן, מיאוסע חבריא. אַ פייג! ווייסט, ברודערקע, נאָך טאַנצן אַביסעלע, איידער מיר וועלן דיך אַרויסלאָזן אויף יענער וועלט. ווייסט נישט ענטפערן, ווי ס׳געהער צו זיין באַקומסטו מיט דער קאָלבע אין די ציין. ווילסט זיך נישט איבערפעקלען צו לעגינען מיט קיין צעהאַקטן פּרצוף — ענטפער ושע העפלעך און צו דער זאַך. פאַרשטאַנען?

דער קראַנקער האָט שווייגנדיק געקוקט אויף סאָלאָמינען.

— ווי הייסטו?

— סאָלאָמין.

— ס׳האָט זיך דיר, ברודערקע, פאַרגלוסט צו וויצלען! פאַרוואָס נישט, וויצל זיך. איך וועל דיר, הונטישער זון, ווייזן וויצן! פונוואַנען קאָנסטו דאָס מיין נאָמען? זאָג, אַז כ׳פרעג דיך! פונוואַנען קאָנסטו מיך?

— כ׳קאָן דיך גאָרנישט און כ׳וויל דיך נישט קאָנען.

— פונוואַנען קאָנסטו מיין נאָמען?

— איך קאָן נישט דיין נאָמען.

— האָסט דאָך מיט אַ רגע צוריק געזאָגט: סאָלאָמין.

— כ׳הייס סאָלאָמין.

דער ראָטמייסטער האָט פון פאַרוואונדערונג אַראָפּגעלאָזט די האַנט מיטן נאַגאַן.

— ווי אַזוי, אויסוואורף איינער, הייסטו סאָלאָמין? איך הייס דאָך סאָלאָמין.

דער קראַנקער האָט פאַררונצלט די ברעמען און אויפמערקזאַם זיך איינגעקוקט אין ראָטמייסטער.

— דו הייסט סאָלאָמין?

די ברעמען האָבן זיך, ווי דערשראָקענע פייגל, אויפגעהויבן אין דער הייך.

— ווי רופט מען דיך אויפן ערשטן נאָמען?

דער ראָטמייסטער האָט מיט אַ שטייפער האַנט אים דערלאַנגט אַ שטאַרקן פּאַטש.

— ווי אַזוי וואַגסטו, ה...... זון, צו שטעלן מיר פראַגן. ווער פון אונז איז דאָס דער געמשפּטער: דו, צי איך?

דער קראַנקער האָט מיט דער האַנט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים.

— דו ביזט גוט שכּור און דו האָסט, ווייזט אויס, פאַרגעסן דיין אייגענעם נאָמען. איך הייס סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש סאָלאָמין, איך בין דער צווייטער סעקרעטאַר פון דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע אין פּאַריז. האָסט געוואָלט וויסן מיט וועמען דו האָסט דעם כּבוד, — ביטע. און איצטער שיס. מער וועל איך נישט זאָגן קיין וואָרט.

נאָר דער ראַטמייסטער סאָלאָמין האָט נישט אויפגעהויבן דעם רעוואָלווער. מיט ארויסגעקראָכענע אויגן, האָט ער זיך איינגעקוקט אינם קראַנקן. דאָס גאַנצע שכּרות איז פלוצלינג, ווי אַ שאָל, אָפּגעפאַלן פון אים, און אַ ניכטערער איז ער געזעסן מיט אַ צעעפנט מויל און נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט. פון דער טיף פון האַלז האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט און מיט אַ קלאַנג איז אַראָפּגעפאַלן דער נאָמען.

— סעריאָזשאַ!

דער קראַנקער האָט אים אָבסערווירט אין שטומער שטוינונג.

— באַלד, דאָס איז אוממעגלעך... האָט דער ראַטמייסטער געבורטשעט. — דאָס איז אוממעגלעך. איך בין באָריס אַלעקסאַנדראָוויטש סאָלאָמין, אַ זון פונם פּולקאָווניק אַלעקסאַנדער וואַסיליעוויטש סאָלאָמין.

די צוויי פרעמדע מענטשן האָבן דורך אַ לאַנגע רגע געקוקט אויף זיך פאַרגליווערטע.

— אַ ברודער... — האָט קלאַנגלאָז געזאָגט דער קראַנקער און מיט מי זיך אָנגעכאַפּט אָן דער ראָם.

אַ לענגערע צייט האָט געהערשט אַ שווייגן.

— כ'האָב געמיינט, אַז דו ביזט שוין לאַנג נישטאָ, — האָט ענדלעך דער קראַנקער אַרויסגעזאָגט. — די מאַמע האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביסט אַנטלאָפן מיט די ווייסע. אַזוי פיל

יאָרן האָט מען גאָרנישט געהערט, ס'איז מיר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז דו געפינסט זיך אין פּאַריז... אַן אָפיציר פון דער ווייסער חוזק-אַרמיי...

ער איז פאַרשוויגן געוואָרן און אַראָפּגעלאָזן זיך אַן אויסגעשעפּטער.

דער ראַטמייסטער סאָלאָמין האָט מיט אַ מגושמדיקער האַנט אויטאָמאַטיש זיך אָפּגעווישט פון פּנים דעם שווייס, ווי דאָס וואָלטן געווען די רעשטלעך פונעם אויספאַרנדיקן בראָנפן.

— כ'האָב דיך נישט דערקענט... — האָט ער נאָך אַ לאַנגער ווייל געזאָגט — ווי אַזוי האָב איך דיך געקאָנט דערקענען? בעת איך בין אַרויסגעפאָרן פון מאָסקווע, ביזטו דאַכט זיך אַלט געווען דרייצן יאָר. ס'איז אויך איצט עפּעס אַזוי מאָדנע... ס'איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז דו לעבסט, אַז דו ביזט שוין אַ דערוואַקסענער, אַז דו האָסט זיך פאַרקויפט צו די באָלשעוויקעס. און די מאַמע, צי לעבט זי? זיי האָבן זי נישט דערמאָרדעט?

— די מאַמע איז דאָס יאָר געשטאָרבן, ערשט נישט לאַנג.

— און יולע, די שוועסטער? כ'האָב עפּעס געהערט. זי האָט חתונה געהאַט פאַר אַ באָלשעוויק. זי איז אַליין אויך אַ באָלשעוויטשקע. אַ געמיינע זרע זענט איר, נישט מער.

— יולע איז אַ מוסטערהאַפטע טוערין און דער מאַן איז אַ מוטיקער טוער, איינער פון די ערשטע. זי האָט אַ סך איבערגעלעבט, אַ סך זיך אויסגעלערנט. אָבער צו וואָס דיר, דעם ווייסן גוואַרדיסט, דאָס אַלץ דערציילן. וועסט סיי ווי נישט פאַרשטיין.

— ס'פאַרשטייט זיך, גיין דינען צו די גזלנים — דאָס איז אַ וואַזשנע תורה. נישט יעדער איינער פאַרשטייט זי. אַז מ'האָט דעם פאָפּאַ דערשאָסן — דאָס געדענקסטו נישט. ביזט געווען אַ קליינטשיקער. האָסט פאַרגעסן. איר האָט אַ קורצן זכרון, כּלבֿים.

— נישט קיין קורצן. ווען מ'וואָלט דאַמאָלס אַ ביסל מער

„פּאַפּאַס" אויסגעשאָסן, וואָלטן נישט געקומען די דריי שווערסטע יאָרן.

— די האַווקעסט מיט זייער לשון, ווי אַ מיטינג אַגיטאַטאָר. גיב נאָך צו: „זיי האָבן זיך שוין גענוג אָנגעטרונקען מיט אונזער בלוט!" פון אייגענעם פּאָטער האָסטו זיך אָפּגעקערט, ביזט געגאַנגען דינען צו די כאַמעס. פאַר אַ זאַק גרויפּן, פאַר אַ דעפּוטאַט — לעקן אַ יידישע לאַפּע. און דאָס ווער — סאָלאָמינס קינדער! ס'איז אַ שרעק צו טראַכטן: אַ ברודער — אַ אויסוואורף, אַ באָלשעוויק.

— כ'באַדויער דיך, באָריס — האָט סערגיי שטיל געזאָגט. — מיר וועלן זיך נישט פאַרשטיין. מיר רעדן מיט פאַרשידענע שפּראַכן. פאָרנדיק קיין פּאַריז, האָב איך נישט גערעכנט, אַז איך קאָן דיך דאָ טרעפן אין דער עמיגראַנטישער קאָמפּאַניע. האָסט אוודאי דורך דער צייט מיט אַ טאַקסי געפירט געסט אין פריילעכע הייזלעך, אָדער האָסט ערגעץ ווו דערלאַנגט צום טיש און צונויפגעקליבן טרינק־געלט. פונקט ווי אַלע. האָסט פאַרלאָזן דאָס לעבן. האָסט נישט געהאַט אַפילו דעם מוט לויטן קאַיעווועט אָפיצירישן שטייגער „מיט כבוד" זיך אַריינצופּאַקן אַ קויל אין קאָפּ. עי, באָריס!

סערגייס פּנים האָט זיך פּלוצלינג אויסגעקרומט מיט אַ גרימאַסע פון אומגעמענטשלעכן ווייטיק און איז איינגאַנצן בלאַס געוואָרן. דער קראַנקער האָט אַ קרעכץ־געטון און זיין קערפּער האָט אין אַ פּלוצלינגן קראַמף זיך אָנגעשפּאַנט, ווי אַ בויגן, וואָס טרעשטשעט פון אָנגעצויגנקייט. אויף די ליפּן איז אים אַרויס אַ שוים.

דער ראַטמייסטער סאָלאָמין האָט דערפילט, אַז די האָר שטעלן זיך אים קאַפּויר, שאַרפע, ווי נאָדלען, און אַז דאָס האַרץ האָט אַ שפּריץ־געטון מיט פּלוצלינגן ווייטיק. די סיבה פון דעם ווייטיק האָט ער נישט געקאָנט פאַרשטיין. ער האָט מיט אויסגעשפּיזטע אויגן געקוקט אויף דעם מענטש, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין גסיסה, און געוואָלט שרייען, נאָר דאָס געשריי

האָט נישט געקאָנט אַרויס דורך דעם שמאָלן העלדזל פון מויל, וואָס איז געווען אַרייננעשטופּט, צו דיקער קאָרעק. מיט צווייקטע פינ־גער האָט ער דעם גוסס אָנגעכאַפּט פאַר די אָרעמס, און שאָק־לענדיק אים געשטאַמלט:

— סעריאָזשאַ!

ער האָט געוואָלט זאָגן עפּעס וואַרעמס, צערטלעכעס, נאָר אינם היציק דורכגעוואָרפענעם הויפן ווערטער האָט ער קיין שום פּאַסיק וואָרט נישט געפונען. די הענט האָבן נאָר קראַמפּהאַפּטיק געדריקט די טרוקענע, מאַכטלאָזע אָרעמס.

מיטאַמאָל האָט ער זיך עפּעס דערמאָנט, ער האָט פון קעשענע אַרויסגעצויגן דאָס פלעשל קאָניאַק, אויפגעשטאָפּט עס מיט די ציין, און אונטערהאַלטנדיק דעם שטאַרבנדיקן מיט איין האַנט, האָט ער מיט דער צווייטער אים איבערגעבויגן דאָס פלעשל אין מויל. סערגיי האָט דורשטיק געטרונקען ביזן לעצטן טראָפּן. דורך זיין לייב איז דורכגעלאָפן אַ באַלעבנדיקער שטראָם. אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער קראַנקער אויפגעעפנט די אויגן.

דער ראָטמייסטער האָט געפילט אין קאָפּ עפּעס אַ מאָדנעם רויש און כאַאָס; ער האָט נאָר פון ערגעץ, פונווייטנס געהערט, זיינע אייגענע ליפּן האָבן מאַכטלאָז געמורמלט:

— וואַרט... מ׳קאָן דאָך נישט אַזוי.. איך וועל דיך אַהיים פירן... מיר וועלן רופן אַ דאָקטאָר... מ׳קאָן דאָך נישט אַזוי...

די ליפּן פונם קראַנקן האָבן זיך אויסגעקרומט אין אַ בלאַסן שמייכל.

— ווי אַזוי באָריס? ווילסט ראַטעווען אַ באָלשעוויק? אַ פיינער ווייס-גוואַרדייער ביסטו. איבעריקנס — ס׳איז שוין שפּעט. ס׳איז שוין דער דריטער טאָג. ס׳וועט באַלד זיין דער סוף.

דער ראָטמייסטער האָט אַן אָנגעבויגענער זיך איינגעקוקט אין דעם פּנים, וואָס איז אים פּלוצלינג אַזוי נאָענט געוואָרן. ס׳האָט אים געקלונגען אין די שלייפן. ערגעץ, נאָך העכער פונם געדאַנק, האָט דורכגעשוועבט אַ בליץ: ווי ענלעך ער איז צו דער מוטער! די נאָז און דאָס מויל, און די גאָמבע... ס׳האָט

זיך אים געוואָלט וואָיען. אַ וואַרעמע פּאַליע פון הארציקייט איז פון ערגעץ, פון די אינגעווייד אונטערגעשווומען צום האַלז.

— בלוט פּילט בלוט... — האָט ער געטראַכט און זיך באַמיט צו באַרעכטיקן דאָס, וואָס ס'האָט געריזלט אין אים מיט אַן אומבאַקאַנטן שטראָם.

די האַנט, וואָס איז באַפרייט געוואָרן פון אונטער דער קאָנטראָל פונם מח, האָט אַליין זיך צוגערוקט צום בלייכן קאָפּ, וואָס איז אָנגעשפּאַרט געווען אָן דער ראַם, זי האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן שטערן, זיך אַראָפּגעגליטשט אויף די זייַדענע האָר, וואָס זענען צונויפגעקלעפּט געווען פון שווייס... און אין דער באַוועגונג איז געווען אַלץ: די מוטערלעכע, מיט טרערן באַנעצטע באַק, בעת ער האָט זיך געזעגנט מיט איר אויף אייביק, און די יאָרן פון דער ביטערער, קאַלטער איינזאַמקייט, אָן אַ וואַרים וואָרט, אָן אַ נאָענטער מענטשלעכער נשמה, און די פאַרגליווערט געוואָרענע, האַרציקייט וואָס איז דורך קיינעם נישט אויסגענוצט געוואָרן.

דער גוסס האָט צוגעמאַכט די אויגן־הייטלעך און אויף די ליפּן האָט זיך אים אויפסניי פונאנדערגעגליטשט אַ שמייכל:

— דו רעכנסט, באָריס, אַז ס'איז שרעקלעך צו שטאַרבן ביי פינפאונצוואנציק יאָר? ס'האָט דיך צעוומען: די יוגנט א. אַ. וו. לאָז צורו! זיי זיך מצער אויף זיך אַליין. אַזעלכע, ווי מיר, שטאַרבן נישט. מיר האָבן מיט אַלע וואָרצלען צו שטאַרק זיך אַריינגעפלאַנצט אין דער מאַסע, אינם מין. מיר זענען אַריינגעוואַקסן אין אים מיט יעדן פאָדים. די וואָס האָבן נישט איבערגעלעבט די ערשטע יאָרן פון בויען, מעגן אונז מקנא זיין שטאַרבנדיק...

דער קראַנקער האָט מיט נערוועזע הענט אָנגעכאַפּט דעם ראָטמייסטער פאַר די קלאַפּעס פון פרענטש, אים צוגעצויגן צו זיך און מיט אַ פייפנדיקער, איפגעריסענער שטים אים געשעפּטשעט אין פנים אַריין. די אויגן האָבן אים געגלאַנצט פון היץ.

— צו פאַרשטייסטו, באָריס, וואָס דאָס באַדייט מיט די אייגענע הענט אויסצוקנעטן דאָס לייַם, אויסצוברענען די ציגל צו אַ

אייגן הויז, אָפּצוּ־ייניקן אַ פּלעצל פֿאַר אַ בנין, אויסצוציען פֿון דער ערד אַ שטאָק נאָך אַ שטאָק? בויען אַ ניי, קרעפֿטיק, פֿאַרבעסערט לעבן... פֿילן, אַז דו ביזט דער קערן פֿון דער ווונ־דערלעכער, מענטשלעכער לאַווינע, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן און לויפֿט פֿאָרויס אין דער צוקונפֿט... זי באַוואַקסט דיך, ווי מיט שניי, אין אַ פֿאַרהאַרטעוועטער, קערנדיקער מאַסע. די ביזט איר האַרץ... דער זאַפֿט פֿון איר בלוט, וואָס דרינגט דורך פֿון אָדער צו אָדער. דו לאַכסט זיך אויס פֿון פֿיזישע געזעצן. ביזט דוקכדרינגלעך, דרינגסט אויך אַליין דורך און פֿאַרלירסט נישט דיין ממשותדיקע געשטאַלט... אָ, באָריס! און דו האָסט געקאָנט, און דיר איז באַשערט געווען דאָס זעלטענע, דאָס אומבאַגרייפֿ־לעכע גליק געבוירן צו ווערן און צו לעבן אין אָט די צייטן, נאָר דו האָסט עס אָפּגעוואָרפֿן, און ווי אַ בלינדער קרעט האָסטו אין טעמפּער פֿאַרביסנקייט געוואָלט גלייכער אונטערגראָבן דאָס, וואָס איז אויפֿגעוואַקסן אין דיינע אויגן, צו להכעיס אַלע קרעטן פֿון דער וועלט, און וואָס איז אויפֿגעהויבן געוואָרן אין דער הייך דורך דער ווינדע פֿון אַ מיליאָניקער אָנשטרענגונג, ביז וואַנען מ'האָט דיך נישט, ווי אַ קרעט אַרויסגעטריבן פֿון דער נאָרע...

— אַזוי, באָריס, — האָט ער נאָך אַ הפסקה צוגעגעבן מיט אַ פֿאַרמאַטערטן, נישט קלאָרן שעפּטש — ווי מוזטו זיך פֿילן איינזאַם, אומגעוויטיק, היימלאָז, ווי אַ קרעציקער, אָנהאַריקער הונט... ווי אַזוי וועסטו שטאַרבן, באָריס?

סערגיי האָט אַן אויסגעשעפּטער זיך אויסגעצויגן אויף דער פּלאַטפֿאָרמע און מיט אַ שמאָלער ריטשקע איז אים געריגען אַ שוים פֿון מויל. די שמאָלע, שוואַרץ־געוואָרענע ליפּן האָבן זיך אים אויסגעקרומט אין אַ שמערצלעכער פֿאָדקאָווע. דאָס פּנים איז פֿאַרשטייפֿט געוואָרן פֿון ווייטיק, ס'איז געוואָרן ווייס, קליינטשיק, כמעט קינדעריש.

דער ראָטמייסטער האָט דערפֿילט, ווי אַ נישט באַזיגבאַרע, מוטערלעכע האַרציקייט בויגט אים אָן מיט אַן אייזערנער האַנט צו אָט דעם פּנים. וואָס טון? ווי אַזוי אים איבערלאָזן אַליין

כּייַן טויט! אַרויסטראָגן אים פֿון דאַנען! צונעמען? שטענדיק בלייבן מיט אים! נישט פֿאַרלאָזן אים! און די ווייסע ליפּן האָבן כּאַטיש איבערגעחזרט:

— סעריאָזשאַ! ס׳איז נישט אמת! דאָס איז אוממעגלעך! נעם מיך אָן פֿאַרן האַלז. איך וועל דיך אַרויסטראָגן פֿונדאַנען איך וועל דיך אַהיים טראָגן. מיר וועלן רופֿן אַ דאָקטאָר. וועסט זיך אויסהיילן. מיר וועלן זיך אַרויסקריגן פֿונדאַנען. מיר וועלן צוזאַמען אַהינפֿאָרן צו דיינע. איך וועל דיך נישט לאָזן אַליין. כ׳וועל מיטפֿאָרן מיט דיר. דו הערסט, סעריאָזשאַ? מיר וועלן צוזאַמען אַרויספֿאָרן. איך וועל אַרבעטן מיט דיר. סעריאָזשאַ!

סערגייס פּנים האָט אָנגעהויבן באַשפּינט צו ווערן מיט אַ געלן, אויסטערלישן שאָטן. די ליפּן, בלויז די ליפּן האָבן אַרויסגעכאָרכלט:

— ניין, באָריס, ס׳איז צו שפּעט. ס׳איז דער סוף... דו, דו ביזט מיר נאָר אַ שאָד. אַרבעט, פּרווו אָפּצואַרבעטן, זיך איבערצובויען, צונויפֿמאָנטירן אויפֿסניי. אַרבעט זיך איבער, ווי איך, ווי אַלע... וואַרט... איך האָב נישט קיין רעכט... נאָר דו וועסט מכפּר זיין מיין זינד, מיטן לעבן, מיט יאָרן, מיט אַרבעט... נאַ דיר — דאָס איז מיין סאָוויעטישער פּאַס... ביזט ענלעך צו מיר... מ׳וועט נישט דערקאָנען... וועסט מיט אים קומען קיין מאָסקווע... ווענד זיך צי יולען... זי איז אַ מוטי־קער חבר... יולע וועט דיר העלפֿן, זי וועט פֿאַרשטיין... נאָר שווער מיר צו אויף דער אָנדענק פֿון דער מאַמען, אַז וועסט נישט מיסברויכן...

— כ׳שווער... — האָט באָריס אַרויסגעמורמלט.

— איז גוט... און איצטער גיי שוין... ריר מיך נישט אָן... וועסט זיך נאָך אָנשטעקן... מאַך צורעכט...

אַ פֿלוצלינגער קראַמף האָט זיין קערפּער אונטערגעוואָרפֿן אין דער הייך און אים אַוועקגעשליידערט אָן אַ זייט. די אָפֿענע אויגן האָבן זיך פֿאַרצויגן מיט הייטלעך פֿון אַ מילך־נעפּל. דער ראָטמייסטער האָט געכאַפּט דאָס פֿלעשל. ער האָט געוואָלט אַריינגיסן אין מויל. ס׳איז געווען ליידיק.

פון מויל פונם גוסס האָט מיט אַ דין שנירל געשטראָמט אַ גרויער שוים פאַרמישט מיט בלוט.

סאָלאָמין האָט געפילט, ווי אינעווייניק האָט זיך אָנגע־שפּאַנט און געפּלאַצט עפּעס אַ סטרונעלע, וועגן וועלכער ער האָט גאָר קיינמאָל קיין אַזוינג נישט געהאַט. ס׳האָט גע־פּלאַצט אויף אייביק.

ער איז מיטאַמאָל ליידיק געוואָרן, ווי מ׳וואָלט פון אים אַרויסגעשאָקלט דאָס גאַנצע זעגעכץ, וואָס האָט אים ביז איצט אויסגעפילט. מיט אַ טעמפּן, זינלאָזן בליק האָט ער געקוקט אויף דעם טויטן פּנים, פון וועלכן ס׳האָט געקוקט אויף אים די מו־טערס נאָז, די גאָמבע און די פּאָדקאָווע פון די שמערצלעכע ליפּן. ער האָט זיך אויטאָמאַטיש אָנגעבויגן און אַ קוש־געטון די ליפּן. ער האָט אויף די ליפּן דערפילט דעם גע־זאַלצענעם טעם פון בלוט. אַ פאַרשטיינערטער און אַ מאַכטלאָזער איז ער געזעסן שטייף, ווי אַ ליאַלקע.

ס׳האָט זיך באַוויזן די לבנה. זי האָט באַלויכטן די פּלאַט־פאָרמע, די פאַרשטאַרטע, אַראָפּהענגגנדיקע הענט פון ראָט־מייסטער סאָלאָמין. אין איין האַנט — אַ צונויפגעדריקטע זאַך: אַ ביכעלע. וואָס איז דאָס? אַהאַ, ריכטיק! דער סאָוויעטישער פּאַס. סעריאָזשאַ האָט געגעבן...

דער ראָטמייסטער האָט עס אונטערגעטראָגן צו די אויגן.

אַ קליין, רויט העפטעלע. ווו האָט ער שוין ערגעץ אַזעל־כעס געזען? און דאָס ערשט נישט לאַנג... אַהאַ, דער ייד. אַ רויט חתימהלע... אויב כ׳וועל נישט שטאַרבן — זיך אומקערן קיין רוסלאַנד. זיך איבעראַרבעטן. פאַרטרעטן סעריאָזשען. ניין. ס׳איז צו שפּעט. מענטשן פון אַזאַ עלטער אַרבעטן זיך שוין מער נישט איבער. אַ שיינער קאָמוניסט וואָלט דאָס געווען פון מיר. נאָך וואָס אָפּנאַרן סעריאָזשען?

דער ראָטמייסטער האָט אַנידערגעקניט, דעליקאַט אָפּגע־שפּילעט דאָס העמד אויפן ברודערס ברוסט, אַוועקגעלייגט דאָס קליינע, רויטע ביכעלע.

אין דעם פּוסטן אינגעווייד, ווי אין אַ בלעכערנער קאַ־

בינע פון אַ טראַנספּאָרמאַטאָר, האָט געקלונגען די פּוסטקייט.

דערנאָך האָט ער מיט דער האַנט אָנגעטאַפּט די קאָלבע פונם נאַגאַן, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרט פון דער טאַש.

*
* *

ווען די סאַניטאַר-דינערשאַפט האָט צונויפגענומען אינדערפרי צוגענומען אין קרעמאַטאָריום דעם אויסגעשטאָרבענעם אויטאָמאָביל און אַריינגעוואָרפן די קערפּערס אין אויוון אַריין, האָט מען צווישן די גופים פון די באָלשעוויקעס געפונען דעם קערפּער פון אַ ווייסן אָפיציר אין אַ מונדיר און אין שליפעס.

דער אָפיציר, וואָס איז געקומען פון דער הויפּט-קאָמענדע, האָט דערקענט דעם ראָטמייסטער סאָלאָמין.

די אויספאָרשונג איז נאָר דערגאַנגען, אַז אין דער טראַגישער נאַכט איז דער ראָטמייסטער סאָלאָמין אין אַ שכּורן צושטאַנד אַרויס פון רעסטאָראַן און איז אַוועק אין אַן אומבאַוווּסטער ריכטונג.

אויפן באַפעל פון דער קאָמענדע האָט מען זיין גוף פאַרברענט באַזונדער, מיט מיליטערישע כּבֿודים.

## VIII

אינם לוקסוס־סאַלאָן פון מיסטער דאַוויד לינגסלעי זענען די ראַלעטן נאָך געווען אַראָפּגעלאָזט, און אין דער האַלב־טונקלקייט האָבן אויסגעזען די שטייפע סילועטקעס פון רב אליעזר בן צבי און דעם גופיקן הער אין אַמעריקאַנער ברילן, אויפן פאָן פון די רויטע טאַפּעטן, ווי צוויי וואַקסענע פיגורן, וואָס זענען דורך עפּעס אומבאַקאַנטע חברה־לייט אַהערגעבראַכט געוואָרן פון מוזיי.

— מיט וואָס קאָן איך אייך דינען? — האָט מיסטער דאַוויד לינגסלעי, פאַרבינדנדיק דעם קראַוואַט, געפרעגט די מאָדנע געסט — צום באַדויערן איל איך זיך אויף אַ זיצונג און איך קאָן אייך קוים ווידמען צען מינוט צייט.

דער איינגעהויקערטער מענטש מיט דער גרויער באָרד אין דעם אומגעלומפּעטן, אויסגעריבענעם כאַלאַט, האָט עפּעס געזאָגט אויף יידיש צום גופיקן הער אין די ביינערנע ברילן.

מיסטער דאַוויד לינגסלעי האָט נייגעריק אָבסערווירט דאָס פּאַטריאַרכאַלע פּנים, די דעליקאַטע סעמיטישע שטריכן פונם מענטש אין כאַלאַט.

דער קיילעכדיקער הער אין די ברילן, וואָס האָט דערפילט די פונקציע פון אַן איבערזעצער, האָט איבערגעחזרט אַ.פ. אַ גוטן ענגליש:

— אונזער ענין וועט אייך נישט פאַרנעמען קיין סך צייט.

אפשר וועט איר אַזוי גוט זיין זיך זעצן און אונז אויסהערן אויפמערקזאַם.

— ביטע — האָט געענטפערט מיסטער לינגסלעי און זיך אַוועקגעזעצט אויפן פאָטעל.

די צוויי געסט האָבן אַ ווײַלע געשמועסט צווישן זיך, דערנאָך האָט דער הער אין די ברילן איבערגעזעצט:

— אונזער ענין איז אַ קורצער. איר קאָנט אויף אים איינגיין, אָדער נישט — דאָס איז אָפּהענגיק פון אייך. איידער מיר טרעטן אָבער צו אים אַרומצורעדן, מוזט איר אונז צוזאָגן, אַז אַפילו קיין איין וואָרט פון אונזער געשפּרעך וועט נישט אַרויס פון אָט די פיר ווענט.

— איך האָב בכלל פיינט סודות, באַזונדערס נאָך מיט אומבאַקאַנטע מענטשן, — האָט מיסטער דאַוויד טרוקן אָפּגע־ענטפערט — אויב ס'איז אייך אָבער שטאַרק געלעגן, גיב איך אייך דאָס וואָרט פון אַ דזשענטלמאַן, אַז איך וועל קיינעם נישט זאָגן וועגן אונזער געשפּרעך.

— אַבסאָלוט קיינעם — האָט שטאַרקער אונטערגעשטראָכן דער הער אין די ברילן. — ס'איז אונז דערין זייער געלעגן. אַפילו נישט אייער פריינדין, דער פריילין דופּייעל

מיסטער דאַוויד האָט פאַררונצלט די ברעמען.

— איך זע, אַז איר זענט גלענצנד אינפאָרמירט אַפילו וועגן מיין ריין פּריוואַטן לעבן — האָט ער געענטפערט מיט אַ קאַלטן טאָן. — דאָס אַלץ הויבט מיר עפּעס אָן צו שמעקן מיט שאַנטאַזש. איך בין נישט נייגיריק צו וויסן אייער ענין און כ'רעכן, אַז ס'וואָלט אַמבעסטן געווען, אַז איר זאָלט אים מיר נישט דערציילן און פאַרלאָזן מיין וווינונג.

דער הער אין די ברילן האָט אַפילו נישט אויסגעזען צו זיין דערשראָקן.

— אונזער ענין איז פשוט און דאַרף אייך אינטערעסירן פונקט ווי אונז. מיר זענען זיך געקומען פרעגן, צי איר וואָלט זיך נישט געוואָלט אַרויסבאַקומען פון פּאַריז און זיך אומקערן קיין אַמעריקע?

מיסטער דאַוויד לינגסלעי האָט מיט חידוש געקוקט אויף דעם רעדנדיקן.

— וואָס זאָל דאָס באַדייטן? רעדט קלאָר.

— דאָס זאָל באַדייטן, אַז מיר זענען בכּוח אייך צו דער־מעגלעכן, איר זאָלט אַרויס פון פּאַריז און זיך אומקערן קיין אַמעריקע, און דאָס טאָקע אין דער קורצסטער צייט — האָט אי־בערגעחזרט דער הער אין די ברילן.

מיסטער דאַוויד האָט נישט גלייבנדיק פאַרזשמורעט די אויגן.

— ווי אַזוי, אויב ס׳איז דערלויבט צו וויסן, קאָנט איר דאָס מאַכן? איר קאָנט זיין זיכער, אַז די מיטגלידער פון אונ־זער קאָנצעסיע האָבן צו דעם צוועק שוין באַוועגט אַלע מעג־לעכע ספּרוזשינעס, און ווי איר זעט — אָן שום רעזולטאַט.

— דאָס האָט נישט צום ענין — האָט רויק געענטפערט דער הער אין די ברילן — מיר בעטן אָן ענטפער: יאָ, צי ניין?

— נו ס׳פאַרשטייט זיך! — האָט זיך מיסטער דאַוויד צע־שמייכלט אַביסל נישט נאַטירלעך — פאַר דורכפירן אָט די טראַנ־זאַקציע גיב איך יעטוועדע סומע. כ׳פאַרשטיי נאָר נישט פאַרוואָס איר ווענדט זיך דווקא צו מיר מיט דעם דאָזיקן פאָרשלאַג. כ׳פאַרזיכער אייך, אַז אַ גוטע פאַר הונדערט דזענטלמענס וואָלטן אייך באַצאָלט, וויפיל איר וואָלט נאָר פאַרלאַנגט, ווען איר וואָלט געקאָנט דאָס דורכפירן. — אפשר האַנדלט זיך דאָ וועגן עפּעס אַ נייער הורט־אונטערנעמונג, וואָס פירט דורך פאַר אַ באַשטימטן אָפּצאָל, פאַרמעגלעכע מענטשן דורכן קאָרדאָן? אַ גלענצנדע, לוינענדע אונטערנעמונג! מיט פאַרמאַכטע אויגן טרעט איך צו צום שותּפות.

— מיר נעמען נישט קיין געלט פאַרן דורכפירן. פאַר־קערט, מיר וואָלטן גרייט געווען צוצאָלן אייך־יעטוועדע סומע, ווען איר וואָלט זיך געניויטיקט אין איר. מיר ווייסן אָבער גוט, אַז איר באַדאַרפט עס נישט.

— זענט איר הייסט עס פילאַנטראָפּן, אָדער איר לייגט עס

מיר פאַר צוליב מיינע שיינע אויגן, ווייל ביז איצט האָב איך נישט געהאַט דאָס פאַרגעניגן אייך צו קענען?

— מיר לייגן עס אייך נישט פאַר צוליב אייערע שיינע אויגן — האָט אַ רויקער ווייטער גערעדט דער הער אין די ברילן — מיר לייגן אייך פאָר אַ טובה פאַר אַ טובה. מיר וועלן אייך אַרויספירן פון פאַריז און העלפן זיך אַריינבאַקומען קיין אַמעריקע. איר וועט אונז דערפאַר טון אַן אַנדער טובה.

— איר אינטריגירט מיך. כ'הער מיט דער גאַנצער אויפמערקזאַמקייט.

דער הער אין די ברילן האָט זיך אויסגעדרייט צום גרויבערדיקן זקן אין כאַלאַט און זיי האָבן ביידע אַ לענגערע ווײַלע גערעדט אויף יידיש. מיסטער דאַוויד האָט זיך אומגעדולדיק צוגעהערט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער הער אין די ברילן נענטער צוגערוקט זיין פאָטעל צום פאָטעל פון באַלעבאָס, זיך איינגעבויגן און דייטלעך געזאָגט:

— מיר קומען פון דער יידישער שטאָט, אַלס דעלעגאַטן.

— ווי אַזוי האָט איר זיך אַריבערגעקומען אויף דער טעריטאָריע פון דער קאָנצעסיע? — האָט מיט חידוש געפרעגט מיסטער דאַוויד.

— דאָס האָט נישט צום ענין. כ'בעט אייך, אונז אויפמערקזאַם אויסצוהערן. די יידן פון דער יידישער שטאָט וועלן די טעג אַרויס פון פאַריז.

— אויף וואָס פאַר אַן אופן?

— דאָס איז נישט וויכטיק. מיר האָבן איבערגעקויפט דאָס מיליטער פון אַ קאָרדאָן־אָפּשניט. דאָס מיליטער וועט דורכן קאָרדאָן דורכלאָזן די יידישע באַפעלקערונג און, כדי נישט צו ציען קיינעמס אויפמערקזאַמקייט, וועלן זיי צוגיין צו דער ראָגאַטקע מיט די טונעלן פון דער אונטערערד־באַן. אויף דער צווייטער זייט פון קאָרדאָן וועלן וואַרטן פראַכט־צוגן. אין פאַרפלאָמבירטע וואַגאָנען וועט די יידישע באַפעלקערונג פאַרלאָדן ווערן, ווי אַמוניציע־קאַסטנס און אָפּפאָרן קיין האַוור.

— גלענצנד, הגם נישט איינגאַנצן וואַרשיינלעך. וויפיל איינוווינער, אויב מ׳קאָן וויסן, זענען פאַראַן אין דער יידישער שטאָט?

— ס׳פאַרשטייט זיך, אַז ס׳וועלן אַרויספאָרן אויסשליסלעך די פאַרמעגלעכע. די אביונים וועלן בלייבן אין פאַריז. ס׳וועלן אַרויספאָרן נאָר די געזונטע נאָך דעם ווי זיי וועלן דורכמאַכן אַ דריי־טאָגיקע קאַראַנטין אין די וואַגאָנען. בסך־הכל דאַרף מען רעכענען אויף אַן ערך דריי טויזנט פערזאָן. די איבעריקע זענען שוין אויסגעשטאָרבן אָדער זיי וועלן אויסשטאַרבן אין די נאָענסטע טעג. מיר מוזן ווי אַמשנעלסטן אַרויספאָרן. דאָס בלייבן אין פאַריז ווערט וואָס אַמאָל געפערלעכער. אָפגערעדט שוין דערפון, וואָס יעדן טאָג שטאַרבן העכער הונדערט יידן אויף דער דזשומע, איז אויף דער יידישער שטאָט געקומען אַן אַנדער אומגליק, וואָס איז נאָך געפערלעכער פון דער מגפה. די יידישע קהלה גרעניצט זיך דירעקט מיט דער בעלווילער ראַטן־רעפובליק. זינט זי איז אַנטשטאַנען, האָט אָנגעהויבן אונזער פעבל שטאַרק צו רודערן. ערשט נעכטן האָט דער גאַנצער קוואַרטאַל רעפּובליק זיך אָפגעריסן פון דער יידישער שטאָט און זיך אָנגעשלאָסן אָן די באָלשעוויקעס. הצכער טויזנט סוחרים זענען געפאַלן אַלס קרבנות פון דער חבריה און זייער פאַרמעגן האָט מען צעראַבעוועט. אַלע אויסוווּרפן פון דער יידישער שטאָט וואַרטן נאָר אויף דער מינוט, זיי זאָלן באַכטון דעם דאָזיקן ביישפיל... לענגער פאַרבלייבן אין פאַריז איז אוממעגלעך.

— איר באַהויפּטעט אַלזאָ, אַז פון בלאָקירטן פאַריז וועט אַרויס אַן אַרמיי פון דריי טויזנט מענטשן און קיינער וועט דאָס נישט באַמערקן?

— אַזוי וועט עס זיין. אַלץ איז שוין צוגעגרייט און פאָרויסגעזען.

— דאָס ווייזט מיר אויס צו זיין אַ שטאַרק פאַנטאַסטישע געשיכטע. לאָמיר אָבער האַלטן, אַז דאָס איז אמת. אויב איך האָב אייך גוט פאַרשטאַנען, ווילט איר מיך מיטנעמען מיט זיך

און מיר געבן אַ אָרט אין אייערע פאַרפּלאָמבירטע וואַגאָנען. אמת? טאָ וואָס פאַר אַ טובה פאַרלאַנגט איר פון מיין זייט?

— אַ פשוטע טובה, וואָס וועט פאַר אייך פערזענלעך נישט זיין שווער. ס׳גייט וועגן דעם, אַז באַזעצן אַזאַ צאָל יידן ערגעץ נאָענט, אין אייראָפּע, און נישט ציען דערמיט קיינעמס אויפמערקזאַמקייט, וואָלט געווען אוממעגלעך. איבעריקנס, וועט די דזשומע פריער אָדער שפּעטער זיכער אַריבער איבערן קאָרדאָן און פאַרגיסן דעם גאַנצן קאָנטינענט. נישט צוליב דעם אַנטלויפן יידן פון פּאַריז און גיבן אויס דערויף גראָבע מיליאָנען, אַז ס׳זאָל ערגעץ ווו אויף זיי וואַרטן די דזשומע. די יידן מוזן זיך אַריינבאַקומען אויף אַן אָרט, וואָס איז לגמרי זיכער: זיי מוזן זיך אַריינבאַקומען קיין אַמעריקע.

— אַזוי גאָר! איר ווייסט דאָך מסתמא, אַז אַמעריקע האָט פאַרמאַכט אַלע אירע פּאָרטן, ווייל זי האָט מורא, אַז מ׳זאָל נישט אַריינברענגען די מגפה, און קיין שום שיף קאָן נישט צושווימען צו אירע ברעגן, ווייל זי וועט גלייך באָמבאַרדירט ווערן.

— מיר ווייסן דאָס פּונקט אַזוי גוט, ווי איר. דעריבער קומען מיר דאָך צו אייך. איר וועט אַ דאַנק אייערע ריזיקע באַציונגען אויספועלן, אַז אַמעריקע זאָל אַריינלאָזן איין שיף.

— אומזין!

— באַלד. איר דאַרפט דאָך נישט זאָגן, אַז די שיף פירט מענטשן פון פּאַריז, אָדער בכלל פון אייראָפּע. איר וועט זאָגן, אַז איר קומט מיט אַ שיף פון קאַירא. אַלץ וועט דאָס דאָזיקע באַשטעטיקן. די שיף וואַרט שוין אין האַוור. פון האַוור, כדי נישט צו ציען קיינעמס אויפמערקזאַמקייט, וועט זי אָפּשווימען מיט אויסגעלאָשענע פייערן. אויפן וועג וועט זי בייטן דעם נאָמען און דעם פלאַג. זי וועט נישט צופאָרן קיין ניו־יאָרק און אפילו נישט קיין פילאַדעלפיע, נאָר צו עפּעס אַ קליינעם פּאָרט. זי וועט זיך פאַראַנקערן, אַרויסזעצן די פּאַסאַזשירן און צוריק אַוועקפאָרן ביינאַכט. קיינער וועט זיך וועגן גאָרנישט נישט דערוויסן. דורך אייערע באַציונגען וועט איר דאַרפן נאָר

אויספּועלן, אַז די אַרטיקע מאַכט זאָל אויף אַ שעה פאַרמאַכן די אויגן. דאָס איז אַלץ.

מיסטער דאַוויד לינגסלעי איז פאַרזונקען אין טיפע מחשבות.

— איר פאַרלאַנגט פון מיר, מיינע הערן, נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר אַז כ׳זאָל אַ דאַנק מיינע באַציונגען, אַריינפירן די דזשומע קיין אַמעריקע. ס׳איז דאָך קלאָר, ווי דער טאָג, אַז אויף דריי טויזנט מענטשן, וואָס פאַרלאָזן פּאַריז, וועט זי זיך באַווייזן כאָטש ביי עטלעכע אויפן וועג אָדער נאָך דעם, ווי זיי וועלן זיין אויפן אָרט. איך זאָג אָפּ.

— מ׳דאַרף נישט אָפּזאָגן אומבאַרעכנט. באַטראַכט זיך פריער גוט.

— כ׳האָב זיך שוין באַטראַכט. איך קאָן נישט נעמען אויף זיך אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט. פאַרוואָס האָט איר, מיינע הערן, זיך דווקא אויסגעקליבן אַמעריקע? פאַרט קיין אַפריקע, קיין אַזיע.

— די יידן האָבן נישט וואָס צו טון אין אַפריקע, און אויך נישט אין אַזיע. אין אַמעריקע האָט יעדער ייד זיינע אייגענע, און אַמעריקע איז אַממיינסטן אָפּגעזונדערט פון אייראָפּע. אגב איז עס דאָך אין אייער אינטערעס, אַז די יידן זאָלן פאָרן קיין אַמעריקע. ווען זיי וואָלטן געפאָרן קיין אַפריקע אָדער אַזיע, וואָלטן זיי נישט באַדאַרפט אייער הילף.

— זיי וואָלטן דאַן נישט געהאַט קיין שום סיבה מיך מיטצונעמען. איך פאַרשטיי דאָס אויסגעצייכנט. אָבער נישט געקוקט אויף אַלעם, ווייל איך נישט אונטערנעמען דורכצופירן דאָס, וואָס איר פאַרלאַנגט פון מיר. איך פאַרבלייב אין פּאַריז.

— איר זענט אַ זעלבסטמערדער. איר ווילט שטאַרבן, האָבנדיק אַ מעגלעכקייט געראַטעוועט צו ווערן.

— די רעטונג איז אַ צווייפלהאַפטע, ווייל אַנטלויפנדיק קיין אַמעריקע, פיר איך דאָך מיט די דזשומע. דאָס איז נישט קיין רעטונג, נאָר קוים אַן אָפּשלעפּונג.

— איר זענט אַ פּעסימיסט. ווו איז דאָס געזאָגט געוואָרן,

אַז צווישן די יידן, וואָס פאָרן אַרויס מוז זיך גלייך געפינען עפּעס אַ קראַנקער? אַלע וועלן פריער אונטערגעזוכט ווערן דורך דאָקטוירים. אַלע וועלן מוזן דורכמאַכן אַ דריי־טאָגיקן קאַראַנטין. אויב עמעץ וועט קראַנק ווערן אין וועג, אויף דער שיף, וועט מען אים גלייך אַריינוואַרפן אין ים. און ווען אפילו ס׳וועלן אויפן ערגסטן אופן איינער, אָדער צוויי יידן קראַנק ווערן נאָכן אָנקומען, הייסט דאָס דאָך נאָך נישט קיין מגפה. פון צוויי יידן וועט זיך דאָך נישט אָנשטעקן גאַנץ אַמעריקע.

— אויף דויי טויזנט קאָנען קראַנק ווערן נישט צוויי, נאָר דריי הונדערט יידן.

— נאָך וואָס זענט איר גלייך אַזאַ פּעסימיסט? מ׳דאַרף שטענדיק רעכנען, אַז ס׳וועט זיין בעסער. האָט מיט זיך אַ ישוב־הדעת. מיר וועלן מאָרגן קומען נאָך אַ תשובה.

— איך האָב שוין געגוי דורכגעקלערט און איך קאָן נישט איינגיין אויף אייער פאָרשלאַג.

— דאָס איז אייער לעצט וואָרט?

— יאָ, דאָס לעצטע.

דער מענטש אין די ברילן האָט זיך אַ ווילע פאַרשטע־דיקט מיטן זקן אין כאַלאַט. דערנאָך האָט ער זיך אויפּגני־געוועגדט צום מיסטער דאַוויד:

— איר זענט אַן אידעאַליסט. (מיסטער דאַוויד האָט מיט אַ נישט־ווילנדיקן שטאָלץ זיך צעשמייכלט אין געדאַנק). מיר האָבן גערעכנט, אַז איר זענט אַ פּראַקטישער מענטש. איר פאַרמשפּט זיך צום טויט דערפאַר, ווייל איר האָט מורא, אַז עטלעכע אַמע־ריקאַנער וועלן זיך אָנשטעקן. איר נעמט נישט אין אַכט, אַז איר וועט גלייכצייטיק אָפּראַטעווען אַ פּאָר הונדערט אַנדערע חשובע אַמעריקאַנער מיט זייערע קאַפּיטאַלן, וואָס זענען דאָ פאַרשפּאַרט אין פּאַריז, און וועלכע מיר זענען גרייט מיטצונע־מען מיט זיך קיין אַמעריקע אויף אונזער שיף. איבעריקנס, אויב איר זענט שוין אַזאַ מענטשן־פריינט, טאַ פאַרוואָס באַדויערט איר נישט די דריי טויזנט יידן, וועלכע וועלן זיך אומ־

פֿאַרמיידלעך אָנשטעקן און אויסשטאַרבן, אויב זיי וועלן נישט אַרויספֿאָרן.

— פֿאַרוואָס זאָל איך דאָס באַדויערן דווקא די דריי טויזנט יידן און נישט די מיליאָנען אַנדערע איינוווינער פֿון פּאַריז, וועלכע זענען פֿאַרמשפּט צום טויט, אויב זיי וועלן בלייבן אין פּאַריז.

— מ'קאָן דאָך נישט באַדויערן אַלע. אויף אַזאַ שטייגער וואָלט מען נישט געקאָנט לעבן. מ'דאַרף באַדויערן די, וועלכע זענען נאָענטער.

מיסטער דאַוויד לינגסלעי האָט זיך פֿאַרכמורעט.

— פֿאַרוואָס טראַכט איר, אַז דווקא די יידן דאַרפֿן מיר זיין נאָענטער?

דער הער אין די ברילן האָט אָפּגעענטפֿערט מיט אַ דיפּלאָמאַטישן שווייגן.

מיסטער דאַוויד האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס, פֿאַרדרויכערט און נערוועז פֿאַרצויגן.

— ס'דאַכט זיך, אַז כ'הייב אָן צו פֿאַרשטיין די אייגנטלעכע סיבה פֿון אייער וויזיט. איר האָט צונויפֿגעזאַמלט וועגן מיר גענויע ידיעות, זיך דערוווּסט, אַז מיין טאַטע איז געווען אַ ייד, און אַז אויב כ'וועל נישט איינגיין אויף קיין געשעפֿט, וועט מען מיך קאָנען נעמען דורך אַ סענטימענט: „אַ יידיש האַרץ" — ווי איר רעדט דאָס צווישן זיך. כ'מוז אייך אָבער אַנטוישן. איך בין אויפֿגעוואַקסן אין אַמעריקע און אין אַמעריקע האָב איך צונויפֿגעקליבן מיין פֿאַרמעגן. כ'בין אַן אַמעריקאַנער. די יידן בין איך קיין שום חוב נישט שולדיק און מיר האָבן נישט קיין שום געמיינזאַמעס. אונזערע ליניעס, וואָס האָבן זיך נאָך אין דעם פֿאַרגאַנגענעם דור איבערגעהאַקט, זענען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען אין באַזונדערע ריכטונגען. דאָס פּראָבלעם פֿון אָפּשטאַמונג איז אַ ריינער מעטריקע-פּראָבלעם. די יידן האָבן נישט קיין שום סיבה צו רעכנען אויף מיר.

דער הער אין די ברילן האָט אייליק אָפּאָנירט.

— ווער רעדט דאָס וועגן אָפּשטאַמונג? ס'איז דאָך אַ

פשוטע זאַך. כ׳וועל זיך דערלויבן צו זאָגן, אַז איר האַנדלט זייער נישט קלוג. דאָס, אַז ס׳קאָנען זיך דאָרט אָנשטויקן און שטאַרבן אַ פּאָר אַמעריקאַנער — דאָס איז דאָך סוף כּל סוף נאָר בלויז אַ מעגלעכקייט; דערפאַר אָבער, אויב איר וועט דאָ פאַרבלייבן, איז אין — פינף־זעקס טעג אַרום וועט איר בלי ספק אַליין שטאַרבן. צי הייסט דאָס לאָגיש דענקען? און וואָס וועט זיין, אויב פון די דריי טויזנט יידן וועט אַפילו קיין איי־נער נישט קראַנק ווערן? ס׳איז דאָך פאַראַן אויך אַזאַ מעג־לעכקייט. אַזוי אַרום וואָלט זיך נישט אָנגעשטעקט קיין שום אַמעריקאַנער. און איר, אָנשטאָט צו פּרוּוון די דאָזיקע מעגלעכקייט, ווילט גלייכער מספּים זיין דערמיט, אַז אין אַ וואָך אַרום, זאָלט איר ליגן דאָ, אַפילו נישט אין דער ערד, נאָר דער רוח ווייסט ווו, אַלס אַ פשוט ביסל אַש, ווייל אין תּחית המתים גלויבט איר דאָך נישט; בעת אין דערזעלבער צייט וואָלט איר שוין געקאָנט זיין ביי זיך אין דעם היים, אין אַמעריקע, אין דער געזעלשאַפט פון אייער משפּחה און פריינד, ווייט פון דעם פאַרפעסטעטן אייראָפּע. און אַז דאָ וועט אַזוי זיין דער סוף פון אייער לעבן, אין דעם צווייפלט איר דאָך נישט מסתּמא?

מיסטער דאַוויד לינגסלעי האָט האַסטיק אָפּגערוקט דעם פאָטעל.

— כ׳האַלט דעם געשפּרעך פאַר צוועקלאָז. איר וועט מיר מוחל זיין, מיינע הערן, וואָס איך קאָן אייך מער נישט ווידמען קיין צייט, איך האָב אַזוי אויך שוין פאַרשפּעטיקט צו דער זיצונג.

ביידע הערן האָבן זיך אויפגעשטעלט און זענען איי־ליק צוגעגאַנגען צו דער טיר. אויף דער שוועל האָט זיך דער הער אין די ברילן פאַרהאַלטן און געזאָגט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל:

— ס׳ברענט דאָך נישט. איר איילט זיך איצט. ווען מיר אייך נישט צונעמען קיין צייט. איר וועט דורכטראַכטן, זיך אַליין איבערלייגן. מיר וועלן מאָרגן פרי קומען נאָך אַ תּשובה.

מיסטער דאַוויד האָט אין די הענט געקנייטשט דעם פּאַ־

פּיראָס, באַטאַפּט די קעשענע און באַמערקט, אַז ער האָט פאַר־געסן דאָס זייגערל. ער האָט זיך אומגעקערט אין שלאָף-צימער, מיט אַ נערוועזן עקל האָט ער אריינגעדרוקט אין וועסטל דאָס זייגערל, וואָס איז געלעגן אויפן נאַכט-טישעלע, אין דער הויזן-קעשענע האָט ער אויטאָמאַטיש אַריינגעשטופּט דעם קליינטשיקן, שטאָלענעם קעגנשטאַנד, און אָנטועענדיק דעם הוט, איז ער שנעל אַראָפּגעלאָפן פון די שטיגן.

אויף די שטיגן האָט ער באַגעגנט צוויי סאַניטאַרן, וואָס האָבן פון דער הייך אַראָפּגעטראָגן אַ שוואַרצע, צוגעדעקטע מיטה. מיסטער דאַוויד האָט זיך איילִיק אָפּגערוקט און, פאַר־געסנדיק אָן דער פרימאָרגן־קאַפע, איז ער מיט שנעלע טריט אַוועק אין דער ריכטונג פון „אַמעריקאַן-עקספּרעס".

* *
*

ביים איינגאַנג צום „אַמעריקאַן-עקספּרעס" האָט אויף מיסטער דאַוויד שוין געוואַרט אַ באָי, וועלכער האָט אים מיט דער ווינדע אַרויפגעפירט אויפן צווייטן שטאָק (די פּאַרטרווילעכע זיצונג, קאַבינעט נומ. 7).

אין קאַבינעט האָט מיסטער דאַוויד דורכן בלוילעכן נעפּל פון ציגאַרן־רויך נישט באַלד דערקאָנט די סילוועטקעס פון זיינע פינף אַמעריקאַנער קאָלעגן, וועלכע זענען געזעסן אין דער אומאַרמונג פון די באַקוועמע קלוב־פאָטעלן.

מיסטער דאַוויד האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם פאָטעל, וואָס איז פאַר אים באַשטימט געווען, און נעמענדיק דעם ביי-כיקן ציגאַר פונם שאַכטל, איז ער פאַרזונקען אין אַ פרעגנדיקן שווייגן.

פון די קנוילן בלוילעכן רויך האָט צו אים, ווי דורך אַ נעפּל, דערגרייכט די חשובע גאָרגל־שטים פון מיסטער ראַמזיי מאַרלינגטאָן.

— איך דענק, מיינע הערן, אַז ווען מיר זענען שוין אַלע פאַרזאַמלט און יעטוועדן איז באַקאַנט דער צוועק פון דער

הײנטיקער זיצונג קענען מיר גלײך, נישט פארלירנדיק קײן צײט, צוטרעטן צו באטראכטן די פרטים פונם ענין. איך װאלט אבער געװאלט פריער הערן די מײנונג פון מײן זער געערטן קאָלעגע, מיסטער דאװיד לינגסלעי; קען זײן, אז זי װעט אונז קענען דינען אלס באזע פאר דער װײטערדיקער דיסקוסיע.

— אנטשולדיקט מײנע הערן — האט זיך פון דער טיף פון זײן פאטעל אפגערופן אן אײלעניש מיסטער דאװיד. — די סאמעטן־בלויע לופט אינם צימער האט אויף אים געװירקט, װי א שלאף־מיטל. — איך מוז אבער פעסטשטעלן, אז מ׳האט מיך נישט אינפארמירט װעגן צװעק פון דער הײנטיקער זיצונג, אײדער איך װעל קאנען ארויסזאגן מײן מײנונג מוז איך פריער זײן באקאנט מיטן ענין, װאס דארף באטראכט װערן.

אלע קעפ האבן זיך, װי אויף א קאמענדע, אויפגעהויבן פון די פאטעל־טיפעניש און געװענדט זיך אין זײן זײט.

— צי איז דאס מעגלעך? האט ארויסגעשיפעט מיסטער מארלינגטאן און אין זײן שטים האט זיך געהערט א חידוש — צי דען האט אײך נישט באזוכט הײנט אינדערפרי א דעלעגאציע פון דער ײדישער שטאט?

דער פאטעל פון מיסטער דאװיד האט ארויסגעלאזן א דערשטיקטן געשרײ פון די געפײניקטע ספרוזשינעס.

מיסטער מארלינגטאן האט װײטער רויק גערעדט, א כמעט נישט געזעענער, אײנגעהילט אין א װאלקן פון רויך, װי א הונדערט־קילאדיקע פיטיע.

— װי מיר האבן עס פאר א װײלע פעסטגעשטעלט, האבן יעדן פון אונז הײנט אינדערפרי אין אײנער און דערזעלבער צײט באזוכט צװײ דעלעגאטן פון דער ײדישער שטאט מיט אײנעם און דעמזעלבן פארשלאג. די דעלעגאטן האבן אונז אינפארמירט, אז צװײ פון זײ האבן זיך געװענדט צו אײך, װי צו א פערזענלעכקײט, װאס האט אין דער פראגע כמעט א דעצידירנדיק װארט. צי האט איר אפשר זײ נישט אויפגענומען?

זארגלאזע קנוילן רויך זענען געבליבן הענגען איבער די פאטעלן מיט פינף פראגע־צײכנס.

פון מיסטער דאַווידס כאָטעל האָט זיך דערהערט אַ באַהערשטע און פאַרבלאָזטע שטים:

— אמת, ביי מיר איז געווען אַזאַ דעלעגאַציע. מ'האָט מיר אָבער נישט געזאָגט, אַז גלייכצייטיק ווערט געמאַכט דער־זעלבער פאָרשלאַג אויך אַנדערע אַמעריקאַנער מיטגלידער פון דער רעגירונג פון דער קאָנצעסיע. איך האָב דעריבער באַטראַכט דעם פאָרשלאַג, אין אַ געוויסער מאָס, ווי אַ אינדיווידועלן און כ'האָב נישט דערוואַרט, אַז די הייגטיקע זיצונג וועט זיין גע־ווידמעט דער דאָזיקער פראַגע.

— אויסגעצייכנט — האָט אַרויסגערעדט מיסטער מאַרלינג־סטאָן פון זיין פאָטעל — איצט, ווען מיר האָבן שוין פעסטגע־שטעלט דעם פאַקטישן צושטאַנד — איז אפשר וואָלטן מיר, איך און מיינע קאָלעגן, געקאָנט זיך דערוויסן דעם ענטפער, וואָס איר האָט געגעבן דער דעלעגאַציע?

— ביטע — האָט פלעגמאַטיש געענטפערט מיסטער דאַוויד — איך האָב אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג.

איצט האָבן אַלע פינף פאָטעלן נאָך דער ריי אַרויסגעלאָזן אַ נישט פאַרשטענלעכן געשריי. ס'האָט געהערשט אַ שטילקייט. פון איינעם פון די פאָטעלן האָט זיך דערהערט אַ גוטמוטיק קוואָקען.

— דער קאָלעגע וויצלט זיך. האַ־האַ! אַ פרעכטיקער וויץ!

— איר האָט אַ טעות — האָט טרוקן געענטפערט מיסטער דאַוויד — איך מאַך נישט קיין שום וויצן. איך ווייס נישט, צי איר אַלע, מיינע הערן, זענט באַקאַנט מיט די באַדינגונגען, וואָס די יידן שטעלן פאַר זייער הילף, די יידישע דעלעגאַטן האָבן מיר דערקלערט, אַז זיי זענען גרייט אונז מיטצונעמען נאָר אין דעם פאַל, אויב מיר וועלן פועלן, אַז אַמעריקע זאָל אַריינלאָזן צו זיך דריי טויזנט יידן, וואָס וועלן אַנטלויפן צו־זאַמען מיט אונז פונם פאַרדזשומעטן פאַריז — דאָס הייסט מיט אַנ־דערע ווערטער — אויב זי וועט אַריינלאָזן צו זיך די מגפה. איך האָב נישט געהאַלטן פאַר מעגלעך צו נעמען אויף זיך אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

— געוויס — האָט זיך נאָך אַ ווײַלע אָפּגערופֿן מיסטער מאַ־לינגטאָן — אַרײַנפֿירן קיין אַמעריקע דרײַ טויזנט ייִדן איז אומבאַדינגט דער אַם ווייניקסטן לאָקנדער מאָמענט פֿונם פֿאָרשלאָג. ס׳איז אָבער שווער אין דעם פּרט אַרויסצורוקן וועלכע נישט איז באַוואָרענישן. מ׳טאָר דאָך נישט פֿאַרגעסן, אַז אין תּוך אַרײַן נעמען מיר נישט מיט די ייִדן קיין אַמעריקע — נאָר זיי אונדז. מיר ווייסן דאָך אויסגעצייכנט, אַז אַלע אונדזערע באַמיונגען אַרויסצובאַקומען זיך איבערן קאָרדאָן האָבן נישט געבראַכט קיין רעזולטאַט. ווען מיר וואָלטן איצט אָפּגעוואָרפֿן די אונטערגעקומענע געלעגנהייט, וואָלטן מיר דאָך באַגאַנגען אַ משוגעת. איבעריקנס, אין מאָמענט, ווען מיר וועלן זיך געפֿינען אויף דער אַנדערער זייט פֿון קאָרדאָן, וועלן זיך ראַדיקאַל ענדערן אונדזערע ראָלן. נאָכן אָנקומען קיין אַמעריקע, איז עס דאָך איינע פֿון די לײַכטסטע זאַכן אונטערן אויסרייד פֿון אַ מעדיצינישער קאָמיסיע בכלל נישט דערלויבן די ייִדן אַרויסזעצן זיך. ווען מיר וועלן זיך געפֿינען אויפֿן ברעג, וועלן מיר האַנדלען אַזוי, ווי מיר וועלן עס געפֿונען פֿאַר נויטיק און געוווּנטשן לטובֿת אונדזער טײַער פֿאָטערלאַנד. נישט אמת, מײַנע הערן?

די קעפּ אין די פֿאָטעלן האָבן זיך אין שווײַגן אַ שאָקל־געטון, אַלס צייכן פֿון צושטימונג.

מיסטער מאַ־לינגטאָן האָט ווייטער גערעדט אין די הפסקות צווישן צוויי קנוילן שמעקנדיקן רויך.

—ווײַלנדיק אויסמײַדן אומנויטיקן טומל, האָבן מיר גענומען אין אַכט, אַז דער גאַנצער ענין איז נוגע נאָר אונדז אַמעריקאַנער, און דעריבער האָבן מיר נישט פֿאַרשטענדיקט וועגן פֿאָרשלאַג אונדזערע ענגלישע קאָלעגן, וועלכע מיר האָבן נישט, ווי איר זעט דאָס, אײַנגעלאַדן צו דער הײַנטיקער זיצונג. זאָלן זיי זיך אַליין באַמיִען מיט אייגענע כּוחות אַרויסצוקריגן אויף זייער אינזל. זיי האָבן איבעריקנס אַ סך נענטער — אגבֿ זעבען אויך אונדזערע וועגן נישט דיזעלבע. כ׳בין אויפֿריכטיק זיך מודה, אַז כ׳זע נישט קיין שום סיבה, צוליב וועלכע מיר דאַרפֿן אַרויס־ײ־אָגן פֿון דאַבען אויף אונדזערע פּלייצעס מענטשן, וואָס האָבן

במשך פון די לעצטע צענטליקער יאָר כסדר אונטערגעשטעלט אַ פּיסל אין אונזערע וועלט־אָפּעראַציעס. דאָס פאַרדופן זיך אויף דער ראַסן־קרובהשאַפט איז ווייניק איבערצייגנד און אַבסטראַקט. איך גלויב, אַז איך דריק אויס די מיינונג פון אייך אַלע, מיינע הערן, ווען איך שלאָג פאָר צו לעזן די פראַגע אין גייסט פון אונזער אַלטן כלל: אַמעריקע פאַר אַמעריקאַנער.

די פּאָטעלן האָבן אין שווייגן געשאָקלט מיט די קעפּ.

מיסטער מאַרלינגטאָן האָט זיך קאָנפידענציאָנעל אַריבער־געבויגן איבערן פּאָטעל־אָנשפּאַר אין דער זייט פון מיסטער דאַוויד לינגסלעי.

— איך זע, אַז אין דעם פּרט זענען נישט פאַראַן צווישן אונז קיין חלוקי־דעות. דער ענין איז אָבער לגמרי אָפּהענגיק נאָר פון אייך, מיסטער לינגסלעי. דער גאַנצער אַמעריקאַנער קריגס־פלאָט געפינט זיך אין אייער טאַש. ס'איז גענוג אייערס אַ קורצע דעפּעשע, אַז די קריגס־שיפן, וואָס באַוואַכן דעם גע־העריקן אָפּשניט פון ברעג, זאָלן אַוועקשווימען ערגעץ־ווו אויף מאַנעוורן. איר האָט געגעבן דער יירישער דעלעגאַציע אַן איבערגעאיילטע תשובה, נישט איבערטראַכטנדיק דעם ענין אַל־זייטיק. מיר אַלע, וואָס מיר געפינען זיך דאָ, זענען הייסע אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן. ס'איז אָבער נישט גענוג צו זיין בלויז אַ געפילס־פּאַטריאָט. מ'דאַרף זיין אַ ראַציאָנעלער פּאַטריאָט. אונזער צוריקקומען אין אַמעריקע וועט בלי ספק ברענגען פיל נוצן אונזער פּאָטערלאַנד. בעת אונזער אומזיניקער טויט דאָ, וואָלט איר געבראַנגט אומגעהויערע פאַרלוסטן. ביים באַשטימען וועמען פון אונזערע לאַנדסלייט מיר זאָלן מיטנעמען מיט זיך אין אַמעריקע, וועלן מיר זיך, פאַרשטענדלעך, נישט רעכנען מיטן כמות נאָר מיטן איכות. ס'וועלן אָפּפאָרן צוזאַמען מיט אונז אויסשליסלעך די מענטשן, וועמענס פאַרמעגן ס'שטעלט זיי אַוועק איבן אָן צווישן די בירגער פון אונזער פּאָטערלאַנד, און וואָס זענען, אַ דאַנק זייער פאַרמעגן, מעכטיקע זיילן פון אונזער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג. מיין סעקרעטאַר וועט ביז פאַרנאַכט צוגרייטן די געהעריקע רשימה. איך רעכן, אַז מ'דאַרף פאַר קיין

פאַל נישט אָפּשלעפּן מיט דעם ענין, און אַז איר דאַרפט ווי ווייט מעגלעך. וואָס שנעלער מודיע זיין דער רעגירונג פון דער יידישער שטאָט, וועגן אייער הסכּמה.

מיסטער דאַוויד לינגסלעי האָט אָוועקגעלייגט דעם ציגאַר און איז אויפגעשטאַנען.

— איר וועט דערלויבן, מיינע הערן, אַז איך וועל זיך רעזערווירן פיר און צוואַנציק שעה צייט צום באַדענקען. מאָרגן פרי וועל איך נאָך אַ גרינטלעכן ישוב־הדעת געבן אייך אַ טע־לעפאָנישע תשובה. דער ענין איז צו ערנסט, אַז מ׳זאָל אים אַנטשיידן אויף איין פוס.

פינף הערן האָבן זיך אויפגעהויבן פון די פאָטעלן.

מיסטער דאַוויד האָט זיך געזעגנט און געאיילט צו דער טיר.

— און וואָס שייך די דריי טויזנט יידן און דאָס אַריינ־לאָזן זיי קיין אַמעריקע — האָט מיסטער מאַרלינגטאָן אַ בלאָז געטון נאָך אים צוזאַמען מיט אַ וואָלקן רויך — זאָלט איר נישט דאגהן. די קליינע מניעה וועט מען לייכט קאָנען ליקווי־דירן אויפן אָרט. לאָזט דאָס איבער מיר...

מיסטער דאַוויד האָט נאָר דערהערט בלויז די ערשטע העלפט פון לעצטן זאַץ. די צווייטע העלפט האָבן אָפּגעשניטן די טירלעך פון דער ווינדע, וואָס האָבן זיך פאַרקלאַפּט מיט אַ הילך.

נאָך זיין אַוועקגיין האָבן די הערן אויסגעטוישט פאַר־שטענדנישפולע בליקן.

— ס׳איז אינטערעסאַנט, וואָס פאַראַ מין קאָמבינאַציע ס׳פּלאַנט אונזער חשובער קאָלעגע לינגסלעי — האָט אגב אורחדיק געזאָגט איינער פון די פאָטעלן.

— און וויפיל מיר וועלן דערפאַר באַצאָלן? — האָט צו־געוואָרפן אַ צווייטער.

— צי האָט לינגסלעי אַמאָל נישט אָפּגעמאַכט מיט די יידן, אַז ער אַליין וועט מיט זיי אַרויספאָרן און אונז איבערלאָזן אין פּאַריז? צי האָט איר באַמערקט, ווי ער האָט זיך צומישט, בעת

ער איז געוויר געוואָרן, אַז ביי אונז אַלעמען זענען היינט געווען יידישע דעלעגאַטן.

— יאָ, לויט מיין מיינונג דאַרף מען לינגסלעין האָבן אויפן אויג. דאָ שטעקט עפּעס בלי ספק. לינגסלעי אַליין שטאַמט פון יידן. ס'וואָלט געווען אומגעהויער נאַריש, ווען ס'וויזט זיך פלוצלינג אַרויס, אַז מ'האָט אונז אָנגעפּייפט און אַז ס'איז פאַר־ביי אַזאַ זעלטענע געלעגנהייט.

— איר קאָנט זיין רויק — האָט זיך פון אַ ווינקל דערהערט די מאַיעסטעטישע שטים פון מיסטער ראַמזיי מאַרלינגטאָן. — אַ דאַנק דעם, וואָס מיסטער דאַוויד און איך אַרבעטן שוין לאַנג אין קרובהשע אינדוסטריע־צווייגן, טרעט מיין דעטעקטיוו, לויט זיין אַלטער געוווינהייט, נישט אָפּ פון אים אויף קיין טריט. ווען יעדער באַוועגונג זיינע וועלן מיר זיין אינפאָרמירט און מיר וועלן שטענדיק אין אַ געהעריקן מאָמענט קאָנען אינטערוועניִרן. דערווייל לאָמיר זיך גרייטן צום אָפּפאָרן, כדי נישט צו לאָזן זיך איבערראַשן דורך קיין שום צופאַלן.

צום באַדויערן האָט מיסטער דאַוויד נישט געהערט דעם אינטערעסאַנטן געשפּרעך. ער איז שוין געווען אויף דער גאַס און אָפּזוכנדיק זיין ראָל־ראָיס אין דער לאַנגער שנור אויטאָמאָבילן, האָט ער זיך אָראָפּגעלאָזט אויף די ווייכע קישנס, און ווי שטענדיק, אַ בורטשע־געטון.

— עליזעאישע פעלדער!

פון איבער דעם פיר־ראָד האָט זיך צו אים אויסגעדרייט אַ אומבאַקאַנט פנים פון שאָפער.

מיסטער דאַוויד לינגסלעי האָט אין דער ערשטער רגע געמיינט, אַז ער האָט זיך טועה געווען און פאַרנומען אַ פרעמדן אויטאָמאָביל; ער האָט אָבער דערזען זיין מאָנאָגראַם, וואָס איז אויסגענייט געווען אויף די קישנס, געוואָלט עפּעס פרעגן, נאָר נישט געפרעגט. אַלס סאָליסט פון אַ משוגע־געוואָרענער רעווי, איז ער שוין צוגעוווינט געוואָרן צו די אומאויפהערלעכע ענדערונגען, וואָס ס'האָט אין אַנסאַמבל פון די צעחושטע סטאַ־

טיסטן יעדן טאָג אַריינגעבראַכט דער צעשטרייטער רעזשיסער — טויט.

מיט אַ טרוקענער, מעטאַלענער שטים האָט ער איבערגע־חזרט דעם געגויעץ אַדרעס.

דער שאָפער האָט זיך שווייגנדיק פאַרנויגט. דער אויטאָ האָט געריירט.

ווי אַ מאָדעלירער, וואָס קאָן זיך נישט דערוואַרטן אויפן טויט פונם פאַמעלעך גוססדיקן קראַנקן, האָט דער אויסקוייענדיקער טאָג אַרומגעקלעבט דאָס פנים פון מיסטער דאַוויד מיט אַ גיפּ־סענער מאַסקע פון היץ. מיסטער דאַוויד האָט געטראַכט וועגן די ווייכע, ווייכע קישנס, אין וועלכע מ׳קאָן פאַרזינקען אין אַ דרימל און וועגן נאָך אַנדערע, נאָך מער ווייכע און פאַרשיכורנדיקע. טרוימענדיק האָט ער צוגעמאַכט די אויגן.

בעת ער האָט זיי אויפגעעפנט, האָט ער דערזען, אַז דער אויטאָמאָביל שטייט שוין פאַר דעם גוט־באַקאַנטן פּאַלאַצל. די שטאָרן פון די פענסטער זענען געווען גוט פאַרצויגן.

— זי שלאָפט — האָט מיסטער דאַוויד צערטלעך געטראַכט און געשמייכלט צו זיין אייגענעם געדאַנק.

ער האָט צווייַמאָל אָנגעקלונגען אין דער טיר. ס׳איז פאַרביי אַ לאַנגע רגע. קיינער האָט נישט געעפנט. מיסטער דאַוויד האָט אויפסניי אָנגעקלונגען. ס׳האָט אים אָפּגעענטפערט די שטילקייט. זאָל עס, הייסט דאָס, קיינער נישט זיין פון דער דינערשאַפט? מיס־טער דאַוויד האָט אַן אומגעדולדיקער לענגער צוגעדריקט דאָס קנעפל. דאָס גלעקל האָט זיך צעקלונגען אויף אַלאַרם. ס׳איז ווידער שטיל געוועזן.

פון טויער אין שכנותדיקן פּאַלאַצל האָט זיך אַרויסגעבויגן אַ קאָפּ פון אַן עלטערן, גרוילעכן הער. אַ בייסיקער, שלעכטער קאָפּ. דער קאָפּ האָט געזאָגט הויך אין אַ געבראָכענעם ענגליש:

ס׳איי קיינער נישטאָ. די מאַדאַם איז היינט געשטאָרבן. מ׳האָט זי צוגענומען אין קרעמאַטאָריום. און די דינערשאַפט איז נישטאָ — זי איז אַנטלאָפן.

מיסטער דאַוויד איז אַ צעמישטער געבליבן שטיין מיט דער

האַנט אויפֿן גלעקל. ער איז, משמעות, לאַנג אַזוי געשטאַנען, ווייל די ערשטע זאַך, וואָס איז אים ווידער אויפֿגעפֿאַלן איז געווען דאָס פֿאַרוואונדערטע, כמעט שפּאָטישע פּנים פֿונם נייעם שאָפֿער.

מיסטער דאַוויד איז שווער אַראָפּגעגאַנגען פֿון די שטיגן און אַוועקגעפֿאַלן אויפֿן געזעס. דער שאָפֿער, וואָס איז געווען אויסגעדרייט צו אים, האָט נישט אויפֿגעהערט פֿרעגנדיק צו קוקן.

— כ׳בעט פֿאָרן אַזוי... אַ ביסל... פֿאָרויס... — האָט מיסטער דאַוויד פּאַמעלעך אַרויסגעזאָגט.

דער שאָפֿער האָט זיך מיט אַכפּערונג פֿאַרנויגט. דער אויטאָמאָביל האָט גערירט.

* * *

ווען די מאַשין פֿון מיסטער דאַוויד ליגגסלעי, האָט זיך פֿאַרהאַלטן שפּעט אין אָוונט פֿאַרן טויער פֿון גראַנד־האָטעל האָט אויפֿן פּאַרטער אין „קאַפֿע דע לאַ פּע“ געוואָיעט דער דזשאַז, און די צום טויט פֿאַרמעטערטע, צעגלאָצטע דזשענטעלמענס, האָבן, ווי גיגאַנטישע קאָמאַרן, באַזעצט די קיילעכדיקע טישלעך און דורך שטרוי געזויגן דאָס רויטע בלוט פֿון די קאָקטיילס.

בעת ער האָט זיך אַליין געפֿונען אין צימער, האָט מיסטער דאַוויד אויטאָמאַטיש אָנגעדרייט דאָס זייגערל, אַוועקגעלייגט עס אויפֿן נאַכט־שענקעלע און דערנאָך פּאַמעלעך זיך אָנגעהויבן אויסטאָן. דאָס צערירן זיך צו די קילע ליילעכער, דורך דעם דינעם זייד פֿון דער פּידזשאַמע, איז געווען דער ערשטער שטויס, וואָס האָט צוריק אויפֿגעוועקט דאָס באַוואוסטזיין פֿון דעם רעגולער פֿונקציאָנירנדיקן קערפּער, און דאָס באַוואוסטזיין האָט, ווי אַ באַוועגטע מאַשין, זיך געלאָזן אויף זיין טאָג־טעגלעכער, זיכערער ליניע.

דער פֿערציקיאָריקער מאַנספּערשוין האָט אונטער די פֿאַלדן פֿון דער קאָלדרע צום ערשטן מאָל זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן חשבון, אַז אין דער פֿאַרגאַנגענער נאַכט האָט ער געהאַלזט,

געטוליעט און געלעבט מיט אַ פּרוי, וואָס איז היינט געשטאָרבן אויף דזשומע.

דער געדאַנק איז געווען אַזוי שניידיק און קאַלט, אַז דער מאַנספּערשוין האָט דערפילט אַ לייכט פּרעסטל אין דער לענג פון רוקנביין.

דער פאַרלייקנטער געזעלשאַפטלעכער „איך" פונם פּערציקיאָריקן העד, וואָס איז באַקאַנט געווען אונטערן נאָמען „מיסטער דאַוויד לינגסלעי" — עפּעס אַזוינס, ווי אַן עטיקעטע אויף אַ פלעשל מיט אַ כעמישער פליסיקייט, ווי אַ פּאַפּירל, וואָס איז צוגעקלעבט צום גלאָז מיט אַ באַשטימטער צאָל אָפּגערעדטע צייכנס, — האָט ערגעץ פון דרויסן געפּרוווט זיך בונטעווען: ס'איז געשטאָרבן די געליבטע, די איינציקע, די נישט פאַרטרעטענע א. אַ. וו. ס'וואָלט נאָך פאַרשטענדלעך געווען פאַרצווייפלונג, געשריי, רעזיגנאַציע, אָבער נישט קיין גראָבער עגאָיזם, פּחד: כ'וועל זיך אָנשטעקן! כ'וועל שטאַרבן! נאָר די עטיקעטע, ווי יעדע עטיקעטע, האָט נישט געהאַט און קאָן נישט האָבן קיין איינפלוס אויף דעם כעמישן אינהאַלט פון פלעשל (אַן אומפאָרזיכטיקער כעמיקער פאַרטוישט אַמאָל די עטיקעטן) — און דער קערפּער פונם פערציקיאָריקן מאַנספּערשוין, האָט מיטן געזעץ פון דער אייגענער אומוואַקלדיקער לאָגיק ווייטער פאָרטגעזעצט דעם געדאַנק.

אָן דעם ערשטן געדאַנק האָט זיך אָנגעקייטלט באַלד דער צווייטער: הייסט עס, אַז כ'האָב זיך אָנגעשטעקט, די אָנשטעקונג איז אין מיר, כ'וועל שטאַרבן העכסטנס — מאָרגן. אפשר נאָך היינט ביינאַכט.

דער פערציקיאָריקער מאַנספּערשוין האָט זיך האַסטיק אויפגעזעצט אויפן בעט. דער געדאַנק איז געווען אַזוי פּשוט, אַזוי פעסט אין זיין ריינער לאָגישקייט, אַזוי דורכזיכטיק און פול מיט זויערשטאָף, אַז די לופט אין צימער האָט אין פאַרגלייך מיט אים אויסגעוויזן צו זיין פון ריינעם קוילן-שטאָף, און דעם פערציקיאָריקן מאַנספּערשוין האָט אויף אַ ווײַלע פאַרפעלט אָטעם.

„ליבע", „אַ געליבטע", די אַלע באַגריפן, מיט וועלכע אַ געוויסער מיסטער דאַוויד לינגסלעי האָט אַמאָל באַצייכנט די מדרגות פון זיינע איינדרוקן, זענען פלוצלינג פאַר אים געוואָרן אומפאַרשטענדלעך, ווי ווערטער פון אַ פרעמדער שפּראַך. ס'איז פאַרבליבן אַ פרעמדע, טויטע פרוי, אַפילו נישט קיין פרוי, נאָר אַ קילאָ אַש, זי איז געבליבן לעבן בלויז אין אים, אין די מיקראָבן, מיט וועלכע זי האָט אים אָנגעשטעקט, און וועלכע בייסן זיך אפשר אין דער רגע דורך פון לייב אין בלוט אַריין.

דער פּערציקיאָריקער מאַנספּערשוין האָט מיט דער האַנט אַ ריס־געגעבן דעם קאָנטאַקט און אָנגעצונדן דאָס ליכט. די שפּיגל־שאַנק פון קייגנאיבער האָט זיך צו אים אויסגעקרומט מיט דער גרימאַסע פון אַ בלאַס, באַקאַנט פּנים.

— צי איז שוין נישט פאַראַן קיין רעטונג? צי איז שוין טאַקע אויף זיכער נישט פאַראַן קיין רעטונג? לאָמיר נאָר רויק דורכטראַכטן — האָט זיך געיישובט דער גוף פונם פּערציקיאָריקן הער. — ס'זענען דאָך געווען פאַלן, אַז אַפילו מענטשן, וואָס האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט סיפיליס, האָבן דורך אויסברענען דאָס אָנגעשטעקטע אָרט גלייך נאָך דער באַציונג, פאַרהאַלטן די אַנטוויקלונג פון דער קרענק.

— ס'איז צו שפּעט — האָט דער מח געפּרוווט אָפּאָנירן,

— ניין, אפשר איז נאָך נישט צו שפּעט. ס'זענען נישט פאַרביי אַפילו קיין גאַנצע פיר און צוואָנציק שעה. אויב מ'זאָל זיך צואיילן...

איבעריקנס, האָט דער קערפּער, ווי בכלל יעדער קערפּער, אָפּגעענטפערט אויף די אַבסטראַקטע באַטראַכטונגען מיט דער שפּראַך פון אַ קאָנקרעטער אַקציע. דער פּערציקיאָריקער מאַנספּערשוין איז באַרוועס אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, מיט אַן אַבערגלויבישן פּחד האָט ער אַראָפּגעוואָרפן, אייגנטלעך אַראָפּגעריסן פון זיך די פּידזשאַמע, און אַ נאַקעטער איז ער צוגעשפּרונגען צו דער טואַלעטקע. פון די פלאַקאָנען, וואָס האָבן זיך אויף איר געפונען, האָט די האַנט פון פּערציקיאָריקן מאַנספּערשוין האַסטיק צוגעכאַפּט אַ סלאָיקל מיט סובלימאַט, און אויסמישנדיק אים

מיט וואַסער אונטערן קראַן, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו באַגיסן און ביז רויטקייט איינצורייבן דאָס האַריקע נישט גלאַטיקע לייב, אָבהויבנדיק פון די געשלעכטלעכע אָרגאַנען און ענדיקנדיק ביים פנים און די אויערן.

ווען די נויטיקייט פון דער דירעקטער טאַט איז געוואָרן געשטילט און די אָנגעשפּאַנטע ענערגיע איז אומגעפאַלן, ווי אַן אויפגעדרייטער באַנק, האָט אויף אַ רגע געקאָנט נעמען אַ וואָרט מיסטער דאַוויד לינגסלעי, און אַ קוק־טוענדיק דורך די אויגן פונם פּערציקיאָריקן הער אויף דעם רויטן האָריקן לייב, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין שפּיגל, האָט ער אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג:

— כ'בין לעכערלעך.

דאָס איז אָבער געווען אַ נישט דרייסטע באַמערקונג און זי איז פאַרבליבן ערגיץ אויפן ראַנד, גלייך ווי זי וואָלט לחלוטין נישט נוגע געווען דעם פּערציקיאָריקן הער. אַ נישט צוגעוווינטער צו נאַקעטקייט האָט דער פּערציקיאָריקער מאַנספּערשוין דערשפּירט אַ שוידער פון קעלט; ער האָט אויסגעמיטן די פּידזשאַמע, וואָס איז געלעגן צעשפּרייט אויפן דיוואַן, צוגעגאַנגען צו דער שאַנק, אַרויסגענומען אַ פרישן שלאָפראָק און זיך איינגעהילט אין אים.

דורך אַ ווײַלע האָט ער געטראַכט, צי ער זאָל זיך צוריקלייגן אין בעט אַריין, דערנאָך איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק: טוישן די וועש פון בעטגעוואַנד! ער האָט געוואָלט אָנקלינגען נאָכן באָי. אָבער אויף דעם אָרט האָט אינטערווענירט מיסטער דאַוויד לינגסלעי, וואָס האָט אין דער אומגעוויינטלעכער צייט זיך געשעמט צונויפצוטרעפן פּנים אל פּנים מיטן באָי, און דער פּערציקיאָריקער מאַנספּערשוין האָט זיך אונטערגעגעבן, ער איז מיט די פיס אַרויפגעקראָכן אויפן פּאָטעל, באַשליסנדיק אַזוי איבערצוּוואַרטן ביז אינדערפרי.

אוועקלייגענדיק זיך באַקוועם, האָט דער פּערציקיאָריקער הער אָנגעהויבן אויפמערקזאַם צו באַטאַפּן דעם בויך, ער האָט דאָס זעלבע געטון אויך מיט די פּאַכווע־דריזן. די אונטער־

זוכונגען האָבן אָבער נישט געגעבן קיין באַשטימטן רעזולטאַט, און דעם פּערציקיאָריקן הער איז נישט פאַרבליבן מער, ווי צו וואַרטן.

דעמאָלט האָט דורכן פּענסטערל פון דערוואַרטונג ווידער געפּרוווט אַרויסקוקן מיסטער דאַוויד לינגסלעי, וועלכער האָט אייליק צונויפגעשטעלט זיין מיינונג:

— איך בין אַ פּחדן. כ'האָב מורא פאַרן טויט. וואָס פאַר אַן אומזין! לעבנדיק דריי וואָכן צווישן פאַרדושומעטע, ווייס איך דאָך אויסגעצייכנט, אַז איך וועל אַ לאַדע טאָג מוזן שטאַרבן.

דאָס אָבער, וועגן וועלכן ס'האָט אויסגעצייכנט געוווּסט מיסטער דאַוויד לינגסלעי, האָט נישט געהאַט קיין שום שייכות צום פערציקיאָריקן הער, וועלכער האָט זיך נאָך מער אָנגעשפּיצט אין זיין פּאָטעל, און עקשנותדיק נישט געגומען עס צו קענטעניש.

— כ'וועל שטאַרבן, כ'מוז שטאַרבן — האָט מיסטער דאַוויד לינגסלעי באַמיט זיך איבערצוצייגן דעם פערציקיאָריקן הער — וואָס איז דער מער? פּשוט: כ'בין געווען און כ'וועל נישט זיין...

דער פערציקיאָריקער הער האָט אָבער דאָך בשום אופן זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלן דעם פּשוטן פאַקט און האָט זיך נאָך אַלץ מער אָנגעשפּיצט. און מיסטער דאַוויד לינגסלעי האָט זיך דערשראָקן, פילנדיק, אַז דער פערציקיאָריקער מאַנספּערשוין וויל שרייען.

— מ'טאָר נישט! מ'וועט דערהערן! די דינערשאַפט וועט קומען צו לויפן! ס'איז אַ בושה! האָט ער היציק געפּרוווט איבערצייגן.

נאָר דער פערציקיאָריקער הער האָט זיך אין דעם מאָמענט נישט גערעכנט מיט דער דינערשאַפט. ער האָט געפּילט עפּעס שוואַרצס, גליטשיקס, וואָס האָט אים שוין אַרומגעקלעפּט די גלידער און ער האָט לאַנג געצאַפּלט, ווי אַ חיה, ביז וואַנען מיסטער דאַוויד לינגסלעי האָט אים נישט מיט דער האַנט פאַרשטופּט דאָס מויל.

— מ'וועט דערהערן!

מיסטער דאַוויד ליגנסלעי האָט דורך אַ ווײַלע זיך אײַנגעהערט. צו זײַנע אויערן האָט אָבער נישט דערגרייכט קיין שום פּליסטער. ערשט איצטער האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אויפן גאַנצן גאָרן איז אַ חוץ אים קיינער נישט פאַראַן.

— שאַ! שאַ! — האָט ער צערטלעך באַרויקט דעם פערציקיאָריקן הער.

דעם פערציקיאָריקן מאַנספערשוין אינם בראָקאַטענעם שלאָפראָק אויפן גאָלן לייב איז געווען קאַלט און ער האָט געקלונגען מיט די ציין.

אויסנוצנדיק זײַן צײַטווײַליקע אַפּאַטיע, האָט מיסטער דאַוויד ליגנסלעי ווײַטער געפּרוווט טענהן.

אַלס אַ דערפאַרענער ביזנעסמאַן איז ער פאַרן צוטרעטן צום ליקווידירן וועלכע ס'איז נאָר אונטערנעמונג געוווינט געווען צו מאַכן אַ בילאַנס פון אירע פּאַסיוון און אַקטיוון. און איצטער, פון דער הייך פון זײַן פאָטעל, גלײַך ווי פון אַ בימה, האָט מיסטער דאַוויד ליגנסלעי געפּרוווט אומצוקוקן זיך צוריקוועגס אויפן דורכגעמאַכטן לעבן און אונטערציען אַ סך־הכּל פון די גרעבערע פּאָזיציעס. אומקוקנדיק זיך הינטער זיך, האָט ער געזען אַן אומגעהויערע מאַסע ציפערן, וואָס זענען צוגעשווומען צו אים מיט אַ געדיכטער, אַלץ פאַרגיסנדיקער לאַווע און אַרומגערינגלט זײַן פאָטעל, ווי מיט אַ מיליאַרדיקע סטאַדע שטשורעס. אין פלוצלינגן פּחד האָט ער אַרונטערגעכאַפּט הינטער זיך די באָרוועסע, צעציטערטע פיס.

פון גרויען ים מיט ציפערן האָט מיט אַן אײנציקן, גרינעם אײנזעלע אַרויסגעבליט די ליבע פון די לעצטע וואָכן און מיסטער דאַוויד ליגנסלעי האָט געפּרוווט, ווי אַ שיפבּרוכיקער, וואָס כאַפּט זיך אָן אָן אַ ברעט, אַוועקשטעלן זיך אויף אים און באַפעסטיקן זיך אויף זײַן ענגן שטח. אָבער אין זעלבן מאָמענט האָט אים פון דער האַנט אָנגעכאַפּט דער פערציקיאָריקער הער, וועלכער האָט פײַנט געהאַט די טויטע, פאַרדושעטע פרוי און געשראָקן זיך אַוועקצושטעלן דעם פוס אויף איר ירושה.

דאָס לעבן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ דעפּיציט־אונ־טערנעמונג און מיסטער דאַוויד לינגסלעי האָט געפילט, אַז אַ שום צער פאַרמאַכט ער זיין האַנדלס־בוך. איז דען כדאי געוועזן אין משך פון צוואַנציק לאַנגע יאָרן, טאָג און ביינאַכט, ווי אַ פאַרמשפּטער, צו דרייען די שווערע רעדער פון מיליאָנען, שמירן זיי געדיכט מיט דעם קלעפּיקן, רויטן שמירעכץ, כדי אין מאָמענט פון בילאַנס זיך איבערצייגן, אַז אין די אַרבעטזאַם אויפגעבויטע שפּייכלערס זאָלן אָנשטאָט מעל, זיך האָבן אויפגע־האָדעוועט מיליאַרדן טשורעס פון ציפערן, אַן אומציילִיקע, אייביק־הונגעריקע אַרמיי, וואָס שאַרפט שוין די ציין אויף אים אַליין, אויף אים, וואָס האָט זי באַטראַכט פאַר זיינס אַ געצייג, פאַר אַ מיטל, און פלוצלינג האָט ער זיך אַליין אַרויסגעוויזן אַלס מיטל פאַר איר אייגענעם געהיימניספולן ציל?

און מיסטער דאַוויד לינגסלעי האָט, פּונקט ווי ביי אַן עקזאַמען, אָן וואַקלעניש געענטפערט:

— ניין, ס׳איז נישט כדאי.

— הייסט עס, אַז כ׳וועל שטאַרבן, שטאַרבן און ס׳וועט נאָך מיר גאָרנישט נישט בלייבן, אַפילו קיין זכר...

דער אַזוי פאָרמולירטער געדאַנק האָט זיך אפילו פאַר מיסטער דאַוויד לינגסלעי אויסגעוויזן נישט צום פאַרדייען און מיט אַ פאַרעקשנט שלוקערצן האָט ער זיך אים צוריק אומגע־קערט אין האַלז.

— באַלד... לאָמיר נאָר קאַלט דורכטראַכטן: ס׳שטאַרבן שריפטשטעלער, דענקער, קינסטלער. זיי בלייבן אויף שטענדיק פאַראייביקט אין זייער שאַפן. וואָס־זשע איז געוועזן מיין שאַפונג?

און מיסטער דאַוויד לינגסלעי האָט געענטפערט:

— געלט, פאַרמעגן.

אַן אומדאַנקבאַר, נאָמענלאָז שאַפן. מיטן פאַרמעגן וועלן זיך צעטיילן די יורשים. ס׳וועט גאָרנישט בלייבן, אַפילו נישט דער נאָמען. דעם נאָמען וועלן אַלע באַנקן פון דער וועלט זאָרגפעלטיק אויסשטרייכן פון זייערע לויפנדע חשבונות. וואָס

וועט בלייבן? אַ טעמפּער האַס פון עטלעכע מיליאָנען אַרבעטער, אין וועלכן ער האָט ביז איצט געלעבט, פונקט ווי אין אַ שרעקלעכער לעגענדע? אַפילו פון דאָרט וועט מען אויסקראַצן זיין נאָמען, מ׳וועט אים פאַרבייטן אויף אַ צווייטן. אין פינף יאָר אַרום וועט נישט בלייבן פון אים אַפילו קיין זכר.

מיכטער דאַוויד לינגסלעי האָט צום ערשטן מאָל פאַרשטאַנען דאָס, וואָס ער האָט ביז איצט אָנגערופן: פילאַנטראָפּישער פסיכאָז פון אַלט־געוואָרענע מיליאָנערן, פון די אַלע קאַרנעדזשיס און ראָקפעלערס, וואָס שענקען אַוועק אומגעהייערע סומען אויף וווילטעטיקע צוועקן, שאַפן מיליאָניקע פונדאַציעס אויף זייער נאָמען. ער האָט פלוצלינג דערפילט אין זיך דעם שרייענדיקן זקנישן פחד פאַרן נישט־זיין, דעם באַגער צו פאַרייביקן זיך, צוצוטשעפען זיך צו עפּעס פאַר יעדן פּרייז, זאָל כאָטש זיין בלויז מיט די זילבן פונם אייגענעם נאָמען. צום ערשטן מאָל האָט ער דאָס פאַרשטאַנען און מיט אַ שמייכל מוחל געווען. די עלנדע! ווען זיי פינאַנסירן אַ פרעמדע אידיי, רעדן זיי זיך איין, אַז זיי וועלן זיך פאַרייביקן אין איר, אויב זיי וועלן נאָר צוטשעפען צו איר זייער וויזיט־קאַרטע, וואָס האָט אַזאַ שייכות צו איר, ווי דער נומער פון זייער טשעק־ביכל.

דאָ האָט זיך שוין באַאומרויקט אַפילו דער פערציקיאָריקער הער, וועלכער פילנדיק, אַז די ערד רוקט זיך אים אַפער פון אונטער די פיס, האָט מיט אומרויקע פינגער זיך געקלאַמערט אָן דער לופט.

דער פערציקיאָריקער הער איז נישט בכוח געווען צו קאָנקורירן מיט דער לאָגיק פון מיסטער דאַווידס אויספירונגען און מיט אַ טויבן, חיהשן אינסטינקט האָט ער קראַמפּהאַפטיק אָנגעהויבן זוכן עפּעס, אָן וואָס מ׳וואָלט זיך געקאָנט אָנכאַפּן, גלייך ווי אַ ים־שרץ, וואָס פילט דאָס דערנענטערן זיך פון אַ שטורמישער פאַליע, זוכט אַ ראַציק אָרט אויף אַ פעלז, כדי צוצוקלעבן זיך צו איר און איבערוואַרטן.

טאָמנדיק אין דער פוסטקייט פון באַוווסטזיין, האָט דער פערציקיאָריקער הער פלוצלינג דאָרט אָנגעטראָפן אויף אַ באַקאַנט,

לויערנד פנים, און ער האָט זיך אָנגעשפּיצט, ווי אַ געשמיסענער הונט...

מיסטער דאַוויד לינגסלעי האָט נישט געהאַט קיין קינדער. דאָס קליינע עצמת־נפש האָט אים געטאָטשעט, ווי אַ וואָרים, הגם ער האָט זיך דערצו נישט מודה געווען אַפילו פאַר זיך אַליין. ווען ער האָט פעסטגעשטעלט אין זעקס און דרייסיקסטן לעבנס־יאָר, אַז ער וועט קיין קינדער מער נישט האָבן, האָט מיסטער דאַוויד אַ טראַכט־געטון וועגן זיין משפּחה. ער האָט געהאַט אַ ברודער, וועגן וועלכן ער האָט אַמאָל באַקומען אַ ידיעה, אַז ער איז געשטאָרבן פון הונגער אין עפּעס אַ נאָרע אין אַ לאָנדאָנער פאָרשטאָט. אויף אַ מענטש, וואָס איז אַזוי הויל פון אַלע משפּחה־סענטימענטן, ווי מיסטער דאַוויד, האָט די ידיעה נישט געמאַכט דעם מינדסטן איינדרוק. מאָמענטנווייז האָט זיך אין אים אויפגעוועקט אַ לייכט געפיל פון שולד (ס'איז אַמאָל אויסגעקומען צו מאַכן אַ קליינע ענדערונג אין פאָטערס צוואה...) ארומקוקנדיק זיך נאָך דער משפּחה, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דער לאַ־יצלחדיקער ברודער האָט איבערגעלאָזט עפּעס קינדער. מיסטער דאַוויד האָט באַשלאָסן זיי אויסצוגעפינען. נאָך לאַנגע זוכענישן, האָט ער זיך דערוווסט, אַז פון אַלע קינדער איז פאַרבליבן בלויז אַ צוואָנציק יאָריק יינגל, מיטן נאָמען ארטשיבאַלד, וואָס האַלט זיך אויס אין לאָנדאָן.

באַפעלנדיק אים איבערצושיקן אַ שיפס־קאַרטע ערשטע קלאַס און אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר צום ליקווידירן זיינע ענינים אין איראָפּע, האָט מיסטער דאַוויד אין אַ לאַקאָנישן בריוו פאָרגעשלאָגן זיין ברודערן־זון, ער זאָל אריבערקומען פאָרזעצן די סטודיעס קיין ניו־יאָרק.

ער איז אָנגעקומען אַ דאַרער, הויכער מאַנספּערשוין, מיט גוטע, ביר־אויגן, מיט אַן איינגעפאַלן און אָפּגענוצט פּנים, מיט צו פריצע קנייטשן, מיט פאַסמעס קאַשטאַנפאַרביקע האָר אויפן קלוגן, הויכן שטערן. ער האָט פאַרנומען זיין צימער אין לינקן פליגל פון פּאַלאַץ.

מיסטער דאַווידן איז געפעלן געוואָרן דאָס אָפענע פּנים

פונם ברודערן-זון און ער האָט באַשלאָסן, נאָכן אונטערפאַשן אים אַביסל, צו מאַכן אים פאַר זיין רעכטער האַנט.

ס'איז אָבער באַלד אַרויס אַ פלאָנטער. דער ברודערן־זון, אַ דעקלאַרירטער קאָמוניסט, נאָך איידער ער האָט באַוויזן גוט פונאַנדערצופאַקן די זאַכן, האָט ער שוין אָנגעהויבן אַן אַגי־טאַציע אין דעם פעטערס פאַבריקן. די אַלאַרמירנדיקע ראַפּאָרטן פון די אונטערטעניקע דירעקטאָרן האָט מיסטער דאַוויד אויפגענומען מיט אַ נאָכגיביקן שמייכל.

ווענדיק מאַכן אַ סוף צו די יונגלערישע קאַפריזן פונם ברודערן-זון, האָט ער אים נאָמינירט אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון איינער פון די אונטערנעמונגען און אין אַ לאַנגן, פריינט־לעכן און פאַרטרויליכן געשפרעך געגעבן אים צו פאַרשטיין, אַז ער האָט אים באַשטימט אַלס שותּף און יורש.

דער ברודערן־זון האָט דעם פּאָסטן אָנגענומען, נאָר די אַגיטאַציע אין די פאַבריקן האָט ער נישט אָפּגעלאָזן. ס'האָט זיך געענדיקט דערמיט, אַז די אויפגעהעצטע אַרבעטער האָבן אין אַ שיינעם טאָג באַהערשט די פאַבריק און זי פּראָקלאַמירט אַלס אייגנטום פונם אַרבעטער־קאָמיטעט. מ'האָט זיך געמוזט ווענדן נאָך הילף צו דער פּאָליציי, וועלכע האָט מיט מי צוריק איינגעשטעלט די אָרדנונג און דערוויטערט די העצערס.

נאָך אַ שטורמישן געשפרעך צווישן פעטער און דעם ברודערן־זון איז געקומען צו אַ אַנטשידענעם איבעררייס.

זייט דעמאָלט האָט מיסטער דאַוויד לינגסלעי מער שוין נישט געוואָלט הערן פון דעם אומדאַנקבאַרן ברודערן־זון, וועגן וועלכן ס'איז פאַרשווונדן יעדער שפור.

ביז אַ געוויסן פרילינגס־נאָכמיטאָג. אין יענער צייט איז אין פערצן פאַבריקן פון מיסטער לינגסלעי אויסגעבראָכן אַ שטרייק צוליבן דערוויטערן עטלעכע אָנפירער. אויפן באַפעל פון מיסטער דאַוויד האָט די פאַרוואַלטונג פאַרמאַכט די פאַ־בריקן און אַרויסגעוואָרפן אויפן גאַס אַלע אַרבעטער. די אָפּ־געזאָגטע אַרבעטער האָבן מיט כּח געפּרוווט באַהערשן די פאַב־ריקן. מ'האָט געבראַכט מיליטער. דער המון, וואָס איז אַרויס־

געשטויסן געוואָרן פון די פאַבריקס־בנינים, האָט זיך פאַרמירט אין אַ צוג און מיט זייטיקע גאַסן געשטראָמט פון פאַרשידענע זייטן, צום פּלאַץ פון מיסטער דאַוויד לינגסלעי. ס׳האָבן אַ קלונג־געטון שויבן.

אין אַרויסגעבראַכטער פון גלייכגעוויכט, האָט מיסטער דאַוויד אָנגעקלונגען נאָך פּאָליציי. דער פּאָליציי־קאָמיסאַר, וואָס איז געוועזן אויף זיין געהאַלט, האָט זיך הכנעהדיק געפרעגט, צי ער ווינטשט זיך, אַז מ׳זאָל באַנוצן געווער. מיסטער דאַוויד האָט לאַקאָניש אַ בורטשע־געטון אין טרייבל אַריין:

— ס׳איז שוין די העכסטע צייט צו מאַכן אַ סוף מיט דעם קאָפּ־פּאַרדרייעניש. אייערע טרערן־באָמבעס האָבן נישט קיין שום ווירקונג. דער המון האָט זיך שוין צוגעוווינט צו די ליידיקע קוילן און מאַכט זיך גאָרנישט פון זיי. צוויי אמתדיקע שאָסן וועלן פונאַנדעריאָגן די דעמאָנסטראַנטן און זיי אַוועק־נעמען דעם חשק אויף להבא. איבעריקנס, דאָס איז שוין אייער זאַך.

דער קאָמיסאַר האָט נישט אַנטוישט דעם צוטרוי, וואָס מ׳האָט אַרויסגעוויזן צו אים. מיסטער דאַוויד האָט אַ באַהאַל־טענער הינטערן פאָרהאַנג געהאַט די מעגלעכקייט צו זען, ווי פון דער זייטיקער גאַס איז אַרויס אַ קאָרדאָן פּאָליציי, ווי ס׳האָט זיך צעקנאַלט אַ זאַלפּ, און ווי דער המון איז אין מהומה אַנטלאָפן. אין משך פון פינף מינוט איז דער פּלאַץ געוואָרן פוסט, אויב מ׳זאָל נישט רעכנען די העכער צען מענטשן, וואָס זענען אומבאַוועגלעך פאַרבליבן אויפן אַספאַלט.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אין קאַבינעט פון מיסטער דאַוויד פּערזענלעך געקומען דער קאָמיסאַר, וועלכער האָט פון אויפ־רעגונג געקנייטשט די נישט באַפלעקטע ווייסע הענטשקעס. מיסטער דאַוויד האָט אַ לאַנגע ווײַלע נישט געקאָנט פאַרשטיין די סיבה פון זיין וויזיט.

— אייער ברודערן־זון... האָט דער קאָמיסאַר געשטאַמלט. — אין דער ערשטער ריי... מיר האָבן נישט געקאָנט פאַרויסזען...

— ער איז דערהרגעט? — האָט מיסטער דאַוויד טרוקן געפרעגט.

— יאָ... האָט אַרויסגעקוועטשט דער קאָמיסאַר, וואָס איז דרייסטער געוואָרן צוליב זיין טאָן. — זאָל איך אים הייסן אַהער אַריינטראָגן?

— ניין, פאַרוואָס עפעס! — האָט זיך מיסטער דאַוויד פאַרווונדערט. — אגב,.. איר זענט געראַכט... כ'בעט באַפעלן אים אַריבערצוטראָגן אין זיין צימער אין לינקן פליגל.

אין שפעטן אָוונט, צום ערשטן מאָל זינט אַ יאָר צייט איז מיסטער דאַוויד שטיין־געבליבן אויף דער שוועל פון צימער פון זיין ברודערן־זון. אויף דער קאָנאַפּע איז געלעגן דער ברודערן־זון, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן און פון די מויל־ווינקעלעך האָט מיט צוויי דינע שנירלעך געטריפט בלוט אויפן טייערן דיוואַן.

מיסטער דאַוויד לינגסלעי האָט זינט דאַמאָלט געזען פיל לעבעדיקע און טויטע פנימער, נאָר בלויז דאָס איינציקע פנים איז אים אין אַן אומגעטירלעכער פאַרגרעסערונג, אויף אייביק געבליבן צוגעקלאַפּט צו דער מיט הונדערטער זאַכן באַהאַנגענער וואַנט פון זכרון.

ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען: די אַרבעטער בונטעווען זיך, מיט אַנטבלויזטע הערצער גייען זיי אַנטקעגן די זאַלפּן פון דער פּאָליציי. ער האָט דערין נישט געזען קיין שום העלדיש־קייט. וואָס איז זיך דאָ צו וווּנדערן, ווען אביונים זענען זיך מתקנא אינם גוטס פון די רייכע. ס'וועט געוויס זיין צו העכערן די לוינען און זיי וועלן הכנעהדיק זיך אומקערן צו דער אַרבעט. ער האָט זיי אפילו נישט געהאַסט, נאָר פּשוט גרינגעשעצט.

און אָט האָבן זיך דאָ פּלוצלינג איבערגעריסן אַלע לאָ־גישע הנחות. מיסטער דאַווידס ברודערן־זון, דער צוקונפטיקער יורש פון זיינע דרייסיק פאַבריקן, האָט דעם אָפּגעריסענעם בלוטדורשטיקן המון געפירט צו פלינדערן דאָס עשירות, וואָס איז אין דער צוקונפט באַשטימט געווען פאַר אים... דאָס האָט מיסטער דאַוויד לינגסלעי נישט געקאָנט תופס זיין, און זיין

געדאַנק, וואָס איז געווינט געוועזן זיך צו באַוועגן אין אַלע סאָציאַלע ברייטקייטן, אַזוי ווי אין זיין אייגענעם קאַבינעט, האָט זיך איצט דערין אָנגעשטויסן מיט קאָפּ, ווי אָן אַ נישט־דורכדרינגלעכער מויער.

מיט אַ ברייטן שטראָם האָבן ווידער גענומען שווימען ציפערן, אָבער זיי האָבן נישט אָפּגעשוועכט, קיינמאָל נישט אָפּגעווישט דאָס בלאַסע פּנים מיט די פּאַסמעס קאַשטאַנפאַרביקע האָר און מיט די צוויי שנירלעך בלוט אין די שמערצלעכע ווינקלען פון די ליפּן. דער ברודערן־זון אַרטשי, וועלכן מ׳האָט מקבר געוועזן אויפן ניו־יאָרקער בית־עלמין אינם פאַמיליען־קבר פון די לינגסלעיס, האָט בפירוש געחוזקט פון די טייערע מאַר־מאָרענע פּליטעס און ווייטער געפירט זיין איבערגעריסענע אַרבעט. פון אַ המון אַרומגערינגלטע דעמאָנסטראַנטן, פון די דעפּעשן וועגן אַ נייעם שטרייק, פון דער שפּאַלטע אין אַ מאָרגן־צייטונג, וואָס האָט מיטגעטיילט וועגן אַ רעוואָלוציע אין כינע, פון אומעטום האָט אויף מיסטער דאַווידן געקוקט דאָס בלאַסע פּנים מיטן היטל קאַשטאַנפאַרביקע האָר, דאָס וואַכזאַמע, אומעטומיקע, אומפאַרניכטבאַרע פּנים.

נישט איינמאָל, בעת מיסטער דאַוויד האָט דורכגעקוקט דעם ראַפּאָרט וועגן די איבערגעטריבענע פאָדערונגען פון די אַרבעטער, ווען די אומגעדולדיקע האַנט האָט זיך שוין אויס־געשטרעקט נאָכן טרייבל און דאָס מויל איז גרייט געווען אַרויס־צוכראַקען די לאָזונגען פון אַ לאָקאַוט — איז פון טרייבל, גלייך ווי אַ שנעק פון אַ מושל, דערשינען דאָס פּנים פונם ברודערן־זון אַרטשי, און מיסטער דאַוויד האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל, ער האָט נאָכאַמאָל אָפּגענומען אַ ראַפּאָרט און איז איינגעגאַנגען אויף הנחות.

ער האָט זיך גאָר אַליין נישט אָפּגעגעבן דערפון קיין דין וחשבון, אַז ערגעץ טיף, אונטער די נישט באַרירטע פונדאַמענטן פון „פּרינציפּן" און „איבערצייגונגען" אין דעם פייער־פעסטן סייף פון דער נשמה, איז דער ברודערן־זון אַרטשי פאַרבליבן אויף אייביק, ווי אַ סימבאָל פון אומפאַראינטערעסירטן

אידעאַליזם. דער פון אַלע באַדענקען באַפרייטער שווינדלער און גזלון, מיסטער דאַוויד לינגסלעי, וויפיל מאָל ס'איז אים אין לעבן אויסגעקומען צו מאַכן אַן אמתדיק אומפּאַראינטערעסירטן זשעסט, האָט ער באַהאַלטענערהייט, פאַר זיך אַליין, פונקט ווי אַ ייד — אַ מזוזה, אָנגערירט מיט די פינגער די טירלעך פונם סייף, גלייך ווי ער וואָלט מיט אַ אומווילקירלעכע גאווה געזוכט אין אים אַ הסכמה.

אַזוי איז אויך היינט געשען, בעת דער גרוי־בערדיקער רב אליעזר און דער גופיקער הער מיט די ביינערנע ברילן האָבן אים פאָרגעשלאָגן אַ געשעפט, וואָס זיין אומגע־טישקייט איז געווען אויסער יעדן צווייפל, האָט מיסטער דאַוויד, וועלכער איז שוין נוטה געווען איינצוגיין, אינסטינקטיוו אויסגעשטרעקט די האַנט צו זיין סייף און, אומגעריכט פאַר זיך אַליין, אָפגעזאָגט מיט אַ שטרענגער אומבויגזאַמקייט.

און איצטער, בעת דער נאַקעטער פּערציקיאָריקער הער האָט אין אָנבליק פון דער אים אַרומרינגלענדיקער הבלדיקייט, געזוכט מיט אַ קראַמפּהאַפטיק געשריי פון די הענט אַרום זיך עפּעס, צו וואָס ער וואָלט זיך געקאָנט צוטשעפּן, אויף וואָס ער וואָלט זיך געקאָנט אָפּדרוקן, פאַרפעסטיקן צו לחכעיס דעם אמת פון טויט און דעם פּראָצעס פון צעפאַלונג, האָט זיין האַנט אין דער לערקייט אָנגעטראָפן אויף דעם בלאַסן פנים אין דעם קאַשטאַנפאַרביקן היטל פון האָר, און דער פּערציקיאָריקער הער האָט אַ ציטער־געטון, גלייך ווי ער וואָלט אָנגערירט אַן עלעקטרישן שטראָם־לייטער.

יאָ. דער ברודערן־זון אַרטשי האָט געוווסט דעם סוד. אַ צוגעדעקטער מיט די שווערע, טייערע פּליטן פון דעם פאַמיליען־קבר פון די לינגסלעיס, האָט ער געלעבט מיט אַ פאַר־שטאַרקט, נישט אַנטוואָרצלט לעבן; אויף יעדן קוואַדראַט קילאָ־מעטער פון דער וועלט, ווו ס'זאַמלען זיך נאָר צונויף אַ פאָר הונדערט אָפּגעריסענע, פאַרפאָלגטע מענטשן, וואָס זענען באַ־האָפטן מיט דעם געמיינזאַמען ווילן צו אַ נייעם סדר — האָט ער אויפסניי אַרויסגעשפּריצט מיט אַ לעבעדיקן, אויפמונטערנדיקן פונק.

און דער פעטער האָט צום ערשטן מאָל דערפילט די גאַנצע לאַסט און די אָרעמקייט פון זיין אוממענטשלעכער איינזאַמקייט, און ער האָט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער לייכטזיניקער און משוגענער ברודערן־זון האָט זי נישט געוואָלט פון אים ירשענען צוזאַמען מיט זיינע דרייסיק פאַבריקן...

— אַלץ וועט אַזוי דאָ פאַרבלייבן, נאָר איך וועל דאָ נישט זיין... — האָט מיסטער דאַוויד לינגסלעי געפרווווט זיך פאַרשטעלן. — און דער שפיגל, די קאָמאָדע און דאָס בעט, אַלץ וועט אַזוי פאַרבלייבן. די מגפה וועט פאַרביי. מ'וועט אויסדעזינפעצירן און נאָך אַלעמען. אויפן בעט וועלן שלאָפן אַנדערע מענטשן, מענער מיט פרויען, ווער ווייסט, אפשר אפילו באַקאַנטע. אַלע וועלן זיך אָפּשלאָגן אין שפיגל. און נאָך מיר וועט מער גאָרנישט פאַרבלייבן. ווי קאָמיש! און אפשר בלייבט דאָך עפּעס פון מענטש נאָכן טויט? מ'דאַרף כאָטש גוט געדענקען, ווי אַזוי כ'האָב אויסגעזען.

מיסטער דאַוויד לינגסלעי האָט העל צעצונדן דעם זשיראַנדאָל און געקוקט אין שפיגל. נאָר אַ קוק־טועגדיק, האָט ער זיך דערשראָקן. פונם שפיגל האָט אויף אים געקוקט דער פערציקיאָריקער העטר מיט די צעפּאַטלטע גרווילעכע האָר, מיט דעם שלאָפראָק, וואָס איז אָפּגעשפּילעט געוועזן אויף דער ברוסט, מיט די שטאַרנדיקע קניען, וואָס האָבן אָנגערירט דאָס פּנים, און מיט די ציטערדיקע קינבאַקן.

— דאָס בין איך נישט, דאָס בין איך דאָך נישט — האָט אַרויסגעוואָיעט דער פאַרשטאַרטער מיסטער דאַוויד, וועלכער האָט נישט געקאָנט אַרויסגעפינען זיינע אמתע שטריכן אין דעם בלאַסן, צעקראָכענעם פּנים פונם פערציקיאָריקן הער.

— ס'וועט גאָרנישט בלייבן, גאָרנישט! — האָט פון שפיגל אַרויסגעוואָיעט דער פערציקיאָריקער הער. — מ'וועט קומען, מ'וועט אַרויסטראָגן און אַריינוואַרפן אין אַ לאָך! ס'וועט נישט בלייבן גאָרנישט אפילו אין שפיגל! מאָרגן וועט זיך שוין עמעץ אַנדערש אין איב שפיגלען! נישט איך! וואָס באַדייט דאָס: „נישט איך?״ ניין, נישט אמת! איך וועל זיך אַריינ־

קוועטשן! צודריקן! פֿאַרבלײַבן אין שפּיגל, קוקן! זען, וואָס ס'טוען דאָ אַנדערע! דאָ, אין דעם זעלבן צימער! אָ, האָ, האָ, זאָלן זײ פּרוּוון מיך אָפּצוקראַצן פֿונם גלאָז! אָ, האָ, האָ!

דער פּערציקיאָריקער הער מיט דער אַראָפּהענגענדיקער, צעציטערטער גאָמבע האָט זיך אויסגעצויגן און פֿאַרשטעלט מיט זיך דעם גאַנצן שפּיגל.

מיסטער דאַוויד לינגסלעי האָט דערפֿילט, אַז ער פֿאַרלירט דעם באָדן אונטער די פֿיס, אַז ער צעשווימט זיך, ווי אַ געשפּענסט. אין דער לעצטער, אויטאָמאַטישער באַוועגונג פֿון זעלבסטשוץ האָט ער געכאַפּט דעם פֿלאַקאָן מיט סובלימאַט, וואָס איז אים געשטאַנען אונטער דער האַנט, און מיטן גאַנצן כּוח אים געשלײַדערט אין שפּיגל...

* * *

בעת דער נײַער באַי האָט צומאָרגנס אינדערפֿרי אַרײַנגעפֿירט אין מיסטער דאַוויד לינגסלעיס סאַלאָן דעם רבין רב אליעזר בן צבֿי און דעם גופֿיקן הער אין די ברילן, האָבן בײדע הערן אַ לאַנגע צײַט שווײַגנדיק געוואַרט.

נאָך צוואַנציק מינוט האָט מיסטער דאַוויד לינגסלעי זיך באַוויזן אויף דער שוועל פֿון סאַלאָן. ער איז געווען אַ ביסל בלאַסער, ווי געוויינטלעך, און נאָך שטײַפֿער. קוקנדיק ערגעץ, אין פֿענסטער אַרײַן, האָט ער געזאָגט מיט אַ מאַטער שטים:

— כ'האָב איבער נאַכט דורכגעטראַכט אײַער פֿאָרשלאָג און בין געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז איך האָב אים נעכטן נישט ריכטיק באַנומען. אין דער אמתן, צוליב וואָס דאַרף מען אַרויסגײן פֿון דער הנחה, אַז ס'מוז זיך עמעץ אָנשטעקן? לאָמיר גלײבן, אַז בײַ אַ שטרענגער מעדיצינישער אונטערזוכונג און בײַ אַ געהעריקער קאַראַנטין, וועלן מיר די דזשומע איבערלאָזן אין פּאַריז. איך וועל נאָך הײַנט אַרויסשיקן אַ געהעריקע שיפֿרירטע דעפּעשע צו מײַן סעקרעטאַר אין ניו־יאָרק. כ'רעכן, אַז

מ׳דאַרף דעם ענין נישט אָפּלייגן, און אַז ס׳וואָלט געווען אָמ־בעסטן, ווען מיר וואָלטן נאָך אַפילו היינט ביינאַכט באַוויזן אַרויסצופאָרן.

רב אליעזר בן צבי און דער הער אין די ברילן האָבן שווייגנדיק פאַרנויגט די קעפּ.

* *
*

אַ קאַלטער מזרח-ווינט האָט מיט פינגער פון אַ רוטי נירטן פריזירער אָנדולירט די ווילדע טשופּרינע פונם נאַכט-ים.

די שיף „מאַוריטאַניאַ" איז געגאַנגען מיט דער גאַנצער פאַרע און מיט אויסגעלאָשענעם ליכט. די לעצטע קאָנטורן פון די ברעגן זענען שוין פון לאַנג צעשוומען אינם נעפּל. דער המון פּאַסאַזשירן, וואָס האָט במשך פון די ערשטע שעהן נאָכן אָפּ־פאָרן פאַרפלייצט די דעקן, איז פאַמעלעך זיך שוין פונאַנדער־געקראָכן אין די שופלאָדן פון די קלאַסן. אינם ריזיקן גוף פון שיף האָבן צוויי פענסטער געלויכטן אין דער ריי קאַיוטעס פון ערשטן קלאַס, ווי צוויי לייכט-ווערים, צוגעטשעפּעטע צו אירע ריפּן.

אויף דער קאַנאַפּע פון איינער פון די קאַיוטעס שלאָפט צונויפגעקאָרטשעט אין אַ קנויל דער אַלטער שמש און אין שלאָף חזרן איבער זיינע ליפּן די ווערטער פון דער נאָך נישט פאַרענדיקטער תפילה.

ביים טישל, אין אַן אַלטן געשטרייפטן טלית, זיצט רב אליעזר בן צבי. ווי אַ גרויבערדיקער נעפּטון אין אַ געשטרייפטן באָד־מאַנטל, ריטמיש צום טאַקט, ווי ס׳וויגט זיך די שיף, שאָקלט זיך דער דארער גוף פון רב אליעזר און זיינע ליפּן שעפּטשען אַ תפילה: — איך בין גאָט, דיין גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים, פונם קנעכט-הויז...

פאַמעלעך קלעבן זיך די שלעפעריקע אויגן פון רב אליעזר און פאַמעלעך, אין טאַקט פון דער תפילה, וויגט זיך אויף מזרח דער ריזיקער, בייכיקער גוף פון דער שיף.

אין דער װינקלדיקער מערבֿ־קאַיוטע, אויסגעצויגן אויפֿן בעט, ליגט מיסטער דאַװיד לינגסלעי, מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל, אינם שאָטן פֿון לאָמפּ, װאָס ציטערט אויפֿן סופֿיט; ער דרייט זיך איבער פֿון איין זייט אויף דער צווייטער, און פֿאַררויכערט שוין אַזוי דעם צענטן פּאַפּיראָס פֿונם נישט אויסגעלאָשענעם רעשטל. דאָס צימער װיגט זיך, װי אַ האַמאַק און לאָקט דעם שלאָף, נאָר דער שלאָף אַנטלויפֿט, װי אַ קײלעכל אויפֿן משופּיקן דיל פֿון דער קאַיוטע. יעדער בויג פֿונם דיל, איז אַ לײַל װײַטער פֿון אייראָפּע, פֿון פּאַריז, פֿון דער דזשומע, פֿון מויט — דאָס איז אַ מײַל טיפֿער אין דער פֿוכיקער, בלומיקער טאָנקע פֿון לעבן.

אויפֿן נאַכט־שענקעלע טיקעט דאָס איראָנישע זייגערל: זעקס שעה שוין אָפּגעפֿאָרן פֿון אייראָפּע.

* * *

אויפֿן צווייטן טאָג, פֿאַרנאַכט צו, האָט דאָס צעגליטע פּרעס־אײַזן פֿון דער זון אָן שום שפּור אויסגעפּרעסט די צעקנייטשטע פֿאַלדן פֿון די פֿאַליעס. די שיף האָט מיט אַ ברייט האַלב־ראָד זיך פֿאַרקירעוועט אויף מערבֿ, װי אַ צויבער־נאָדל אויף דער גיגאַנטישער, זיך דרייענדיקער גראַמאָפֿאָן־פּליטע פֿון אָקעאַן.

אויף אַלע דעקן איז שוואַרץ געוועזן פֿון פּאַסאַזשירן.

פֿון דעם אויבערשטן שיף־דעק האָבן אַ פּאָר הונדערט דזשענטלמענס אין געקראַטעטע היטלעך, אײַנגעהילטע אין פּעלצן, פּאַרפֿלעקט די ריינע בלויקייט פֿון האָריזאָנט מיט קנוילן ציגאַרן־רויך. די דזשענטלמענס האָבן זיך פֿאַרקירצט די צײַט מיט שפּילן אין גאָלף, אין טעניס, אָדער גאָר פּשוט אין ברידזש. די אָנגופּיקע שיפֿס־קעלנער האָבן מיט טאַצן אין די הענט פּרום באַלאַנסירט צווישן די אָנלען־שטולן, װי שטריק־גייער איבער די נישט זעבאַרע דראָטן, װאָס זענען דורכגעצויגן איבער אַן אָפּגרונט, מורא האָבנדיק צו פֿאַרלירן נישט נאָר אַ טראָפּן פֿון

דער טײַערער פּליסיקײַט, נאָר אַפילו דאָס מינדסטע וואָרט, אָדער אַן אומווירקירלעכן קרעכץ.

אויפן דעק פון ערשטן קלאַס האָבן די בײַכיקע, גוט דערנערטע חערן, צעלייגטע אויף באַקוועמע בעטלעך, זיך אַנט־ציקט מיטן ים. די ווײַכטריטיקע, מאָגערע שיפס־קעלנער האָבן פונאַנדערגעטראָגן קילנדע געטראַנקען. עטלעכע פּיפּיקע יונגעלייט האָבן פון צוויי צופּעליקע טרומייטן, אַ פּויק, און פון אַ קיך־געשיר צונויפגעשטעלט אַן אימפּראָוויזירטן דזשאַזבאַנד און אונטער די מיאוקנדיקע קלאַנגען פון דער מאָדנער מוזיק האָט די יוגנט געטאַנצט ביז די לעצטע כוחות.

אויפן דעק פון דריטן קלאַס האָבן די אָרעמע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך צעזעצט אויף זייערע בײַכיקע וואַליזעס, געכאַפּט די קרישקעס פון קלאַנגען, וואָס זענען געפאַלן פון דער הייך, און פון פאַרוואונדערונג צעעפנט די מײַלער, ווי פיש, וועלכע מ׳וואַרפט שטיקלעך זעמל.

פּלוצלינג איז אין דער גרופּע פון די טאַנצנדיקע אַנט־שטאַנען אַן אומבאַשרייבלעכע מהומה. דער דעק איז געוואָרן פּוסט, גלייך ווי ער וואָלט צוגעקערט געוואָרן דורך אַ האַסטיקן ווינט. די צעשראָקענע טענצער זענען אַנטלאָפן אין אַ ברייטן ראָד. אינמיטן פון ראָד, אויף דער ערד, האָט זיך געקאָרטשעט אַ יונגער מענטש אין ברילן. פאַלנדיק, האָט ער, ווייזט אויס, צעהאַקט איין גלעזל און דאָס אויסגעשטשירעטע אויג האָט נישט פאַרהילט זיך אײַנגעקוקט מיט אימה אין די אַנ־טלויפנדיקע. דער יונגער מענטש האָט אומגעלומפּערט געקלאַפּט מיט די לאַנגע פלעטוועס־הענט, ווי אַ פיש, וואָס מ׳האָט אַרויס־געוואָרפן אויפן זאַמד.

אומבאַוווסט פונוואַנען, פון הינטער אַ ראָג, האָבן זיך פּלוצלינג באַוויזן צוויי מענטשן אין ווײַסע פאַרטוכער מיט אַ טראָג־בעטל, און אַרויפוואַרפניק דעם יונגנמאַן, וואָס האָט זיך געוואָרפן, ווי אַ קאַרפּ, זענען זיי פאַרשוווּנדן הינטערן ראָג. דאָס צווייטע גלעזל פון די בינאָקלען איז אַראָפּגעפאַלן און זיך געקאָלערט אויפן דעק.

אין משך פון איין רעג איז דער גאַנצער דעק באַהערשט געוואָרן דורך דער מהומה. די בייכיקע פּאַסאַזשירן, האָבן שטופּנדיק און פאַרלירנדיק די ברעלאָקן, זיך געדרענגט צו די שטיגן, וואָס פירן צו די קאַיוטעס. דורך אַ ווײַלע האָט מען געהערט נאָר דאָס געפּילדער פון די שטימען און דעם געהילך פון די צוגעהאַקטע טירן. אין פינף מינוט אַרום איז אויפן דעק שוין נישט געווען קיין לעבעדיק נפש.

דעמאָלט איז אויפגעשטאַנען פון איינעם פון די פאָטעלן, וואָס זענען געווען פאַרדעקט אין שאָטן פון קוימען, אַ גרויל־לעכער הער אין אַ געקראַטעטן ספּאָרט־אַנצוג. מיט אַ פּאַמעלעכן, נערוועזן טריט האָט ער דורכגעמאָסטן דעם דעק און אָנגעשפּאַרט זיך אָן אָנלען.

דער גרויליעכער הער האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס.

אונטן, ביי די בורטעס, האָבן געררוישט די פּאַליעס.

* *
*

צומאָרגנס איינדערפרי האָט געבלאָזן אַ ווינט און דער, דורך אים געשמיסענער, ים האָט זיך שטורמיש צעוויגט.

אויפן דעק פון ערשטן קלאַס איז געווען פּוסט און ס׳ האָבן איבער אים געשלייכט עלאַסטישע, שלאָפלאָזע קעלנער, ווי לאָקייען נאָך אַ באַל.

אַרום צען איינדערפרי האָט אויפן דעק זיך באַוויזן דער גרויליעכער הער אין געקראַטעטן ספּאָרט־אַנצוג.

ער איז געגאַנגען נישט זיכער און זיך געוואַקלט נישט צום טאַקט פון דער צעוויגטער שיף. אָפּגייענדיק אַ פּאָר טריט, האָט ער אָנגעטראָפן ביי דער בורטע אויף אַ באַקוועמען פּאָטעל און שווער זיך אויף אים אַוועקגעזעצט. ער האָט פון קע־שענע אַרויסגענומען אַ שפּיגעלע אין אַ טייערער לעדערנער איינפאַסונג און אויפמערקזאַם באַטראַכט זיין צונג.

אָן אַ קלאָרן אויסדרוק אויפן געזיכט האָט ער צוריק באַ־האַלטן דאָס שפּיגעלע און פאָרזיכטיק זיך אַרומגעקוקט איבערן

דעק. דער דעק איז געווען ליידיק. פאַרזיכערנדיק זיך, אַז קיי־נער זעט אים נישט, האָט דער הער אין ספּאָרט־אַנצוג געמאַכט מיט די הענט עטלעכע מאָדנע באַוועגונגען, וואָס האָבן דער־מאָנט אָן שוועדישער גימנאַסטיק. דערנאָך, נישט אויפהערנדיק זיך אַרומקוקן, האָט ער בגנבה באַטאַפּט די פּאַכוועס, פּונקט ווי אַ מענטש, וואָס פילט זיך געקוועלט אין אַ צו ענגן אַנצוג.

אויפן דעק האָט זיך באַוויזן אַ קעלנער. דער גרוילעכער הער האָט פון קעשענע שנעל אַרויסגעצויגן אַ בוך און זיך פאַרטיפט אין לייענען. פון זיין ווינקל האָט זיך געזען דער דעק פון דריטן קלאַס, ווי די צוגוויגעדרעגטע פּאַסאַזשירן האָבן פונאַנדערגעוויקלט די פּראָוויאַנטן און האַסטיק זיך גע־נומען צום פרישטיק.

אויפן דעק, ווו ס׳איז געזעסן דער גרוילעכער הער, האָט די שיף־דינערשאַפט פונאַנדערגעשטעלט די איבערגעקערטע פאָטעלן.

דער גרוילעכער הער האָט שנעל געמישט דאָס בוך.

ס׳איז שוין געווען גוט נאָך מיטאָג, ווען פון אונטערשטן דעק האָט זיך צו אים דערטראָגן אַ געשריי און אַ געפילדער. דאָס געפילדער איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז דער גרוילעכער הער האָט זיך אָפּגעריסן פון בוך און, איבערבויגנדיק זיך איבערן אָנלען, האָט ער אַראָפּגעקוקט אונטן. דער אונטערשטער דעק האָט אין דער רגע געווימלט, ווי אַ צעטרעטענער מוראַ־זשניק. אינם שוואַרצן געדראַנג פון מענטשן האָט מען געקאָנט באַמערקן צוויי זיך פאָרנדיקע ווייסע פאַרטוכער. פאַרשטעלנדיק די אויגן מיט דער האַנט, האָט דער גרוילעכער הער אין אַ צווייטן ראָג פון אונטערשטן דעק דערזען צוויי אַנדערע ווייסע פאַרטוכער. די צווייטע פּאָר ווייסע פאַרטוכער איז מיט אַ משא אַראָפּגעגאַנגען פון די שטיגן, וואָס האָבן געפירט אין די קאַיוטעס. אונטן האָבן זיך געהערט געשרייען און געוואַלטן.

דער גרוילעכער הער האָט זיך אומגעקערט צו דער פריערדיקער פּאָזיציע און זיך פאַרטיפט אין לייענען דאָס בוך. דאָס געפילדער האָט אָבער, משמעות, צעשטערט זיין אויפ־

מערקזאַמקייט, ווייל אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַוועקגע־לייגט דאָס בוך און אויסציענדיק זיך אין אַ נאַכלעסיקער פּאָזע, האָט ער צוגעמאַכט די אויגן.

ער איז אַזוי אַ לאַנגע צייט געלעגן אָן שום באַוועגונג, און ס'האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן אַז ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

נאָך אַ געוויסער צייט האָט ער אָבער אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פּיל־פעדער און אויף אַ זייטל, וואָס ער האָט אַרויסגעריסן פון נאָטיץ־בוך, אויפגעשריבן עטלעכע ווערטער. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען און מיט אַ פעסטן טריט אַוועק צו די שטיגן, וואָס האָבן געפירט אַראָפּ, אונטן.

בעת ער האָט זיך געפונען אין דער קאַבינע פון ראַדיאָ־טעלעגראַף, האָט דער גרוילעכער הער געגעבן דעם דיזשורירנ־דיקן טעלעגראַפיסט, ער זאָל איבערשיקן קיין ניו־יאָרק אַ וויכטיקע, שיפרירטע דעפּעשע. דער ראַדיאָ טעלעגראַפיסט האָט זיך פאַרנויגט מיט אַכטונג. דער אַפּאַראַט האָט זיך צעקלאַפּט.

אַרויסגייענדיק נאָך אַ ווײַלע פון דער קאַבינע, האָט דער גרוילעכער הער אין דער טיר זיך אָנגעטראָפן אויף דעם גופיקן הער מיט די ביינערנע ברילן.

— אָ, דאָס זענט איר, הער לינגסלעי! — האָט דער הער אין די ברילן זיך דערפרייט — כ'זוך אייך אומעטום. אין דריי שעה אַרום וועלן מיר זיין ביים ציל. צי איז אַלץ אין אָרדנונג?

— אין בעסטן אָרדנונג. איך האָב דאָך אייך געוויזן דעם ענטפער. אַלץ איז צוגעגרייט, כדי צו זיין פולקאָם זיכער האָב איך טאַקע מיט אַ רגע צוריק אַרויסגעשיקט צו מיין סעקרעטאַר נאָך איין דעפּעשע.

— אויסגעצייכנט — האָט דער הער אין די ברילן געריבן די הענט.

מיסטער דאַוויד לינגסלעי האָט אַ קוק־געטון אויפן זייגערל:

— נישט אין גאַנצע דריי שעה אַרום וועלן מיר זיין אויף דער ליניע פון די קרייצערס, וואָס פּאַטרולירן ביים ברעג.

איר ווערט אַזוי גוט זיין אָפּהיטן, אַז מ׳זאָל זיך גענוי צופּאַסן צו מיינע אינסטרוקציעס. צי האָט איר נישט פאַרגעסן וועגן אַרויסהענגען דעם עגיפּטישן פלאַג?

— אַלץ, איז געמאַכט לויט אייערע אָנווייזונגען.

— ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויב אויפן דעק פון איינעם פון די קרייצערס געפינט זיך צופעליק איינער פון די אַדמיראַלן, מיט וועלכע מ׳האָט זיך נישט צונויפגערעדט, וועלן זיי געצוווּנגען זיין אונז צו באַשיסן, ס׳פאַרשטייט זיך, אַז מיט בלינדע קוילן. איר ווערט אַזוי גוט זיין דאָס איבערגעבן די פּאַסאַזשירן, כדי אויסצומיידן אַן אומנויטיקע מהומה. ס׳זאָל זיך קיינער נישט וואַגן אין דער מהומה אַראָפּצולאָזן קיין רעטונגס־שיפלעך! די אָנפירער פון דעם אָפּשניט ווייסן וועגן אַלץ, זיי וועלן לפּנים וועלן געבן צו אונז אַ פּאָר בלינדע שאָסן. מיר וועלן פאָרן מיט פאַרלאָשענעם ליכט. אין משך פון פינף מינוט וועלן מיר זיין אויף יענער זייט ליניע.

— צי איז נישט פאַראַן קיין מעגלעכקייט פון עפּעס א קאָמפּליקאַציע? — האָט אומרויִק געפרעגט דער הער אין די ברילן.

— אויסגעשלאָסן. איך האָב דאָך אייך געוויזן די דעפּעשע. אַלץ איז צוגעגרייט ביז די קלענסטע איינצלהייטן. מיין אָנ־וועזנהייט אויפן דעק איז, דאַכט זיך, די בעסטע גאַראַנטיע. איר רעכנט דאַכט זיך נישט, אַז כ׳זאָל זיך אויסשטעלן אויף אַ נישט זיכערע זאַך.

— באַטירלעך! כ׳פרעג זיך נאָר גלאַט אַזוי, צוליב זיכער־קייט. איר האָט אַרויסגעשיקט נאָך איין דעפּעשע?

— יאָ, אין אַ ווײַלע אַרום דאַרפן מיר שוין האָבן די תשובה.

אויפן דעק האָט זיך באַוויזן אַ ייִנגל

— אַ דעפּעשע פאַר מיסטער דאַוויד לינגסלעי.

מיסטער דאַוויד איז מיטן בליק דורכגעלאָפן דעם בלאַנקעט.

— דער סעקרעטאַר דעפּעשירט, אַז אַלץ איז צוגעגרייט — האָט ער געזאָגט קנייטשנדיק דאָס פּאַפּיר מיט די פינגער.

— איר ווערט אַזוי גוט זיין צוגרייטן די פּאַסאַזשירן לויט

ווי איך האָב איין אָנגעוויזן און אַרויסגעבן די לעצטע פאַר־אָרדנונגען. אין מאָמענט פון צופאָרן וועלן מיר זיך טרעפן אויפן דעק.

מיסטער דאַוויד לינגסלעי איז מיט די שטיגן אַרויפגע־גאַנגען אויפן דעק.

שנעל איז צוגעפאַלן דער אָוונט. אין דער האַלב-טונקל־קייט האָט מיסטער דאַוויד זיך אָנגעטראָפן אויף צוויי ווייסע געשטאַלטן, וואָס האָבן אויף אַ בעטל אַרויסגעטראָגן עפּעס אַ משא. ער האָט שנעל פאַרגעטראָטן דעם וועג און זיך צוגעדריקט צום קוימען. אין דער טונקלקייט האָט זיך צעסקריפּעט אַ צינד־מאַשינדל. צוליינגנדיק צו איר דעם בלאַנקעט פון דער דערהאַלטענער דע־פּעשע, האָט מיסטער דאַוויד מיט אים פאַררויכערט דעם פּאַפּי־ראָס. אויף אַ ווײַלע האָט דאָס שוואַכע פלעמל באַלויכטן דאָס בלאַסע, שטרענגע, כמעט שטיינערנע פּנים. דאָס פייער האָט זיך אויסגעלאָשן. דאָס פּנים איז צעשוומען אין דער טונקלקייט.

* * *

אַרום צוועלף האָבן אויפן האָריזאָנט זיך באַוויזן די ליכט פון די ערשטע קרייצערס. אויפן דעק האָט געהערשט אַ שטאַר־קע אויפלעבונג. אין דער טונקלקייט האָבן דאָ און דאָרט דורכ־געשוועבט מענטשלעכע געשטאַלטן, ס'האָבן זיך דערהערט קורצע עכאָס פון קאָמענדעס. די שיף „מאַוריטאַניאַ“ איז מיט פאַרלאָשענעם ליכט געגאַנגען אויף דער גאַנצער פאַרע.

מיט יעדער רגע האָבן זיך אַלץ מער דערנענטערט די פייערן אויפן האָריזאָנט. אין חושך האָט מען שוין מיטן אויג געקאָנט אונטערשיידן די שוואַרצע קאָנטורן פון די שווימענ־דיקע בנינים. פון טורעם אויף איינעם פון זיי האָט, ווי פון אַ פּולווערריזאַטאָר, אַ שפּריץ-געטון אַ רעפלעקטאָר. דער רעפלעקטאָר האָט נערוועז באַטאַפּט דעם ים, זיך פאַרהאַלטן אויפן גוף פון דער „מאַוריטאַניאַ“ און מיט אַ סנאָפּ ליכט פאַרבלענדט דעם המון, וואָס האָט זיך געפונען אויפן דעק.

גלײַכצײַטיק האָט אַ צװײַטער רעפֿלעקטאָר באַלױכטן דעם דעק פֿון דער צפֿונדיקער זײַט. אין דער טױבער שטילקײט האָט לאַנג און קלאָגעדיק זיך צעװאָיעט אַ סירענע און איר געװאָי האָבן כּסדר אונטערגעכאַפּט אַלץ װײַטערע — אײנע נאָך דער אַנדערע. די געשפּאַנטקײט אױפֿן דעק האָט דערגרײכט די העכסטע מדרגה.

פֿון אײנעם פֿון די קרײצערס האָט מיט אַ פֿײַף זיך אָפּגעריסן אַ זײַל פֿײַער און אין אַ בױגן אַריבערגעשװעבט איבער דער „מאַוריטאַניאַ".

— זײ שיסן מיט בלינדע קױלן — האָט דער הער אין די ברילן פֿאַרטרױלעך געשעפּטשעט צו דער גרופּע קאָרפּולענטע הערן, װאָס האָבן אים אַרומגערינגלט.

— צי קאָן זיך נישט אַמאָל צוליב אַ טעות פֿאַרפּלאָנטערן עפּעס אַן אמתע? — האָט אומרויִק זיך געפֿרעגט אַ הער מיט אַ שװאַרץ שפּיציק בערדל.

— אױסגעשלאָסן — האָט נאָכגיביק זיך צעשמײכלט דער הער אין די ברילן, — דאָ, װוּ מיסטער דאַװיד לינגסלעי איז פֿאַרמישט, קאָן קײן רײד נישט זײַן װעגן קײן טעות.

די „מאַוריטאַניאַ" איז געגאַנגען פֿאָרויס מיט װיפֿיל פֿאַרע זי האָט נאָר געהאַט אין די קעסלען. איצטער האָבן שױן גלײַכצײַטיק פֿון דרײַ זײַטן אַ שפּריץ־געטון אינדערהײך דרײַ פֿײַער־זײַלן, און דער קנאַל פֿון די שאָסן האָט צעטרײסלט די פֿלאַכטע פֿון לופֿט, װאָס איז אַראָפּגעהאַנגען װי אַ זעגל. ערגעץ בײַם סוף פֿון דעק האָט זיך דערהערט אַ געשרײ און דערנאָך דאָס קנאַקן פֿון פֿאַלנדע חורבות. אױף דער שיף איז אַנטשטאַנען אַ מהומה. די האַרמאַטן האָבן געקלאַפּט אָן איבעררײַס. פֿון דער מיט פֿון דער „מאַוריטאַניאַ" האָט אַרױסגעשלאָגן אינדערהײך אַ רױטער זײַל רױך און אונטערגעשפּאַרט דעם אײנפֿאַלנדיקן הימל.

אין דערזעלבער רגע האָט אױפֿן דעק, װאָס איז באַלױכטן געװען מיט סנאָפּעס פֿון די רעפֿלעקטאָרן, זיך באַװיזן דער אַל־

טער שמש אין אַ צעפּלאַטערטן כאַלאַט, און מאַכנדיק מיט די הענט, איז ער געלאָפן שרייענדיק.

— דערהרגעט! רב אליעזר איז דערהרגעט! — האָט געליאַרמט דער משוגע־געוואָרענער שמש.

— מיסטער דאַוויד לינגסלעי! ווו איז מיסטער דאַוויד לינגסלעי?! — האָט געשריגן דער הער אין די ברילן; ער האָט פאַר די לאַצן אָנגעכאַפּט אַלע דזשענטלמענס, וועלכע ער האָט באַגעגנט אויפן וועג און זיי געקוקט אין די אויגן אַריין.

אַן אויפרייס פון ברעטער און רויך האָט אים אַרויפגעשליידערט אויף זייער באַריערע.

דער הער אין די ברילן האָט געפּרוווט אויפשטיין, נאָר עפּעס אַ ריזיק, נישט זעבאַר געוויכט האָט אים צוגעדריקט צו דער ערד. דער אַלטער, צעשויבערטער שמש האָט זיך אָנגעבויגן איבער אים. דער הער אין די ברילן האָט עפּעס געוואָלט זאָגן. פון האַלז האָט זיך אים אַרויסגעריסן אַ הייזעריקער פייף. דער שמש האָט זיך נידעריקער אָנגעבויגן.

— אַ דעפּעשע... ער האָט היינט אַרויסגעשיקט קיין ניו־יאָרק אַ נייע דעפּעשע... — האָט אַרויסגעכאָרכלט דער הער אין די ברילן.

די קוילן זענען געפאַלן אָן אויפהער. דער הינטערשטער טייל פון „מאַוריטאַניאַ“־גוף איז צעקלאַפּט געוואָרן אויף פיצלעך, און מיט אַ בליציקער שנעלקייט האָט זי געזונקען אין וואַסער. איבער די פאַליעס האָט אַרויסגעשטאַרט דער איבערגעקערטער שנאָבל פון שיף.

אויפן שנאָבל איז געהאָנגען איבערגעוואָרפן איבערן אָנלען מיסטער דאַוויד לינגסלעי. פון דער האַנט, וואָס איז אָפּגעריסן געוועזן צוזאַמען מיט אַ טייל פון גוף, האָט גערונען אַ שטראָם בלוט אויפן דעק.

מיסטער דאַוויד לינגסלעי האָט נישט געפילט קיין ווייטיק. ער האָט נאָר געפילט, אַז פאַמעלעך זינקט ער אַלץ טיפער, נאָר דאָס איז נישט געווען קיין וואַסער, דאָס איז גיכער געווען אַז ווייכע, זינקנדיקע ווינדע, וואָס האָט אים אַראָפּגעלאָזט

ערגעץ טיף, אין דער לענג פון די פאַרביי־שוועבנדיקע גאָרנס פונם באַוווסטזיין. קייגנאיבער אים, אין דער צווייטער זייט, האָבן זיך אויפגעהויבן אַנדערע גלעזערנע ווינדעס, פול מיט באַקאַנטע, האַלב־אָפּגעריבענע פּנימער. אויפן ערשטן אָרט האָט מיסטער דאַוויד דערזען דאָס אומנאַטירלעך פאַרגרעסערטע פּנים פונם ברודערן־זון אַרטשי מיט די גוטע ביר־אויגן, מיט די פּאַסמעס קאַשטאַנפאַרביקע האָר אויפן קלוגן, ברייטן שטערן. דער ברודערן־זון אַרטשי האָט געשמייכלט. מיסטער דאַוויד לינגסלעי האָט געפּרווט נאָכמאַכן דעם שמייכל מיט די מאָדנע אומבאַוועגלעך־געוואָרענע ליפּן־ווינקלען. ער האָט מיט שטאָלץ געפילט, אַז מיט אַ רגע צוריק האָט ער אויסגעפירט עפּעס אַן אויסערגעוויינטלעך וויכטיקע אַרבעט, אויף וועלכער ס׳האָט אים במשך פון גאַנצן לעבן נישט געקלעקט קיין צייט, און פון וועלכער דער ברודערן־זון אַרטשי וואָלט באַדאַרפט שטאַרק זיין צופרידן, אָבער ער האָט בשום אופן זיך נישט געקאָנט דערמאָנען — וואָס פאַראַ אַרבעט. דערנאָך זענען די באַלויכטענע גאָרנס געוואָרן אַלץ שיטערער אינם שוואַרצן, נישט דורכדרינגלעכן שאַכט.

די פאַמעלעך זיך וויגנדיקע ווינדע האָט אים ווייך אַראָפּגעשליידערט אין די אָרעמס פון טויט.

## IX.

אין אַ טונקעלער אָנשטערנדיקער נאַכט, אין מיט פֿון דער סעק־וואַנע, אויף מזרח בײַ דער בריק בערסי, האָט זיך באַוועגט אַ נישט־גרויסער, טונקעלער דאַמפּער, ענלעך צו אַ ריזיקן מתים־אָרון מיט אַ פֿאַרלאָשן ליכט פֿון אַ קוימען.

בײַם שפּיץ זענען געשטאַנען צוויי מענטשן, אָנגעשפּאַרט אָן דער בורטע און מיט פֿיר אויגן־קליינעס זיך אײַנגעשניטן אין דער טונקלקייט.

אויפֿן האָריזאָנט האָט געלויכטן אַ בלענדנדיקער שטרייף ליכט, ווי אַ ווײַסער פּאַס, אָנגעצייכנט מיט קרייד אויפֿן שוואַרצן טוך פֿון דער נאַכט.

— אין דרײַ מינוט אַרום וועלן מיר זײַן אויף דער ערשטער פֿײַער־ליניע. ס'איז פֿינף מינוט צו צוועלף. ס'וועט אונדז אויסקומען צו וואַרטן אַן ערך צוויי מינוט פֿאַר דער ליניע — האָט אַ זאָג־געטון איינע פֿון די סילועטקעס.

— די נאַכט איז ווי אויסגעטרוימט. דער ווינט זאָל נאָר נישט פֿונאַנדערטרײַבן די וואָלקנס. כ'גיב מײַן קאָפּ, אַז ס'וועט אונדז געלינגען דורכצופֿאָרן אומבאַמערקט. חבר, קוקט נאָר אַרום נאָכאַמאָל דעם גאַנצן דעק — צי זיי האָבן נישט פֿאַרגעסן ערגעץ אויסצולעשן דאָס ליכט. זאָל קיינער נישט וואַגן צו רויכערן! קיין וואָרט זאָל נישט ווערן גערעדט! מיר פֿאָרן צו.

דער חבר לאַוואַל האָט אויף אַ ווײַל געמוזט צומאַכן די אויגן. דער דאַמפּער איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון דער בויגונג. אויפֿן

שטח פון אַ האַלבן קילאָמעטער האָט דער טייך, אַ פאַרגאָסענעם מיט ליכט, זיך אויסגעדוכט צו ברענען. דער חבר לאַוואַל האָט מיט אַ פאַרשטיקטן קול אַ וואָרף-געטון אין דער טובע אַריין:

— סטאָפּ!

די שרויפן האָבן זיך אַ דריי געטון אויפן אָרט. דער דאַמפער איז שטיין געבליבן ווי איינגעזונקען.

אין פאַרגלייך מיט דער ליכט-מויער, האָט איצטער די פינסטערניש אויסגעזען נאָך שוואַרצער און געדיכטער. אין דער-ווייטנס, אויף רעכטס און אויף לינקס באַלויכטן מיט רעפלעק-טאָרן האָט זיך געצויגן אין מיטן דער סעקוואַנע די גרעניק-ליניע, ווי אַ ביז ווייסקייט צעגליטע שטאַבע אייזן.

דער חבר לאַוואַל האָט זיך שטאַרק איינגעהערט. ס׳איז אַדורך אַ לאַנגע, אומענדלעכע מינוט. אין דער אומגעשטערטער שטילקייט, האָבן זיך פון ערגעץ, פון שטאָט, דערטראָגן די ערשטע קלאַנגען פון די זייגערס, וואָס האָבן געשלאָגן אויף האַלבער נאַכט. כמעט אין דער זעלבער רגע, האָט זיך דערהערט פון הינטן, פון דער זייט פון שטאָט, דער ערשטער הילך, און אַ סעקונדע אַרום — דער קנאַל פון אַ פאַלנדיקן שאָס — וויזער שטיל.

— נישט געטראָפן! האָט לאַוואַל אַ סיטשע געטון דורך די ציין.

איינמאָל נאָכן צווייטן האָבן אַ דונער-געטון צוויי נייע שאָסן. און אַ ווײַלע אַרום — אַ דריטער, אַ פערטער, אַ פינפטער, די האַרמאַטן האָבן געקנאַלט איינער נאָכן צווייטן.

פלוצים, כמעט איינצייטיק מיטן גערודער פון פלאַצנדיקן שאָס, איז אומגעפאַלן די ליכט-וואַנט, וואָס האָט פונאַנדערגעטיילט דעם טייך און אין דעם חלל האָט זיך מיט אַ געפייף אַריינגעריסן די טונקלקייט. די האַרמאַטן האָבן געקנאַלט אָן איבעררייס.

— געפאָרן! האָט דער חבר לאַוואַל באַפוילן אין דער טובע אַריין.

דער דאַמפער האָט אַ ציטער-געגעבן, אַ ריס-געטון זיך פאָ-

ווייס און מיט דער גאַנצער קראַפט אַריין אינם שוואַרצן טונקל פון דער טונקלקייט. ערגיץ, אין דער ווייט, האָט אַ שפּריץ-געטון אַ רעפלעקטאָר, און מיט דער ציטערדיק-צעשפּרייטער האַנט פון אַ בלינדן באַטאַפּט דעם גלייכגילטיקן הימל.

דעמאָלט האָט זיך אויפן הימל אינם אָרטאָל פון ליכט באַוויזן אַ שוואַרצער, צעוויגטער באַלאָן. כמעט אײנצייטיק האָט צו אים אַ שאָס-געטון אַ ווײדלדיקער לײכט-ראַקעט.

— יאָ. אַלץ גייט ווי פון נאָטן — האָט רײבנדיק זיך די הענט, אַ ברום געטון דער חבר לאַוואַל. — איצטער וועלן זיי זיך אַ ווײלע שפּילן מיטן באַלאָנדל, ביז וואַנען מיר וועלן נישט אַריבערפאָרן. נו, דערלאַנגט אים נאָכאַמאָל!

אין דער ריכטונג פון דעם וויגנדיקן באַלאָן זענען איינמאָל נאָכן צווייטן אַרויסגעלאָפן צום הימל די טאַנצנדיקע לייכט-ראַקעטן. דאָס אין טונקלקייט פאַרזונקענע פּאַריז האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ קאַנאָנאַדע.

דער דאַמפער האָט, ווי אַ פאַרסאַפּעטער שנעל-לויפער, מיט גרויסע שלוקן געשלונגען דעם שטח. די אויסגעשטשירבעטע ליכט-וואַנט איז פאַרבליבן שוין ערגעץ פון הינטן. פון דער רעכטער און לינקער זייט האָט איצט דער ברעג געפינקלט און געשימערט מיט טויזנטער ליכטלעך, געהילט מיטן טויבן געבלאָז פון אַלאַרם.

פּלוצלינג, אונטערן קויש פון אַ ראַקעטע, האָט דער שוואַרצער, אומגעלומפּערטער באַלאָן געפּלאַצט מיט אַ רויטער בלאָז פון פלאַמען און ווי אַ ריזיקער ברענענדיקער שמעטערלינג, אָנגעהויבן אַראָפּפאַלן.

— אַביסל צו פרי, צו אַלדי רוחות! האָט, אָבסערווירנדיק אים ווי פון אונטערן אויג, לאַוואַל געברומט. — זיי זענען איצטער גרייט צו ווענדן זייער אויפמערקזאַמקייט אויף אונז...

די האַרמאַטן האָבן כסדר געקלאַפּט, הגם שוין אַביסל שוואַכער און זעלטענער.

דער טײַך האָט ווײַזט אויס אויף דעם אָרט זיך פאַרשמעלערט, און דער אָפּשײַן פון ליכט, וואָס איז אויף אים געפאַלן פון די ברעגן האָט אין פאַנטאַסטישע שפּיצן אויסגעשניטן זיין אײנ-

הייסלעכן שוואַרצן ראַנד. די קאַנאָנאַדע האָט פּאַמעלעך זיך אָנ-
געהויבן איינצושטילן. נאָך איינער, נאָך צוויי לעצטע שאָסן, ווי
פאַרשפּעטיקטע אַפּלאָדיסמענטן — און די דיקע, שוואַרצע קורטי-
נע פון שטילקייט איז אַראָפּגעפאַלן אויף שטענדיק.

דער חבר לאַוואַל האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם אין דער
ברוסט און מיטן גאַנצן לייב אין דער געשפּאַנטקייט פון דער-
וואַרטן צוגעפּאַסט צו דער בורטע, גלייך ווי ער וואָלט מיט דיי-
נע קורצע פליגל-הענט, ווי אַ הון באַגערט צוצודעקן זיין עוות-
דיק צופעלע — דעם שרייענדיקן, פאַרסאַפּעטן דאַמפּער.

שטופּנווייז האָבן די שיינען אויפן ברעג אָנגעהויבן צו ווערן
שיטערער, אַרויסשפּרינגענדיק נאָך איינצלווייז, איינמאָל דאָ,
איינמאָל דאָרט און דערשראָקענע זענען זיי אַנטלאָפן צוריק, ווי
פּאַפּיר-פייערלעך. נאָך דריי, פיר לעצטע סעמאַפאָרן, און דער
דאַמפּער איז אַריינגעפאָרן אין דעם שוואַרצן תהום פון דער
נאַכט.

אַ לאַנגע צייט זענען זיי געפאָרן אין פולקאָמער טונקל-
קייט, אָפּמעסטנדיק דעם שטח מיט די שווערע קלעפּ פון דער
שרויף. ענדלעך האָט דער חבר לאַוואַל אָנגעצונדן אַ פּאַפּיראָס
און גיריק אים פאַרצויגן. ביי דעם ציטערנדיקן ליכט פון שווע-
בעלע האָט ער אַ בליק-געטון אויפן זייגערל: פינף מינוט
נאָך איינס.

לאַוואַל האָט זיך אָנגעבויגן איבער דער טובע:

— אַלע אַרויס אויפן דעק! — האָט ער הויך אַ באַפעל-
געטון.

— אין משך פון איין רגע האָבן אויפן דעק אַ ווימל-געטון
קנאַפּע צוואַנציק ווּקסיקע געשטאַלטן.

— איר קאָנט פאַררויכערן, חברים. מיר פאָרן שוין באַלד צו.
אָנשטעלן אויפן דעק די רעפלעקטאָרן! דעם קלענערן קאָנט איר
אָנצינדן. און איצטער — אויפמערקזאַם! אויפן לינקן ברעג דאַרף זיך
דאָ געפינען אַן אָפּשטעל-פונקט און עטלעכע גאַלאַרן. דער וואָס
וועט דער ערשטער דערזען — זאָל געבן צו וויסן. כ'האָב מורא,
צי מיר זענען שוין נישט דורכגעפאָרן, דער חבר מאָנסיניאַק איז

פאַראַן? חבר, איר האָט געדינט אין לייכטן פלאָט? איר קאָנט גוט קריכן אויף שטריק? גוט. איר וועט מיר נייטיק זיין.

— אַ גאַלער! ס׳איז דאָ אַ גאַלער! פאַראַן צוויי, דריי, פיר גאַלערן! — האָבן מיט איינמאָל זיך דערהערט עטלעכע קולות. — פאַראַן אויך דער אָפּשטעל־פּונקט!

— סטאָפּ!

דער דאַמפער האָט זיך פאַרהאַלטן.

— אָנצינדן ביידע רעפלעקטאָרן! דאָ ביים ברעג דאַרף זיך געפינען דער שאָסיי.

— פאַראַן! פאַראַן דער שאָסיי! — האָבן זיך אָפּגערופן שטימען.

— גוט! ערגעץ דאָ, ביים ברעג גייט זיך דער שאָסיי פונאַנדער, איין אָפּצווייגונג גייט אַוועק אין דער טיף פון דער יבשה. מיר האָבן זי געמוזט פאַרזען. געבן הינטערשטע פאַרע! נענטער צום ברעג! יאָ.

דער דאַמפער האָט זיך פּאַמעלעך אָנגעהויבן צוריקצוציען.

— די אָפּצווייגונג איז פאַראַן! — האָט עמיץ אַ געשריי געטון — סטאָפּ!

דער דאַמפער איז שטיין געבליבן.

— אָנצינדן אַלע רעפלעקטאָרן. באַלייכט מיר גוט דאָס אָרט! גוט, מ׳זעט, ווי אויף דער האַנט. נאָך אַביסל נענטער! שטיין! גענוג! חבר מאָנסיניאַק, קומט אַהער נענטער. איר זעט אָט דעם טעלעגראַפן־סלופּ, פונוואַנען די דראָטן גייען זיך פונאַנדער אין דריי זייטן? ווי ווייט קאָן דאָס זיין פון אים ביז צו אונז?

אַן ערך צען מעטער וועט זיין — האָט באַטראַכט געזאָגט דער פעסטער מאַטראָז, שאַצנדיק דעם מהלך מיטן אויג פון אַ מבין.

— איר וועט קענען אויף אים פאַרוואַרפן אַ שטריק?

— פאַרוואָס נישט? ווען מ׳זאָל נאָך אַזוי אונטערפאָרן אַביסעלע נענטער...

דער דאַמפער האָט זיך אויף נאָך צוויי מעטער צוגערוקט אין דער ריכטונג צום ברעג.

— סטאָפּ! נישט צופאָרן ביזן סאַמע-ברעג! — האָט באַפוילן לאַוואַל. — יאָ. און איצטער חבר, פּרוווט פאַרוואַרפן דעם שטריק. נאָר מאַכט אַ שטאַרקע פּעטליע, כּדי איר זאָלט דורך דעם שטריק גלייך פון דעק קאָנען אַרויפקלעטערן אויפן סלופּ. איר וועט מוזן איבערהאַקן די דראָטן פון דער לינקער זייט און פון דער רעכטער, און אונזערע באַהעפטן מיט די דראָטן, וואָס גייען צום ברעג צו.

— אויב אַזוי, טאָ נאָך וואָס, חבר, דאַרפן מיר דעם שטריק? איך וועל אַראָפּשפּרינגען אויפן ברעג און מיטן קוק בין איך אויפן סלופּ. מיטן שטריק איז — אַ לאַנגע מאַטערניש.

— אויפן ברעג וואַגט זיך נישט אַראָפּצושפּרינגען! דער וואָס וועט אַראָפּשפּרינגען אויפן ברעג — באַקומט אַ קויל אין קאָפּ! — האָט לאַוואַל שטרענג מתרה געווען. — אויב איר זענט נישט קיין לאַ יצלח, נאָר אַ מאַטראָז — וועט איר קאָנען זיך צוריקקריגן אויפן סלופּ גלייך פון דעק.

— באַוויַיזן וועל איך, נאָר ס'וועט לאַנג דויערן. אַ שאָד די צייט. דער באַגינען וועט אונז אָנטרעפן.

דער חבר לאַוואַל האָט טרוקן אָפּגעהאַקט:

— דיסקוטירן וועלן מיר, חבר, נאָכן אומקערן זיך. אויב ס'איז אייך אַ שאָד די צייט, טאָ פאַרלירט זי נישט אומזיסט. פאַרוואַרפט דעם שטריק.

דער חבר מאָנסיניאַק האָט אין שוויַיגן פאַרבונדן אַ פּעטליע, זיך פאַרמאָסטן, אַ וואָרף-געטון און נישט געטראָפן.

— כ'האָב געזאָגט, אַז ס'וועט אַזוי לייכט נישט גיין... — האָט ער אַ מורמלשע געטון אונטער דער נאָז, פאַרמעסטנדיק זיך צו אַ נייעם וואָרף.

נאָך פופצן מינוט איז ענדלעך געלונגען צוצושטעפן דעם שטריק. דער פעסטער מאַטראָז האָט אויפן אָרעם אָנגעהאָנגען אַ בייגל דראָט, אַרייַנגעשטעקט אין פּאַסיק אַ צוואַנג מיט אַ שער, און פאַרקאַטשנדיק די אַרבל, פלינק אָנגעהויבן זיך צוריקציִען אויף דעם שטריק צום סלופּ צו.

לאַוואַל האָט פון דער טאַש אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער.

— חבר מאַנסיניאַק, אויפֿן פֿאַל ווען ס'וואָלט אייך געקומען אויפֿן געדאַנק נישט אומצוקערן זיך אויפֿן דעק און אַראָפּצושפּרינגען אויף דער ערד, געדענקט זשע, אַז איידער איר וועט זי באַטרעטן, וועט אייך די ערשטע קויל פֿון דעם רעוואָלווער צעשפּאַלטן דעם קאָפּ.

פֿאַרנומען מיטן אַרויפֿקלעטערן האָט דער מאַטראָז נישט געענטפֿערט. אין אַ רגע אַרום איז ער שוין געזעסן אויפֿן שפּיץ פֿון סלופּ. צוויי איבערגעהאַקטע רייען דראָט, ווי געפּלאַצטע סטרונעס, זענען מיט אַ קלאַנג אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער ערד. דורך אַ לאַנגע רגע האָט דער מאַטראָז נאָך געמייסטרעוועט אויפֿן שפּיץ.

— פֿאַרטיק? — האָט לאַוואַל פֿון דעק אַ פֿרעג-געטון
— פֿאַרטיק! — האָט צוריקגעשריגן דער מאַטראָז.
— נו, אַראָפּ צוריק!

דער מאַטראָז האָט אויסגעזען, גלייך ווי ער וואָלט דורך אַ רגע געמאָסטן דעם מהלך, וואָס טיילט אים אָפּ פֿון דער ערד, באַלהער די שטרעקע צום דאַמפֿער, צו דעם שוואַרצן, אין אים געצילטן מאַוזער פֿון חבר לאַוואַל, און אין שווייגן האָט ער אַ געהאָרכזאַמער זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן מיטן שטריק אויפֿן דעק אַראָפּ. שטייענדיק שוין מיט אַ פֿוס אויפֿן דעק האָט ער אַ שפּיי-געטון:

— באַהאַלט אייער מאַוזער — חבר קאָמענדאַנט. איר וואָלט גלייכער אָפּגעשאָסן דעם שטריק. איר זענט דאָך אַ גוטער שיסער.

דער חבר לאַוואַל האָט שווייגנדיק זיך פֿאַרמאָסטן און אויסגעשאָסן. דער שטריק איז אַריינגעפֿאַלן אין וואַסער. מ'האָט אים אַרויפֿגעצויגן אויפֿן דעק. דער מאַטראָז האָט עפּעס אונטער דער נאָז מיט אָנערקענונג אַ ברום-געטון און זיך גענומען פֿונאַנדערוויקלען די דראָטן, וואָס זענען מיטן צווייטן עק באַהאָפֿטן געווען צום סלופּ.

— אָפּשווימען אין מיטן טייך אַריין! — האָט לאַוואַל באַפֿוילן.

דער דאַמפֿער איז פּאַמעלעך אַרויסגעשווומען אויפֿן מיט און געצויגן מיט זיך די צוויי דראָטן-פֿעדים.

— שטיין! חבר מאָנסיניאַק, דאָ האָט איר אַ טעלעפאָנישן אַפּאַראַט, באַהעפט צו די עקן פון די דראָטן.

דער מאַטראָז האָט זיך אַ נעם-געטון צום אַפּאַראַט, ס'איז אים ווייזט אויס עפּעס נישט געגאַנגען, ווייל אַלע ווילע האָט ער געשאָלטן און געשפּיגן דורך די ציין. נאָך גוטע צוואָנציק מינוט איז דער אַפּאַראַט געווען פאַרטיק.

דער חבר לאַוואַל האָט גענומען דאָס טרייבל.

— אָנצינדן אַלע ליכט! און שאַ!

ס'האָט אַ גרילץ-געטאָן די טרוקענע קאָרבע פונם פעלד-אַפּאַראַט. אינם טרייבל האָט זיך לאַנג דורכגעגאָסן די אייביקייט, ביז וואַנען ס'האָט זיך אין איך פון ערגעץ, פון ווייט, געדול-דיק דערהערט אַן אומעטיקער: האַלאָ — אָ — אָ...

— האַלאָ! טאַנסאָרעל! — האָט לאַוואַל אַריינגעשריגן אין טרייבל.

— טאַנסאָרעל... — האָט ווי אַ ווידערקול אָפּגעענטפערט דאָס טרייבל.

— רופט צו צום טעלעפאָן דעם בירגערמייסטער!

— ווער רעדט?... — האָט זיך דערטראָגן פונדערווייטנס.

— ס'רעדט די פּרעפעקטור—האָט רואיק געענטפערט לאַוואַל.

— כ'בעט גלייך אויפוועקן דעם בירגערמייסטער און דעם גלח און ביידע צורופן צום טעלעפאָן. אַ ווילטיקער ענין.

— כ'בעט נישט אַוועקלייגן דאָס טרייבל... — האָט זיך דערהערט אַ ווידערקול.

— דער חבר לאַוואַל, אָנגעשפּאַרט מיטן עלנבויגן אויף דער קני האָט דעררויכנדיק דעם פּאַפּיראָס, געוואַרט, מיטן טרייבל ביים אויער.

דערווייל האָבן זיך אין טרייבל צעהוסט עמיצנס צוגע-איילטע טריט. פונוווייטנס איז אָנגעקומען, אַ פלאַטער-גע-טון און זיך צעקלונגען אַ קול, — פאַרפלאָנטערט אין שפּינוועבס פון דראָטן.

— ס'רעדט — דער בירגערמייסטער פון טאַנסאָרעל.

— צי האָט מען אויפגעוועקט דעם גלח?

— ער גייט שוין.

— גיט אים דאָס צווייטע טרייבל. דער ענין האָט אויך אַ שייכות צו אים. איך וויל נישט איבערחזרן צוויי מאָל — האָט לאַוואַל געזאָגט מיט אַ באַפעלערישן טאָן.

— מיר הערן. ווער רעדט? דאָס זענט איר, הער פּרעפעקט?

— כ'בעט הערן אויפמערקזאַם. ס'רעדט די עקספּעדיציע פון דער פּאַריזער ראַטן-רעפּובליק. היינט צוועלף ביינאַכט האָבן מיר זיך דורכגעריסן דורכן קאָרדאָן און געקומען צו פאָרן נאָך שפּייז. דער פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט פּגרט פון הונגער. אונזער דאַמפּער שטייט אויפן טייך. איך רעד פון דעק. פּרוווט נישט טעלעפאָנירן נאָך הילף אין גאַרניזאָן. אַלע טעלעפאָן-דראָטן זענען איבערגעה[...]קט. די איינציקע ליניע, וואָס איז פאַרבליבן, פאַרבינדט אייך מיט אונזער דאַמפּער. הערט איצט אויפמערקזאַם. מיר זענען געקומען מיט פרידלעכע צילן. אונזער דאַמפּער שטייט אינמיטן טייך, אויב איר וועט צום טערמין דערפילן אונזערע פאָדערונגען, וועלן מיר בכלל נישט צופאָרן צום ברעג. מיר זענען געקומען נאָך שפּייז פאַר דעם פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט. וואָס פּגרט פון הונגער, אויב איר וועט אין משך פון אַ שעה נישט צושטעלן אונז צום האָפן און נישט אָנלאָדענען אויף די גאַלאָרן זעקס הונדערט זעק מעל, ויצן מיר אויס אויפן ברעג און מיר וועלן צעראַבעווען און באָמבאַרדירן דאָס דאָרף. מיר גיבן אייך אַ שעה צייט. איר, בירגער בירגערמייסטער, וועקט גלייך אויף דאָס דאָרף, נעמט פורן און פירט אָן מיטן צושטעלן דאָס מעל צום האָפן. איר, בירגער גלח, ווענדט אָן אייער השפּעה, איבערצוציייגן די אָפּשלעפּערס און היט-צו, אַז אַלץ זאָל זיין צו דער צייט. שטעלט ביידע אָן אייערע זייגערלעך. ס'איז צען מינוט צו צוויי. אויב צען מינוט פאַר דריי, וועט אויפן שאָסיי, וואָס פירט צום האָפן נישט באַווייזן זיך די ערשטע פור מיט מעל, שווימען מיר צו און זיצן אויס אויפן ברעג. מיט דער געהאָרכזאַמקייט און פּינקטלעכקייט וועט איר זיך און גאַנץ פראַנקרייך מציל זיין פון דער מגפה. פאַרשטאַנען, בירגער בירגערמייסטער? זעקס הונדערט זעק מעל אין אַ שעה אַרום ביים האָפן.

ינם טרייבל האט געקלונגען די שטילקייט. נאך א לאנגע ווײַלע האט זיך דערהערט א װאָרט װאָס איז קוים מיט מי ארויסגערעדט געװאָרן.

— אין אונזער דאָרף איז דאָך נישט פאראַן אזוי פיל מעל...

— ס׳וועט זיך געפונען מ׳דאָרף גאָרנישט ווייט זוכן. איר וועט נעמען אין דער מיל ביי די ברידער פלאן. איר וועט אנ-לאָדענען אויף די טאַרטאַק-גאַלאָרן. איר זעט, מיר קאָנען אייער ישוב נישט ערגער פון אייך. פארגעסט נישט צו נעמען פון מיל די פלאַנדעקעס צוצודעקן די גאַלאָרן. צו האָט איר מיך פאַר-שטאַנען ?

— מיר האָבן פארשטאַנען... — האָט דאָס ווידערקול אַרויס-געקרעכצט.

— כ׳האָב אויסגעצייכנט נאָך פאַריס געוווּסט, אַז כ׳האָב צוטון מיט אינטעליגענטע מענטשן. נו, לאָמיר דעריבער נישט פארלירן קיין צייט. כ׳גיב אייך צו נאָך פינף מינוט, איר זאָלט קאָנטראָלירן דאָס, וואָס איך האָב אייך געזאָגט. איר קאָנט דורך דער צייט זיך איבערצייגן, אַז אייערע דראָטן זענען אויף אַן אמת איבערגעהאַקט און אַז אייער דאָרף קאָן לייכט באַשאָסן ווערן דורך אונזער דאַמפּער. פון זיכערקייטס וועגן בין איך אייך מתרה, אַז דער ערשטער שליח, וואָס וועט זיך אויף אַ פערד, צי אויף אַ ראָווער באַוויַיזן אויפן שאָסיי, באַקומט גלייך אַ קויל אין קאָפּ אַריין. און איצטער — צו דער זאַך. איך חזר איבער נאָכאַמאָל: אויב אין אַ שעה אַרום וועלן די זעק מיט מעל זיך באַווייזן ביים ברעג און אין משך פון אַ האַלבע שעה וועלן די גאַלאָרן זיין אָנגעלאָדן, וועלן מיר אַוועקפאָרן, נישט צושווימענדיק צום ברעג און נישט טון אייך קיינעם קיין שלעכטס. מיר זענען געקומען נישט כדי צו ראַבעווען, נאָר נאָך שפּייז פאַר די הונ-געריקע. די צייט פאַרגייט. אויף ווידערזען! אין אַ שעה אַרום!

דער חבר לאַוואַל האָט אויפגעהאָנגען דאָס טרייבל און מיט נערוועזע טריט זיך דורכגעגאַנגען איבערן דעק. פון דער נישט דעצידירטער שטים אינם טרייבל, האָט ער נישט געקאָנט וויסן אויף זיכער, צי דאָס דאָרף וועט אויספירן דעם באַפעל, אָדער

נישט. ס'האָט אים געפּייניקט אַן אומזיכערקייט. און וואָס וועט זיין, אויב נישט? אויב אין אַ שעה אַרום וועט זיך קיינער נישט באַווייזן אויפֿן ברעג? וואָס וועט דעמאָלט זיין? דעמאָלט — וועט מען זיך דאַרפֿן אויסדרייען און צוריקפֿאָרן מיט ליידיקע הענט? ער האָט דאָך גוט געוווּסט, אַז ער וועט טראָגן אַלעמען נישט צושווימען צום ברעג. דעמאָלט — איז די גאַנצע עקספּעדיציע צו גאָרנישט.

דער חבר לעוואַל האָט אין מאַכטלאָזן כעס אַ שפּיי־געטון דורך די ציין, און אין דער האַנט געדריקט דאָס זייגערל מיטן, ווי אַ טשערעפּאַכע פּאַמעלעכן, ווייזערל...

דערווייל האָט אויפֿן צווייטן עק דאָרט אין דאָרף זיך צערוישט אַן אומבאַשרייבלעכער טומל, אַ געהילך פֿון צוגע־האַקטע און אויפֿגעעפֿנטע טירן, אַ רופֿן און אַ געלויפֿעריי. מענטשן מיט לאַמטערנס, פֿאַרשלאָפֿענע און באַטויבטע, האָבן זיך געשטויסן אויפֿן וועג צו דער מיל.

אויף דער שוועל שטייט דער בלאַסער, צעכראַשטשעטער בירגערמייסטער, אָן אַ קאָלנער, אָנגעטאָן אין איילעניש אין אַ מאַרינאַרקע און אין שטיוול אויף די באָרוועסע פֿיס. ער האָט אַרויסגעגעבן פֿיבערדיקע באַפֿעלן. די ערשטע פֿור, אָנ־געלאָדן מיט מעל, איז שוין אַוועקגעפֿאָרן אין דער זייט פֿון האַפֿן.

פּלוצים, פֿונאַנדערשטויסנדיק דעם המון, האָט אין אַ באַ־לויכטענעם קרייז אויפֿן וועג זיך באַוויזן דער מאַרסאַפּעטער גלח אין אַ צעפֿלאַטערטער סוטאַנע.

— וואַרט באַר! וואַרט אַ רגע — האָט פֿונווייטנס געשריגן דער גלח, און געכאַפּט מיט די הענט — כ'האָב אַן איינפֿאַל!

דער בירגערמייסטער איז אים אַנטקעגנגעלאָפֿן.

* *
*

דאָס ווייזערל האָט זיך שוין דערנענטערט צו דריי, ווען אויפֿן שאָסיי האָט זיך באַוויזן דער ערשטער וואָגן מיט אַ הוי־קער פֿון ווייסע זעק.

דער חבר לאוואל האט מיט א טיכל אפגעווישט דעם שווייס פון שטערן און א פריילעכער אריינגעשטעקט דאס זייגערל אין קעשענע.

נאך דער ערשטער פור האט זיך באוויזן א צווייטע, א דריטע, — א לאנגע שלעפע, א ווייסע, מעלאדיש-סקריפעדיקע שורה פון וואגנס. אינם העל-רויטן ליכט פון די רעפלעקטארן האבן פארמעליקטע, צעשראקענע פויערן, איינגעבויגן אונטער דער לאסט, ענלעך צו ארבעטסזאמע מוראשקעס, ארויסגעטראגן ווייסע, בייכיקע באלן אין דעם שווימענדיקן מוראשניק פון גאלאר.

שנייאיקע בערג זענען אויף די גאלארן געוואקסן פון רגע צו רגע.

דער חבר לאוואל האט צעשראקן א בליק געטון אויפן זייגערל. ס'איז שוין אדורך א שעה און מ'האט ערשט קוים געענדיקט דעם צווייטן גאלאר. ערגעץ ווייט. איז די שווארצע נאכט פון האריזאנט, וואס באהעפט צונויף די ערד מיטן הימל, זיך צעקראכן אין די אויגן, ווי אן אפגעטראגענע, אויסגעריבענע סחורה און דורך דעם שפאלט, וואס איז כסדר געוואקסן, האט דורכגעטאגט די גרויע פאטשעווקע פון באגינען. דער חבר לאוואל האט מיט אומרו אלע ווילע זיך אומגעקערט אין דער זייט אריין.

ווען דער דריטער גאלאר איז ענדלעך פארטיק געווארן, איז געווען האלב פינף. אויף מזרח האט דער שטרייף פון באגינען זיך צעעפנט אין א ברייטער שפארונע. די שנייאיקע בערגלעך פון די גאלארן האבן אונטער די ערשטע זון-שטראלן זיך צעגרינט מיט דעם נישט-דרייסטן גראז פון די ברעזענטענע פלאנדעקעס. מ'האט נישט געטארט פארלירן קיין איין רגע.

איבערשפרינגנדיק פון איין ראנד אויפן צווייטן, האבן די מאטראזן איילים מיט שטריק צונויפגעבונדן די גאלארן, וואס זענען מיט שטעקנס אפגעשטופט געווארן אין מיטן טייך אריין, און זיי באפעסטיקט צום דאמפער. דער המון, וואס האט זיך געשטופט ביים ברעג, האט אין שוויינן זיך צוגעקוקט צו דער ארבעט.

דער חבר לאוואל האט נאכאמאל גענומען דאס טרייבל.

— האַלאָ! ווער רעדט? אַ פּאָסט-באַאַמטער? אויסגעצייכנט, ב'בעט זאָגן דעם בירגערמייסטער, אַז מאָרגן, ווען ער וועט פּאַר־ריכטן די איבערגעהאַקטע ליניעס, זאָל ער פריער אויף יעדן פּאָל פאַרברענען דעם טעלעגראַפן - סלופּ און אויף זיין אָרט אַוועקשטעלן אַ נייעם. יאָ, דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן. די איינוואוינער פון טאַנסאַרעל גיט איבער אַ פּראָלעטאַרישע באַגריסונג פון רעוואָלוציאָנערן פּאַריז.

דער חבר לאַוואַל האָט אַוועקגעשטעלט דעם אַפּאַראַט.

— אַלע אויפן דעק אַרויס! אויסשטעלן זיך אין אַ ריי! פּאַראַן פּופּצן? גוט. יעדער אויף זיין פּאָסטן! אָפּהאַקן די דראָטן! אַראָפּ־נעמען די רעפלעקטאָרן! אויסלעשן דאָס ליכט! מיר פאָרן!

דער דאַמפּער האָט אַ ציטער געטון, ער האָט זיך צעוויגט אויפן אָרט און שווער אָפּגעשוומען. ער האָט מיטן שנאָבל צע־טרייסלט די פּאַליעס, ווי אַ ריזיק קעמל מיט דריי הויקערס פון גאַלאָרן.

— פאָרן מיט דער גאַנצער פּאַרע!

דער חבר לאַוואַל האָט אַדורכגעמאָסטן דעם דעק. אין דער טונקעלקייט האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף עמיצנס אַ געשטאַלט, וואָס איז אָנגעשפּאַרט געווען אָן דער בורטע פון דאַמפּער.

— דאָס זענט איר, חבר מאָנסיניאַק? ווי דענקט איר, מיר וועלן זיין אין פּאַריז פאַר באַגינען?

— כ'האָב מורא אַז ניין, מיט אזא משא... האָט פאַרוואָל־קנט אָפּגעענטפערט דער מאַטראָז.

מיר פאָרן דאָך אָבער איצט מיטן שטראָם, איז דאָך לייכטער.

דער מאַטראָז האָט אָן אַ וואָרט זיך אויסגעדרייט און מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף דער נאַכט פון האָריזאָנט, וואָס האָט זיך אַלץ מער צעעפנט.

ס'טאָגט — האָט ער טרוקן געזאָגט. — איידער מיר וועלן דערפאָרן וועט ווערן טאָג.

דער חבר לאַוואַל האָט לאַנג, מיט אומרו זיך איינגעקוקט אין דער געלבלעכער שפּאַרונג, וואָס איז כסדר געוואַקסן.

מיר האָבן זיך פאַרשפּעטיקט... — האָט ער אַ פאַרטראַכטער אַ שמײכל געטאָן.

אין די זייטן זענען געשוווּמען גרויע, שוין דייטלעכע בערגן, וואָס האָבן געפינקלט מיט די ערשטע ליכט־שפּריצן.

דער הבר לאַוואַל האָט נישט געוווּסט, אַז פון טאַנסאַרעל איז מיט אַ שעה צוריק אַרויסגעפאָרן מיט די זייטיקע פעלד־סטעזשקעס, צו דער שטאָט צו, אַ קליינטשיק, איינגעהויקערט מענטשל.

דאָס קליינטשיקע מענטשל איז געקומען אין שטאָט אַריין, ווען דער גרויער בײַגינען האָט זיך שוין ברייט געהאַט צעגאָסן איבערן הימל.

אין צען מינוט אַרום האָט אַן עלאַסטיש, גומען וואָרט, זיך אַ טראַג־געטון, ווי אַ בײַלעם דורך די דראָטן און זיך געיאָגט מיטן פאַרטאַפּעטן דאַמפער. דאָס וואָרט איז איבערגעשפּרונגען פון דראָט צו דראָט, אויסגעמיטן דעם דאַמפער און זיך אַ קאָלער־געטון ווייטער, אינם וואַלד פון די רויטע, פינקלדיקע פייערלעך.

אין צוואַנציק מינוט אַרום איז אין שטאַב פון דער קאָר־דאָן־אַרמיי, אינם ווייסן אַנגערויכטן סאַלאָן פונם אַלטן פּאַלאַצל, פאָרגעקומען פאָלגנדיקער דיאַלאָג:

פּ אָ ר וּ ט ש נ י ק: צי ווילן מיר באַשיסן זייער דאַמפער?

ק אַ פּ י ט אַ ן: ס׳פאַרשטייט זיך, איך האָב שוין אַרויסגעגעבן די געהעריקע באַפעלן.

פּ אָ ר וּ ט ש נ י ק: אייגנטלעך... אויב זיי זענען שוין דורכ־געפאָרן... דערצו נאָך, ווי די דעפּעשע טיילט מיט, זענען זיי נישט צוגעשוווּמען צום ברעג און האָבן אָפּגעהיטן אַלע פאָרזיכטס־מ ט ׳ען... — וואָס וואָלט אונז געשאַדט זיי דורכצולאָזן מיטן שפּיז אין שטאָט־אַריין? אין איצטיקן מאָמענט זענען זיי דאָך נישט גורם קיין שום געפאַר. און, ווען מיר ווילן זיי דערטרינקען וועלן מיר אייגנטלעך דערפון גאָרנישט געניסן.

ק אַ פּ י ט אַ ן: איר זענט חסר דעה, העך מאָנטעלוּפ! אַדורכ־לאָזן זיי אין שטאָט אָן שום שטראָף? ס׳זאָל זיך מאָרגן אַ צווייטער דורכרייסן? אויב אַזוי, טאָ נאָך וואָס איז נויטיק דער קאָרדאָן?

אזא חוצפה מוז ווי אַמשטרענגסטן באַשטראָפט ווערן. דערצו נאָך האָט איר מסתמא פאַרגעסן, אַז דאָס זענען באָלשעוויקעס, און אַז זיי פירן שפּייז פאַר זייער קאָמונע? אפשר דאַרפן מיר נאָך שפּייזן אויך זייער קאָמונע? אַ שיינעם דאַנק אייך.

פּאַרוטשניק: אָבער ניין, איך... ניין... גאָר פּשוט. כ'האָב געמיינט... אַז אויב זיי זענען שוין דורכגעפאָרן...

* *
*

אין פּאַריז, נעבן דער בריק בערסי, האָבן פון דריי ביינאַכט זיך אָנגעהויבן פאַרזאַמלען נייגיריקע מאַסן, וועלכע האָבן אומרויִק געקוקט אויפן מזרח, ווו צווישן די צעעפנטע ליפּן פון הימל און ערד האָט זיך שוין דורכגעשניטן אַ ווייסער שטרייף פון באַגינען.

פינף אַזייגער האָט דער ווייסער שטרייף פאַרנומען שוין אַ העלפט פון הימל. דאָס אומקערן זיך פון דער עקספּעדיציע איז געוואָרן אַלץ ווינציקער וואַרשיינלעך. דער אַנטוישטער המון האָט זיך פּאַמעלעך אָנגעהויבן פונאַנדערצוגיין אַהיים. דעמאָלט, האָט פון מזרח זיך דערהערט דער קנאַל פונם ערשטן האַרמאַטן-שאָס. דער המון האָט אַ ציטער-געטון, זיך צעוואַקלט און מיטן גאַנצן גוף זיך אַ ריס-געטון אין דער זייט אַריין.

— זיי פאָרן! — איז דורכגעלאָפן אַ געמורמל.

די האַרמאַטן האָבן געקלאַפּט איינער נאָכן צווייטן. דער המון האָט, ווי אַ ברויזנדע כוואַליע, זיך צעגאָסן אין דער לענג פון ברעג. עפּעס אַ פרוי האָט געקלאָגט אויפן קול, און ווי אַ פויגל געפלאַטערט אויף דעם אייזערנעם אָנלען פון בריק. נאָך צען מינוטן פון דער קאַנאָנאַדע האָט זיך דער געברום פאַרוואַנדלט אין אַ געוואָי. פּלוצלינג האָט עמיצער פון ברעג דער ערשטער אַ געשריי-געטון:

— זיי פאָרן!

ס'איז געוואָרן שטיל. אויפן טייך-אויסבויג האָט זיך באַוויזן דער שוואַרצער דאַמפער מיט אַ צעשמעטערטן קוימען און מיט מאַכטלאָז-אַראָפּהענגענדיקע שטיקלעך פון דעק. דער דאַמפער האָט

שווער געסאַפּעט, ער איז געלעגן כמעט אויף איין זײַט און מיט די לעצטע כּוחות געצויגן נאָך זיך צוויי גאַלאָרן. אויפן אָרט פון דריטן האָט מיט פּלוס-פעדערן פון צעהאַקטע ברעטער זיך נאָכגע שלעפּט אַן אָפּגעהאַקטער פאָדערשטער טייל פון אַ גאַלאָר.

דער דאַמפּער האָט זיך פאַמעלעך דערנענטערט צו דער בריק. דער ענטוזיאַזם פון המון האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה:

— לאַוואַל! זאָל לעבן לאַוואַל!

דער דאַמפּער האָט זיך קוים דערשלאָגן צום ברעג. אויפן זאַמד איז אַראָפּגעשפּרונגען אַ נידריקער, פאַרבלוטיקטער מאַטראָז.

— לאַוואַל! ווו איז לאַוואַל?! — האָט געשטורעמט דער המון.

דער מאַטראָז האָט מיט אַ פאַרבונדענער האַנט אָנגעוויזן אויפן דעק.

עטלעכע רויטע גוואַרדייער זענען אַרויפגעשפּרונגען אויפן דאַמפּער. דער המון איז שטיל געוואָרן און געוואַרט.

אין עטלעכע מינוטן אַרום האָבן אויפן דעק זיך באַוויזן צוויי רויטע גוואַרדייער, וואָס האָבן עפּעס געטראָגן אין אַ פאַנאַנדערגעשפּרייטן מאַנטל, ווי אין אַ טראָג-בעטל.

דער המון האָט זיך אַ בויג-געטון פאָרויס.

אויפן מאַנטל איז געלעגן אַ מענטש מיט פאַרמאַכטע אויגן, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אויף הינטער. אויפן אָרט, וווּ ס'האָבן זיך באַדאַרפט געפינען די פיס, האָט זיך געפונען אַ שטיק צעבלוטיקטע גאַלאַרעטע.

דער המון האָט אַנטבלויזט די קעפּ און זיך שווייגנדיק פאַנאַנדערגערוקט.

דורך דעם אימפּראָוויזירטן שפּאַליר האָבן די רויטע גוואַרדייער דורכגעטראָגן דעם חבר לאַוואַל אין דער אַפּטייק, וואָס האָט זיך געפונען אין ראָג.

ס'האָט אַ זאָט-געטון.

* *
*

אין ווייסן שפּיטאָל, איבערן דורכגאַנג צווישן די בעטן, זענען געגאַנגען פיר מענטשן אין בלויע זעלנערישע מאַנטלען.

דער סאַניטאַר, וואָס האָט זיי געפירט האָט זיך פאַרהאַלטן ביי איינעם פון די בעטלעך.

— אָט דאָ, חבר קאָמאַנדיר.

דער חבר לעקאָק האָט זיך אָנגעבויגן איבערן געלעגער.

די אויגן־הייטלעך פונם פאַרווונדעטן, אויף וועלכע ס׳איז געפאַלן אַ שאָטן, האָבן אַ ציטער־געטאָן. זיי האָבן געפלאַטערט, ווי אַ פלעמל, וואָס וועט אין אַ רגע אַרום פאַרשווינדן, און די גרויסע, גלאָזיקע אויגן האָבן זיך צעעפנט, און געבליבן רוען אויפן פנים פון חבר לעקאָק. בעת דער באַגעגענונג מיטן באַקאַנטן פנים האָבן די גלאָזיקע אויגן זיך צעגליט מיט אַ שמייכל. די ליפּן האָבן זיך מאַכטלאָז באַוועגט, זיי האָבן אַ פלאַטער־געטון, ווי פליגל, און דורך דעם געוועב פון מויל, האָבן זיי דורכגעלאָזט אַן אומבאַהאָלפן וואָרט:

— דאָס זענט איר, חבר קאָמאַנדיר?... איר זעט? כ׳האָב געברענגט... זיי האָבן מיר דערטרונקן בלויז איין גלאָז, מנוולים...

— האָט ער אַרויסגעכאָרכלט מיט די ליפּן, וואָס זענען שוין בלוי געוואָרן.

דער חבר לעקאָק האָט זיך שווייגנדיק איינגעבויגן איבער אים און די דאָזיקע ליפּן שטיל געקושט מיט אַ ברודערלעכן קוש.

דער חבר לעקאָק האָט דעם מענטש, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ גליקלעכן שמייכל, נישט געזאָגט, אַז אין די פירהונדערט געברענגטע זעק האָט מען אָנשטאָט מעל געפונען — זאַמד.

* * *

אין דריי טעג אַרום האָט די אויסגעהונגערטע באַפעלקערונג פון דער קאָמונע זיך געלאָזן מיט אַ שטורם צו די באַריקאַדן פון דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנישער קאָנצעסיע. די צעשראָקענע דזשענטלמענס האָבן מאָביליזירט אַן אַרמיי פון די פראַנצויזישע קליינבירגער, וואָס האָבן באַוווינט די טעריטאָריע פון דער קאָנ־צעסיע. דער קאַמף אויף די באַריקאַדן האָט געדויערט עטלעכע טעג און ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט באַזונדערער פאַר

ביסנקייט און אכזריות. בעת דעם קאַמף איז געפאַלן דער חבר לצקאָק און נישט באַוויזן צו דערשרייבן זיין געשיכטע פונם פאַרדזשומעטן פאַריז. צוזאַמען מיט אים זענען אויך געהרגעט געוואָרן פיל באַדייטנדיקע אָנפירער פון דער קאָמונע.

דער נייער הויפט-קאָמאַנדיר פון דער כסדר קלענערער אַרמיי פון דער ראַטן-רעפּובליק בעלוויל האָט באַשלאָסן צו שטורמען די באַריקאַדן מיט דער הילף פון דער שווערער אַרטילעריע, אַוועקשטעלנדיק די באַטעריעס אויפן רויטן בערגל. די ענגלישע קאָנצעסיע איז אויפגעפאָדערט געוואָרן זיך אונטערצוגעבן. זי האָט אָפּגעענטפערט נעגאַטיוו.

און ווער ווייסט, וואָס פאַרא געביט פון שרעקלעכע סצענעס, פאַנטאַסטישע מלחמות, ס׳וואָלט נאָך געוואָרן דאָס פיל-שפּראַכיקע, קעמפנדיקע פאַריז, ווען די גוטינקע דזשומע וואָלט נישט איבער-געיאָגט איר קאָנקורענט — דעם הונגער.

דעם 1-טן סעפּטעמבער איז אויף דער טעריטאָריע פון העכער צען מלוכהלעך, וואָס זענען אויף דער מאַפּע באַצייכנט געוועזן מיט דעם ווינציקן, בשותפותדיקן קרייזל פאַריז, — נישט פאַרבליבן קיין איינציקער לעבעדיקער נפש.

דעם זעלבן טאָג האָט די דזשומע קאָנסומירט דעם לעצטן פאַריזער און פּונקט אַזוי פּלוצלינג פאַרלאָזט פאַריז, ווי אומגע-ריפט זי איז אָנגעקומען.

# דריטער טייל

# I

און דאָך איז פאַרבליבן עמעץ, וועמען זי האָט נישט דערזען דורך די דיקע, פעסט־פאַרשפּאַרטע מויערן.

אויף די, דורכן צופלוס פון טויט, פאַרטרונקענע פעלדער פון פאַריז האָבן אויפגעטויכט אין דער שטילער שעה פון אָפּפלוס און געוויגט זיך אויף די אָפּפאַלנדיקע פאַליעס דריי לעבעדיקע מענטשלעכע אינזעלעך, ווי ווייסע זאַמד־פּליכן אויפן טויטן שטח פון וואַסערן.

דאָס זענען געווען די אינזלען פון די ראָבינזאָנס מיט געגאָלטע קעפּ, וואָס זענען פון דער איבעריקער וועלט אָפּגעשניטן געוואָרן דורך דעם קילן גאָלף־שטראָם פון געזעץ.

פאַרלוירענע אין דער דעלטע פון גאַסן, אָפּגעצוימטע דורך דעם כאַראַקטעריסטישן פלויד פון איזאָלירונג, וואָס שפּאַרט פון זייערע ווענט, אונטערגעוואָרפענע אייגענע, אינערלעכע געזעצן פון זעלבשטענדיקע אָרגאַניזמען, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געפינען אין אַ אַנדערער ווירקלעכקייט, האָבן זיי איבערגעהאַלטן לאַנגע וואָכן, אומבאַרירטע, גלייכגילטיקע, ווי מאָדנע, שווייגנדיקע הייזער, וואָס זענען ביינאַכט אָפּגעשווענקט געוואָרן דורך אַ פאַרפלייצונג און שווימען באַגינען־צייט אויף איר אויבערפלאַך פול מיט איינגעשלאָפענע מענטשן, וואָס האָבן קיין אַנונג נישט פון גאָרנישט.

די צעהוישטע תּפיסה־וועכטער, וועלכע האָבן מורא געהאַט פאַר דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און האָבן דערוואַרט עפּעס פאַנ־

טאַקטישע אינסטרוקציעס, האָבן זיי אָרומגעצוימט מיט אַ טאָפּל־טער רייף פון פולשטענדיקער אָפּגעזונדערטקייט. די מורא פאַר דעם, אַז די ידיעה וועגן דער אין דרויסן הערשנדיקער מגפה און וועגן דער אַנטשטאַנענער צעשרויפונג, זאָל זיך נישט אַריינרייסן אין די אָנגעשטאָפּטע תפיסות און זאָל נישט ווערן קיין לאָזונג צו אַ בונט, האָט זיי פאַראַליזירט די צונגען.

באַנוצנדיק וואַסער פון אַנדערע באַסיינען, זענען די תפיסות דורך אַ פשוטן צופאַל נצול געוואָרן פון אָנשטעקן זיך מיט דעם שטערבלעכן באַקציל גלייך פון ערשטן טאָג אָן. די רייך־פאַרזאָרגטע, אייגענע שפּייז־מאַגאַזינען, פאַרבונדן מיט דער שטרענגסטער איזאָלירונג — האָבן געטון דאָס איבריקע.

אַזוי איז געשען דער דאָזיקער פאַקט, דער אומגלויבלעכער, כאָטש אין תוך גענומען, גאָר פשוטער: אין אירע וואַנדערונגען איבער דער שטאָט האָט די דזשומע פיל מאָל באַרירט די הויכע מיטלאַלטערלעכע מויערן, די הערמעטיש־פאַרמאַכטע טויערן פון די מאָדנע אינזלען און געגאַנגען ווייטער אין דער נאַכט, אין חושך, אינם פלאָנטער פון גאַסן און געסלעך.

אין צענטער און אויף דער פעריפעריע פון דער פאַרפעס־טעטער שטאָט זענען פאַרבליבן דריי אומבאַרירטע אינזלען, אָרומגעצוימטע מיט גרעבלעס פון מויערן, ווו ס'האָט געוווינט אַ מאַסע מענטשן מיט געגאָלטע קעפּ, ביי וועלכע מ'האָט צוגע־נומען שוין פון לאַנג די מעגלעכקייט פון אַ באַרירונג מיט דער אויסערלעכער וועלט; די מענטשן האָבן איבערגעוואָרפן זייערע איינ־טאָניקע קרעלן־שנור פון תפיסה־טעג, נישט אָנענדיק אפילו, וואָס עס קומט פאַר אין דער איצטיקער רגע אויף יענער זייט פון די ווענט.

גלייך פון ערשטן טאָג פון דער מגפה האָבן אויפגעהערט דורך די מויערן פון די תפיסות דורכצופליסן ציייטונגען, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ פּראָטעסט און אַ דעמאָנסטראַציע פון די אַרעס־טירטע, און ווען די דעמאָנסטראַציע האָט נישט געבראַנגט קיין רעזולטאַט, האָט מען אָנגעהויבן אַ הונגער־שטרייק. דער הונגער־שטרייק האָט געדויערט פיר וואָכן און, נישט אויספירנדיק גאָר־נישט, לסוף זיך פאַרענדיקט מיט אַ קאַפּיטולאַציע. דער איינצי־

קער רעאַלער רעזולטאַט איז געווען דאָס, וואָס מ׳האָט איינגע־שפּאָרט שפּייז, און די זאַפּאַסן האָבן אַדאַנק דעם געקאָנט סטאַיען אויף נאָך עטלעכע טעג.

נאָך דעם, ווי מ׳האָט פאַרהאַלטן די צייטונגען איז בהדרגה געקומען אַ פאַרערגערונג און פאַרקלענערונג פון די פּאָרציעס פונם תפיסה־עסן. די אַרעסטאַנטן, אויסגעמאַטערטע פונם הונגער־שטרייק, האָבן דאָס באַטראַכט אַלס רעזולטאַט פון פאַרשאַרפטן טורמע־רעזשים. די פאַרערגערטע קעסט איז נאָך עטלעכע מאָל געווען די סיבה פון לענגערע, אָדער קירצערע הונגער־שטרייקן, וואָס האָבן ווידער איינגעשפּאָרט שפּייז־זאַפּאַסן, און דערמיט אָפּגערוקט דעם טאָג פון דער ענדגילטיקער לעזונג.

די פּאָרציע איז מיט יעדן טאָג געוואָרן קאַרגער. די קליינע גרופּע תפיסה־וועכטער, וואָס איז צוזאַמען מיט די אַרעסטאַנטן פאַרמאַכט געווען אין די דאָזיקע אומווילקירלעכע תיבות אויף די פּאַליעס פונם אַלגעמיינעם מבול, האָבן צוליב מורא פאַר נקמה אויף אייגענער האַנט אָפּגעשאַפן די פאַרגעשרי־בענע שפּאַצירן און נישט געוואַגט די צעיושעטע מענטשלעכע מאַסן אַרויסצולאָזן פון די קאַמערן.

באַרויבט פון זיינע עלעמענטאַרע פּריווילעגיעס האָט דער המון, אַ צונויפגעקוועטשטער אין די ענגע פעסלעך פון קאַמערן, אָנגעהויבן פּערמאַנענטירן, דראָענדיק אַ לאַדע ווייל זיי אויפצורייסן. די קאַמערן, וואָס זענען צוליב די לעצטע רעפּרעסיעס צענפאַך איבערגעפּולט געוואָרן, האָבן געטרעשטשעט אין זייער שטיינערנער באַהעפטונג.

די צעשראָקענע תפיסה־וועכטער האָבן מיט פּחד געקוקט, ווי עס ענדיקן זיך די פּראָוויאַנט־זאַפּאַסן. די סכנה פונם אומ־פאַרמיידלעכן טויט פון די הענט פון די פאַרצווייפלטע אַרעס־טאַנטן, וואָס האָבן אַ לאַדע רגע געקאָנט אַרויסרייסן פון די זאַוויאַסעס די פאַרריגלטע טירן, האָט זיי אונטערגערוקט דעם געדאַנק, אַז די איינציקע רעטונג איז אַנטלויפן אין שטאָט. די שרעק נאָר דער מגפה, וואָס בושעוועט מחוץ די מויערן, האָט זיי אָבער צוגעשמידט צום אָרט.

די לעזונג איז געקומען פון זיך אליין.

דעם 4-טן סעפטעמבער, דאָס איז אויפן פערטן טאָג נאָך דעם, ווי די דזשומע האָט פאַרלאָזן פּאַריז צוזאַמען מיט דער נשמה פונעם לעצטן פּאַריזער, האָט דער אויסגעהונגערטער המון, וואָס האָט זיך געפינען אין דער תפיסה פרעסנע, ארויסגעבראָכן צוזאַמען מיט די פּוטרינעס די קאַמער-טירן און זיך צעגאָסן איבערן תפיסה-בנין. די באַהאַלטענע וועכטער אויפן בוידעם האָט מען אויסגעשאָסן. אַרום צען אינדערפרי האָט דער צעבראַוזטער המון דורך דעם אויפגעריגלטן טויער אַרויסגעשטראָמט אויפן פּלאַץ.

צו זיין גרויסער פאַרוווּנדערונג האָט אים נישט פאַרשטעלט דעם וועג קיין מיליטערישער קאָרדאָן און נישט די פּאָליציי. גיכער באַאומרויקט דערמיט, ווי דערפרייט, איז דער המון אין שווייגן געשווומען אין דער זייט פון שטאָט און אין ערגעץ נישט אָנגעטראָפן קיין לעבעדיק נפש.

עמעץ האָט געוואָרפן אַ לאָזונג צו באַפרייען די פופצן טויזנט אַרעסטאַנטן, וואָס זענען פאַרשפּאַרט אין דער תפיסה סאַנטע. די אויפגעהעצטע מאַסע האָט זיך געלאָזן אין דער ריכטונג פונעם אַראַגאָ-בולוואַר. דאָס תפיסה-טויער איז אויפגעריסן געוואָרן מיט שטורעם, איידער ס'האָט נאָך באַוויזן פון הינטן אָנצוקומען ניי הילף. די צעחושטע תפיסה-וועכטער האָט מען אויסגעהרגעט ביז איינעם.

דערוויסנדיק זיך וועגן דער אומגעריכטער הילף האָבן די אַרעסטאַנטן אויסגעבראָכן די טירן פון די קאַמערן און זיך אַרויסגעשיט אויף די הויף. פון די ענגע איבערגעפולטע הויף-דייזשעס איז די גרויע מאַסע ארויס אויפן אַראַגאָ-בולוואַר.

אויפן אַראַגאָ-בולוואַר האָט דער המון געבילדעט אַ צוג און געדרענגט זיך אַרויפצו מיט אַ געשלאָסענעם וואַל. עמעץ האָט דער ערשטער אָנגעהויבן זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". פון דער איינזאַמער, נישט דרייסטער שטימע, ווי פון אַ אין שאַפט אָנגעצונדן שוועבעלע, האָט מיט אַ פלאַם פון געזאַנג אַרויסגעזעצט דער אַלקאָהאָל פון אַכט און צוואַנציק טויזנט שטימען. אָנגעשוואָלן, ווי אַ וואַסער, בלייערנער וואָלקן, האָט

דער המון זיך פּלוצלינג אויסגעלאָדן אינם רעגן פון געזאַנג. ווי אין אַ דושנעם, הייסן טאָג, אַז מ'הערט אַ זשוש, דאַכט זיך, דאָס קנאַקן פון פונקען אין די האָר, האָט פּלוצלינג אַ שמעק געטון מיט פייכטקייט פון צעווייקטער ערד אונטער די דערפרישנדיקע שטראָמען פון אָט דעם רעגן. דאָס געזאַנג איז מיט אַ לאַנגן ציטער פון עלעקטרישן שטראָם דורכגעלאָפן פון קאָפּ ביזן עק דורכן לייב פונם ריזיקן מאַסן-שלאַנג, באַהעפטנדיק אויפן וועג די צעזייטע מענטשלעכע קעמערלעך אין איין עלאַסטישן אָרגאַניזם, וואָס ווערט דערנערט דורך דער אַרטעריע פונם איינהייטלעכן ריטם. נאָך יעדער באַוועגונג פונם נישט זעבאַרן טרייב-ראָד האָבן אַכט און צוואַנציק טויזנט פוס אין טאַקט געקלאַפּט אָן דער האַרטער שאָל פון ברוק, און אונטער דעם קורצן קוש פון די טריט האָט די ערד געשפּריצט מיט פונקען.

דער אומגעוויינטלעכער צוג, די דעמאָנסטראַציע פון די אויסגעמאַטערטע מענטשן מיט געגאָלטע קעפּ און גרויע תפיסה־קליידער, האָט זיך באַוועגט אין דער טויטער שטילקייט פון דער אויסגעשטאָרבענער שטאָט, דורכן שטומען טאָל פון בולוואַר, אָן טראַנספּאַרענטן, נאָר מיט דער הויך איבער די קעפּ אויפגעהויבענער רויטער פאָן פון דער זון, און אין די פוסטע גאַסן־שפּאַרונעס האָט ווונדערלעך דראָענד געקלונגען אָט דאָס געזאַנג פון נקמה, דאָס געזאַנג פון דער לעצטער שלאַכט, וואָס האָט מיטן רעפריין, פּונקט ווי מיט אַ קאָלבע, געקלאַפּט אין די פוסטע, פאַרהאַקטע פענסטער.

ביים אויסגאַנג פון בולוואַר מאָנפּאַרנאַס האָט דער שפּיץ פונם צוג זיך פּלוצלינג פאַרקנוילט אויפן אָרט, און דער גאַנצער שלאַנג, וואָס איז פאַרהאַלטן געוואָרן אין גאַנג, האָט זיך צעפּאַליעט מיט טויזנטער רינגען.

דער המון האָט אויפגעציטערט ביים אָנבליק פון בילד, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר זיינע אויגן, גלייך ווי צו זיין אַנטבלויזט האַרץ וואָלט זיך צוגערירט די קאַלטע לאַפּע פון אימה.

אויף די ווענטאַנדעס פון די קאַפּען, אין די געפּלאַקטענע שטולן, אויף די טראָטואַרן און אויפן ברוק, זענען געלעגן מענטשלעכע גופים, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן פוילן, אין אויס־נעקרומטע, אומפאַרשטענדלעכע פּאָזעס, אַזוי, ווי ס׳האָט זיי אָנ־געטראָפן דער טויט.

פאַרכאַפּט פון דער אימה האָט דער צוג אין שווייגן גע־רוקט זיך ווייטער.

פון די פאַרשידנפאַרביקע אויפרופן און דעקרעטן, וואָס האָבן געקלעבט אויף די מויערן פון די קוואַרטאַלן — מלוכהלעך, וועלכע זיי זענען בהדרגה פאַרבייגעגאַנגען, האָט פאַר דעם שטוינענדיקן המון אָנגעהויבן קלאָר ווערן די געשיכטע פון די לעצטע זעקס וואָכן אין איר גאַנצער גראַטעסקער אימה.

דער צוג איז אַרויס אויף די גרויסע בולוואַרן און אומעטום אָנגעטראָפן דאָס זעלבע בילד פון אומצייליקע הויפן מתים, פאַרקוקטע אינם ליידיקן הימל מיטן גלאָז פון מיליאָנען אויגן.

ביים סוף פון בולוואַר האָוזמאַן האָט דער המון זיך צעטיילט אויף צוויי אָפּצווייגונגען און איינע איז אַוועקגעשווו־מען אין דער ריכטונג פון דער תפיסה סען־לאַזאַר. די פאַר־מאַכטע תפיסה־מויערן האָבן מיט אַ טויב שווייגן באַגעגנט די דעמאָנסטראַנטן. מ׳האָט זיי קוים אויפגעבראָכן מיט דער הילף פון אייזערנע שינעס, וועלכע מ׳האָט געבראַכט פון וואָקזאַל. אינעווייניק האָט קיינער נישט געפּרוווט שטעלן קיין ווידער־שטאַנד. ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן איז די דינערשאַפט, אין שרעק פאַר נקמה, נאָך מיט פיר טעג צוריק אַנטלאָפן אין שטאָט אַריין, איבערלאָזנדיק אין די קאַמערן דריי טויזנט פרויען, פאַר־משפּטע אויף הונגער־טויט. די פאַרשפּאַרטע פרויען האָבן שוין זינט צען טעג נישט גענומען גאָרנישט אין מויל אַריין.

דורכנישטערנדיק דעם הויף פון סען־לאַזאַר, האָט מען אין זיינע מאַגאַזינען און רעמיזעס אומגעריכט געפונען רייכע שפּייז־זאַפּאַסן, וואָס זענען דאָרט אָנגעזאַמלט געוואָרן דורך דער טיכ־טיקער רעפּובליק, דורך דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנישער קאָנצעסיע.

דער אויסגעטײַלטער אַפּראָוויזאַציע־קאָמיטעט האָט זיך פאַרנומען מיט דער שפּײַז־פאַרטײלונג.

פונם פּלאַץ סען־לאַזאַר זענען פונאַנדערגעלאָפן פּאַטרולן איבער דער שטאָט, כּדי דורכצופירן אינספּעקציעס אין די איבעריקע תּפֿיסות. פאַרנאַכט־צו זענען די פּאַטרולן, אײנער נאָכן צווייטן, צוריקגעקומען מיט גאָרנישט. די תּפֿיסות האָט מען געטראָפן אָפענע, פול מיט פוילנדיקע גופֿים פון פאַרדזשומעטע. אויפן גאַנצן שטח פון פּאַריז איז נישט פאַרבליבן אפילו קיין איין לעבעדיק נפֿש.

דערווײַל איז צוגעפאַלן די נאַכט און דער צוויי און דרײַסיק טויזנטדיקער המון, נישט באַנוצנדיק די וווינונגען, וואָס זענען פול געווען מיט פוילנדיקע גופֿים פון די פאַרדזשומעטע, האָט זיך אין אַ לאַגער צעלייגט אויף די בריקן, און אין דער נאַכט צווי ... אַרויסגערוקט די שלאָפלאָזע טאַפּ־פינגער פון וואַך־פּאָסטנס.

## II

צומאָרגנס אינדערפרי האָט זיך אויף גיך צונויפגעקליבן אין גרויסן זאַל פון קריגס־מיניסטעריום דער אויפסנייִ קאָנסטיטואירטער צ. ק. פון דער פּאַרטיי.

ס׳איז געווען אַ זוניקער, כּמעט אַ פרילינגס - טאָג. אַרום אַ לאַנגן, גרינעם טיש, וואָס האָט אויסגעזען, ווי גראָז צעטראָטן דורך אַן אויספלוג, אויף וועלכן ס׳געפינען זיך דאָ און דאָרט צעוואָרפענע שטיקלעך פּאַפּיר, ווי שאָלן פון אייער, זענען געזעסן דרייצן מענטשן אין גרויע תּפיסה-בלוזעס. דורך די ברייט צעעפנטע פענסטער, וואָס גייען אַרויס אויפן שלום-פּלאַץ, האָט אָן שום צערעמאָניעס זיך אריינגעריסן די זון און דער דערשטיקטער געפילדער פון די מאַסן, וואָס האָבן געמיטינגט אויפן פּלאַץ פאַרן בנין. די דאָזיקע אַטמאָספער פון כּמעט פרילינגדיקער מילדקייט, וואָס איז געווען דורכגעפלאָכטן מיט ווייטע דונערן פון המון-געפילדער און מיט אַ געדיכטן, גיסנדיקן רעגן פון אַפּלאָדיסמענטן, וואָס האָבן זיך פלוצלינג אַ גאָס-געטון, כּדי אין אַ רגע אַרום אויפצוהערן, האָט אָנגעווייעט האָפערדיקע רעיונות.

ס׳האָט גערעדט דער סעקרעטאַר פון צ. ק., חבר קוראָ:

— מיר קאָנען נישט זײַן זיכער, צי די דזשומע האָט נישט באַוויזן זיך אויסצושפּרייטן איבער די גרענעצן פון פּאַריז. אָבער אויפן סמך פון די ביז איצטיקע ידיעות, ווייזט זיך אַרויס, אַז פּאַריז איז ווי פריער פעסט אַרומגערינגלט דורך מיליטערישע קאָרדאָנען, וועמענס אויפגאַבע ס׳איז לגמרי צו איזאָ-

פירן די שטאָט פונם איבעריקן אייראָפּע. דאָס וואָלט געווען אַ סימן, אַז ס׳איז געלונגען די דזשומע צו לאָקאַליזירן. ס׳איז נישטאָ קיין שום ספק, אַז אין מאָמענט, ווען די רעגירונג און דאָס מיליטער, וואָס רינגלט אונז אַרום, וועלן זיך נאָר דערוויסן, אַז אין דער הויפּט־שטאָט איז שוין אויסגעגאַנגען די מגפה, וועלן זיי דעם אַנדערן טאָג אַריין קיין פּאַריז און צוריק אַריינשליידערן אין די תפיסות דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז באַפרייט געוואָרן פאַרן פּרייז פון אַזוי פיל ליידן. מיר טאָרן בשום אופן נישט דערלאָזן דערצו. אויב אַ דאַנק געוויסע טראַגישע אומשטאַנדן געפינט זיך פּאַריז אין אונזערע הענט, האָבן מיר נישט דאָס רעכט די שטאָט צוריק אָפּצוגעבן אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטן און עקספּלואַטאַטאָרן.

— אויף וואָס פאַראַ אופן, אויב מ׳קאָן פרעגן — רעכנט איר זיך אין איר צו דערהאַלטן? — האָט צופּנדיק נערוועז דאָס שיטערע בערדל, איבערגעריסן דער חבר מאַזשוזאַ — מיט אַ דרייסיק טויזנטדיקער אַרבעטער־מאַסע, וואָס איז אויסגעשעפּט פון הונגער, קאָנען מיר, דאַכט זיך, נישט טרוימען וועגן שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער רעגולערער אַרמיי, וואָס רינגלט אַרום פּאַריז פון אַלע זייטן. מיר האָבן נישט דאָס רעכט צו פירן צו דער שחיטה די אויסגעפּייניקטע רעשטלעך פונם פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט.

— דערלויבט מיר צו ענדיקן, חבר. איינהאַלטן פּאַריז אין אונזערע הענט קאָנען מיר אויף אַ זייער פּשוטן אופן אָן שום באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, וואָס שטייגט אַריבער אונזערע שוואַכע כוחות. מ׳דאַרף נאָר פאַר יעדן פּרייז ווי אַמלענגסטן לאָזן די וועלט און פראַנקרייך אין דער איבערצייגונג, אַז די דזשומע אין פּאַריז בושעוועט, ווי פריער און זי האָט לחלוטין נישט בדעה אויפצוהערן. ס׳וועט גענוג זיין צו דעם צוועק צו באַזעצן די ראַדיאָ־סטאַציע פונם אייפל־טורם מיט אונזערע מענטשן און יעדן אינדערפרי אַדורכשיקן פון דאָרט ביולעטינען אויף אַלע פיר עקן פון דער וועלט, וועגן די אומאויפהערלעכע חורבנות וואָס די דזשומע, מכלומרשט, הערט נישט אויף צו מאַכן אין

דעם אָפּגעצוימטן פּאַריז. כּל־זמן די רעגירונג און דאָס מיליטער וועלן איבערצייגט זיין דערין, אַז די מגפה פֿאַרשפּרייט זיך אין דער הויפּט־שטאָט מיט דער אַמאָליקער קראַפֿט, אַזוי לאַנג וועלן זיי זיך נישט וואַגן אַפילו אויף קיין טריט צו דערנענטערן צו דער שטאָט.

— איר פֿאַרגעסט, דאַכט זיך, חבר, וועגן דעם, אַז די פּאַריזער באַפֿעלקערונג איז, צום באַדויערן, באַגרעניצט אין דער צאָל, און אַז איינע און די זעלבע מענטשן שטאַרבן דאָך נישט צו צוויי מאָל — האָט זיך צעשמייכלט דער חבר מאַזשוע. — אַ פּשוטער אַריטמעטישער חשבון וועט זיי הייסן זיך משער זיין, אַז אין פּאַריז האָט שוין פֿון לאַנג נישט באַדאַרפֿט בלייבן קיין לעבעדיק נפֿש.

— כ'גלייב נישט. אויב מיר וועלן די ידיעות ווי געהעריק און מיט מאָס גראַדויִרן, וועלן מיר אַלנפֿאַלס אייראָפּע קאָנען האַלטן אין דער דאָזיקער איבערצייגונג דורך אַ לענגערע צייט. מיר מוזן טראָפֿן נאָך טראָפֿן איינפֿלאַנצן אין לאַנד די איבערצייגונג, אַז לאַנגע חדשים נאָך, און ווער ווייסט, אפֿשר גאָר יאָרן, וועט פּאַריז פֿאַרבלייבן אַ געפֿערלעכער צענטער פֿון אָנשטעקונג, און אַז אַלע אירע איינריכטונגען זענען אַזוי שטאַרק פֿאַרניכטעט געוואָרן, אַז ס'וועלן זיך פֿאָדערן מיליאַרדיקע קאַפּיטאַלן און יאָרן אַרבעט, כּדי זיי צו ברענגען אין זייער פֿריערדיקן מצב. איך פֿאַרזיכער אייך, אַז קיין שום זאַך ווירקט נישט אַזוי איבערצייגנדיק, ווי געוווינהייט. מענטשן, וואָס האָבן אין די ערשטע טעג פֿון דער וועלט־מלחמה נישט געקאָנט זיך פֿאָרשטעלן, אַז די מלחמה זאָל קאָנען לענגער דויערן ווי פֿיר וואָכן, האָבן צום סוף פֿון פֿערטן יאָר בכלל אויפֿגעהערט גלייבן, אַז זי קאָן זיך ווען ס'איז ענדיקן, ווייל זיי זענען צוגעוווינט געוואָרן דעם דאָזיקן צושטאַנד צו באַטראַכטן פֿאַר אַ נאַטירלעכן, אויב נישט פֿאַר דעם איינציק מעגלעכן.

— איר ווילט, הייסט עס, ווי איך זע, מאַכן פֿון אונז עפּעס אַ מין ראָבינזאָנס אויף אַ וויסטן אינזל, וואָס זענען פֿאַרמשפּט במשך פֿון לאַנגע יאָרן צו כאַפּן פֿיש אין דער

סעקוואַנע און פאַנגען מאַלפּעס אינם בולאָנער וועלדל — האָט געהוזקט דער חבר מאַזשוא — איך זע נישט קיין צוועק אין דער גאַנצער מיסטיפיקאַציע.

— דערלויבט מיר, חבר, — האָט זיך פלוצלינג אָנגערופן דער חבר מאַראַק, א ברייטביינערדיקער מאַנספּערשוין מיט אַן איינגעפאַלן און קאַנטיק פּנים, דער טשעמפּיאָן פון די תּפיסה הונגער־שטרייקן, וואָס קאָן געבן א וואָך „פּאָר" יעדן איינעם פּראָפעסיאָנעלן הונגערער.

אַלע האָבן זיך געווענדעט אין זיין זייט.

— ס'דאַכט זיך מיר, אַז כ'פאַרשטיי דעם געדאַנק פון חבר קוראָ. בעת איך האָב היינט באַטראַכט דעם צושטאַנד פון דער ראַדיאָ־סטאַציע אויפן אייפל־טורם, איז מיר איינגעפאַלן דער זעלבער געדאַנק: מיר דאַרפן האַלטן אייראָפּע ווי אַמלענגסטן אין דער איבערצייגונג, אַז די דזשומע האָט אין פּאַריז נישט אויפגעהערט. דערווייל געמען מיר איבער די שטאָט און אָר־גאַניזירן אין איר א מוסטערהאַפטע קאָמונע. אינמיטן פון פראַנק־רייך, אין האַרץ פון אייראָפּע, פאַרבייטן מיר די וועלט־מעטראָפּאָליע אין אַ ריזיקע קאָמוניסטישע שטאָט, אין א צענ־טער און א קעמערל, פון וואַנען אונזער אָרדנונג וועט זיך צעשטראַלן איבערן גאַנצן קאָנטינענט. אינם מאָמענט, ווען מיר וועלן שוין זיין ווי געהעריק אָרגאַניזירט, וועלן מיר נישט וואַרטן ביז וואַנען מ'וועט אַנטדעקן אונזער מיסטיפיקאַציע — נאָר איבער די קעפּ פונם מיליטער, וואָס רינגלט אונז אַרום, וועלן מיר די ערשטע זיך ווענדן מיט אַ רוף צו די אַרבעטער און פּויערים פון פראַנקרייך און פון דער גאַנצער וועלט. לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז הינטער דעם מיליטער, וואָס בלאָקירט אונז, געפינען זיך מאַסן פונם פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט און אַז דער רוף, וואָס האָט נישט דערגרייכט צו זיי פון מזרח, ווייל ער איז פאַרטויבט געוואָרן דורכן פּייף, געבריל און דזשאַז־באַנד פון קאַפּיטאַליסטישן אָרקעסטער, וועט אַ געשליידערטער פונדאַנען, פון פּאַריז, אויפטרייסלען גאַנץ אייראָפּע. צי האָב איך גוט פאַרשטאַנען אייער געדאַנק, חבר קוראָ?

פונם פיעדעסטאַל פון דער בתולה, וואָס שטעלט פאַר שטראַסבורג, האָט גערעדט אַ וואָנסיקער מענטש אָן אַ האַנט:

— איך, חברים, האָבן געוואָלט זאָגן אַ וואָרט מכוח די חברים, וואָס זענען פון דער קרימינאַל־בראַנזשע. ס׳וועט זיין צווישן אונז אַן ערך דריי טויזנט חברים־גנבים, וואָס זענען אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון די תפיסות צוזאַמען מיטן איבעריקן פּראָלעטאַריאַט. מיר, חברים, וועלן זיי נישט שלעפּן איבער די געריכטן. כאָטש דאָס זענען אייגנטלעך פאַרברעכער, ווי זיי זאָגן עס, נאָר פאַרברעכער, קאָן מען זאָגן, לגבי דער אַמאָליקער בורזשואַזער מלוכה, און ווער מען האָט מען דאָס דאַמאָלס נישט באַטראַכט פאַר קיין פאַרברעכער? נישט איינער האָט פון הונגער, פון נויט, אָדער פון אַרבעטסלאָזיקייט ערגעץ צוגעלקחנט אַ פונט וורשט, אָדער עפּעס אַ שינקע, נישט אמת? אַזעלכן האָט דאָס האַריקע קלאַסן־געריכט אַריינגעפּאַקט גלייך — אין חד גדיא אַריין! אַ גנב און פאַרטיק. מיר, חברים, וועלן זיך דאָרט נישט שפּילן אין אַזעלכע קלייניקייטן. אַז רעוואָלוציע, איז רעוואָלוציע, דאָס הייסט — פרייהייט פאַרן גאַנצן פּראָלעטאַריאַט אָן שום אונטערשיד און אויסנאַם, וואָס? בעסער געזאָגט: די אַלטע עבירות, וואָס פאַראַ זיי זאָלן דאָרט נישט זיין — קאָן מען זאָגן — אַמנעסטיע און פטור. פון היינט אָן אַלץ אויפנײַ, לויט אונזער שטייגער. דאָס, וואָס ס׳איז געוועזן און ס׳איז נישט — פאַרשרייבט מען נישט אין דער רשימה, ניין? אָבער, חברים, ווען די חברים־גנבים, ווי זיי זאָגן עס, באַקומען אַלע בירגער־רעכט און אַזוי ווייטער, טאָ זאָלן זיי אויך אונז באַווייזן זייער פּראָלעטאַרישע אָפּשטאַמונג. מיר האָבן מיט דער בורזשואַזיע געהאַט פאַרשידענע חשבונות און מיר האָבן זיך גענוג אָנגעליטן פון זיי — ס׳האָט זיך אַלץ אויסגעגלייכט אויף ריין. איצטער זענען מיר אַלע דיזעלבע אַרבעטער, פּראָלעטאַריער און פאַרטיק. באַגנבענען דעם פאָלקס־פאַרמעגן, נישט וואַג זיך! מיר, חברים, האָבן נישט קיין צייט זיך צו שפּילן מיט דעם. יעדער אַטענטאַט אויף דעם קאָמונאַלן פאַרמעגן, וועט דורך דער פּראָלעטאַרישער מאַכט באַשטראָפט ווערן אָן וואַקלעניש. זאָלן די

חברים־גנבים ווען דעם גוט געדענקען, וואָס ס׳איז געוועזן, איז געוועזן, נאָר פון היינט אָן מוז עס ווערן אַנדערש. ביי אונז, חברים, באַדאַרף מען נישט קיין פּראָצעסן און קיין גע־ריכטן. מיר וועלן כאַפּן אַ גנב — ער האָט באַגנבעט אונזער קאָמונאַלן פאַרמעגן — גלייך אים אונטערן ווענטל! מיר דאַרפן זיך נישט שפּילן אין קיין פּאָליציי.

— ער רעדט גוט!

— ס׳איז נאָך וויניק פּאַראַן, אַרבעט מ׳דאַרף נאָך גאָר זיי גיין היטן!

— מיר האָבן זיך נישט פאַרדונגען צו זיי פּאַר קיין פּאָליציאַנטן.

— אויב זיי ווילן מיט גוטן — איז פאַראַן גענוג אַרבעט, ס׳פאַרשטייט זיך ס׳וועט סטאַיען פאַר אַלעמען. ווילן זיי נישט — מ׳צווינגט נישט קיינעם. צום ווענטל — און פאַרטיק.

— אָט דאָס טאַקע, חברים, האָב איך געוואָלט זאָגן. דאָס זענען שוין, ווי מ׳זאָגט דאָס, אונזערע פאַמיליע־ענינים. דעם צ. ק. דאַרף מען דערין נישט אַריינמישן, זיי האָבן גענוג זייער אייגענע אַרבעט. און דרוקן מודעות וועלן מיר נישט וועגן דעם און אויך נישט צום צווייטן מאָל איבערחזרן. גע־זאָגט און געטון. פאַרטיק, ניין?

דער וואָנסיקער רעדנער איז אַראָפּגעשפּרונגען פונם פּיע־דעסטאַל, באַגלייט מיט אַפּלאָדיסמענטן.

דער חבר מאַזשוואַ האָט זיך צעשמייכלט, און אַ לוסטיקער איז ער אַוועק פונעם פענסטער. אַ נייער אויפרייס פון אַפּלאָ־דיסמענטן און דער דונערדיקער „געררעכט!" האָבן אים נישט ווילנדיק צוגעקלעפּט צום לעצטן פענסטער. דער חבר מאַזשוואַ האָט בגנבה אַ בליק־געטון אין דער זייט פון טיש.

דיפּי האָט נאָך אַלץ רעציטירט זיין באַריכט. מאַזשוואַ האָט אויף די פינגער זיך דערנענטערט צום לעצטן פענסטער, און אָנשפּאַרנדיק זיך אָן פאַראַפּעט, אָנגעשטעלט דאָס אויער.

אונטן, אויף אַ הילצערנעם קאַסטן, וואָס האָט פון

דער חבר קורא האָט געגעבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ.

נאָך אַ רגע שווייגן, האָט גענומען אַ וואָרט דער חבר דיפּי, וועלכער האָט זיך ביז איצט געהאַלטן פונווייטנס:

— דער פּלאַן פון די חברים קורא און מאַראַק איז אַ זער שיינער, איך האָב אָבער מורא, אַז ער איז נישט אויספיר-באַר. די חברים קורא און מאַראַק נעמען נישט אין אַכט איין ביטערן, אָבער דאָך רעאַלן אמת: בכדי אויסצוהאַלטן לאַנגע חדשים אינם רינג פון קאָרדאָן, איז נישט גענוג, אַז איראָפּע זאָל אונז לאָזן צורו. מ׳דאַרף אויך האָבן וואָס צו לייגן אין מויל אַריין. מ׳דאַרף דערנערן צוויי און דרייסיק טויזנט מענטשן, וועלכע האָבן זיך שוין צו דער זעט אויסגעהונגערט אין די תפיסות, און וועלכע זענען שוין נישט פעיק מער צו הונגערן. דער חבר דיפּי, וועלכער האָט היינט דורכגעפירט אַ קאָנטראָל אין די שפּייז-מאַגאַזינען, וואָס זענען אַנטדעקט געוואָרן אויף דער טעריטאָריע פון דער שטאָט, וועט אַמבעסטן אונז קאָנען אינפאָרמירן וועגן דעם צושטאַנד פון די זאַפּאַסן און וועגן דעם, ווי לאַנג זיי קאָנען סטאַיען אויף צו שפּייזן אונזער קאָמונע.

אַלעמענס אויגן האָבן זיך געווענדעט אין דער זייט פון חבר דיפּי.

דער חבר דיפּי, וועלכער האָט זיך געשפּילט מיט דער בלייפעדער און געקלאַפּט מיט איר צום טאַקט איבערן טיש, האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אַן איינטאָניקן, פּעדאַנטישן קול, גלייך ווי ער וואָלט רעציטירט אַ ראַפּאָרט, וועלכן ער האָט זיך אויס-געלערנט פון אויסנווייניק:

— מיר האָבן נישט באַוויזן אין משך פון היינטיקן טאָג דורכצופירן אַ קאָנטראָל איבער אַלע זאַפּאַסן. אויפן הויף פון סען-לאַזאַר האָבן מיר געפונען גרעסערע זאַפּאַסן מעל און צו-קער. צוזאַמען אַן ערך פיר הונדערט טאָן. אין די עלעוואַטאָרן האָט מען געפינען צוועלף הונדערט טאָן ווייץ. גרעסערע אָדער קלענערע פּראָוויאַנט-זאַפּאַסן, הויפּטזעכלעך קאָנסערוון און מאַ-קאַראָן, האָט מען געפונען אין די קעלערן פון די פאַבריקן פון

שפייז און פלייש-פראָדוקטן. אין די קעלערס פון פיל פריוואַטע וווינונגען אין די קוואַרטאַלן: עטואַל, גרויסע בולוואַרן, סען־זשערמען און פּאַסי האָט מען אָנגעטראָפן אויף גרויסע זאַפּאַסן מעל, רייז און צוקער. די איינוווינער, וואָס האָבן זיך געשראָקן פאַרן הונגער האָבן, ווייזט אויס, אָנגעזאַמלט די זאַפּאַסן. דעם געבוייצן סכום פון די דאָזיקע פּראָדוקטן וועט מען ערשט קאָנען פעסטשטעלן נאָך אַ גרינטלעכער רעוויזיע. דער אַלגעמיינער סכום פון שפייז, וואָס איז אַנטדעקט געוואָרן אין משך פון היינטיקן טאָג איז בערך צוויי טויזנט טאָן. ווען מיר רעכענען, אַז אַ דורכשניטלעכער מענטשלעכער אָרגאַניזם, מוז האָבן טעג־לעך, כדי צו דערהאַלטן זיךביים לעבן: 82 גראַם אייווייס 100 גר. פעטס, 310 גר. קוילנוואַסערשטאָף און 26 גר. וויטאַ־מינען, וואָס ס'באַדייט אויף אַפּראָוויזאַציע-ציפערן דורכשניטלעך 350 גראַם בלויז ברויט טעגלעך אויף אַ מענטש, בעת עס פעלן אַנדערע אַרטיקלען, דאַן וועלן די זאַפּאַסן, וואָס זענען ביז יעצט אַנטדעקט געוואָרן, כדי צו דערנערן צוויי און דרייסיק טויזנט מענטשן, סטאַיען הנ׳כסטנס אויף פיר, אָדער פינף חדשים. ס'פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז אוממעגלעך פאָרויסצוזען וויפל שפייז מיר וועלן נאָך געפינען אין די פאַבריק-קעלערן און אין פריוואַט-וווי־נונגען.

דורך די פענסטער האָט, פאַרטויבנדיק די ווערטער, אַ גאָס-געטון אַ שטראָם פון אַפּלאָדיסמענטן.

דער חבר מאַזשוא האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, אַ פאַר־טראַכטער זיך דורכשפּאַצירט איבערן זאַל און איז שטיין-גע־בליבן ביים פענסטער. אונטן האָט דער אויסגעפּילטער פּלאַץ זיך געראָיעט מיט קעפּ. דער המון האָט אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג. די רעד־נער האָבן זיך פלינק אַרויפגעדראַפּעט אויף די משופּיקע פּאָס־טומענטן פון די אַכט סימבאָלישע בתולות-שטעט, און פון דאָרט אין דער מאַסע, אין די פון אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט צעעפנטע מיילער מיט פולע פויסטן געוואָרפן פּאַסטילקעס פון שטאַרקע, דרייסטע ווערטער, פון וועלכע ס'קיצלט אין דער נאָז און דער קאָפּ דרייט זיך, ווי שיכור.

אונטן האָט דער פּלאַץ געררוישט מיט צענדליקער טויזנטער שהיצטע שטימען.

דער חבר מאַזשוּש האָט אָוועקגעוואָרפן דעם פּאַפּיראָס און פאַרנומען זיין אָרט ביים טיש. אין די אָנגעשטרענגטע פּנימער פון די קאָמיטעט־מיטגלידער האָט ער דערקענט, אַז ער איז געקומען שוין צום לעצטן אַקט. דאָס פּנים פונם רעדנער, וואָס איז אויסגעדרייט געוועזן צו אים מיט די פּלייצעס, האָט ער נישט געזען, אָבער אָן דער רויער שטימע האָט ער דאָך דערקאָנט מאַראַקן.

— חברים, אין אַ רגע אַרום וועלן מיר אָפּשטימען דעם פאָרשלאַג פון חבר קוראָ. פונם דאָזיקן רעזולטאַט קאָן אַמאָל זיין אָפּהענגיק דער גורל פונם פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט, דער גורל פון גאַנץ אייראָפּע. זאָל יעדער איינער פון אייך שטימען, ווי ס'דיקטירט אים זיין אייגן געוויסן. צי האָבן מיר דאָס רעכט, כּדי צו ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן און דאָס לעבן פון דרייסיק טויזנט אונזערע חברים, האָפנדיק אויף אַ באַגנעדיקונג און אַמנעסטיע, איבערצוגעבן זיי אין די הענט פון דער רעגירונג פון פאַבריקאַנטן און אימפּעריאַליסטן. צי האָבן מיר דאָס רעכט אַדורכצולאָזן דעם מאָמענט פון איינציקן קאַטאַקליזם אין דער מענטשלעכער געשיכטע, וואָס האָט אין אונזערע הענט איבערגעגעבן פּאַריז, ווו דער בעזים פון מגפה האָט אויסגעקערט די בורזשואַזיע און די רייכע? צי האָבן מיר דאָס רעכט צוליב דער שרעק פאַר הונגער, נויט און איזאָלאַציע אין די קלאַמערן פון דער בלאָקאַדע, אָפּצוזאָגן זיך פון דער מעגלעכקייט אין צענטער פון אייראָפּע, אויפן אָרט פון איר אַלטער הויפּט־שטאָט פון באַנקירן, פּראָסטיטוטקעס, אויפצושטעלן די יסודות פון אַ גרויסער מוסטערהאַפטער קאָמונע, וואָס וועט ווי אַ עמוד־האש פונאַנדערלייכטן דעם וועג פאַרן פּראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער און ווערן דער פונק, דער ערשטער פאַקל פון דער וועלט־רעוואָלוציע. צי האָבן מיר דאָס רעכט אָפּצוזאָגן זיך פון דעם היסטאָרישן שליחות, וואָס ווערט דורך

דעם צופאַל גופא אונז אָנגעוואָרפן? חבר פּאָרזיצער, כ׳בעט דעם פּאָרשלאָג פון חבר קורא שטעלן צו דער אָפּשטימונג.

דער חבר געיאַרד האָט מיט אַ רויקער שטים אויסגע־רופן:

— חברים, כ׳שטעל צו דער אָפּשטימונג דעם פּאָרשלאָג פון די חברים קורא און מאַראַק. ווער איז — פּאַר? כ׳בעט אויפהייבן די האַנט.

ס׳האָבן זיך אויפגעהויבן צוועלף הענט.

דער חבר דיפּי האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען.

— דער פּאָרשלאַג פון חבר קורא איז אָנגענומען — האָט געיאַרד לאַקאָניש דערקלערט.

מ׳איז צוגעטרעטן צו די ווייטערדיקע פּונקטן פונם סדר־היום.

ערגעץ ווו דאָ אַהער פאַרבלאָנדזשעט, האָט אַ ברייטפּלייציקער יונגאַטש מיט אַ פּאַרריסענער נאָז געדוגערט:

— חברים! די חברים פון צ. ק. באַטראַכטן איצט די אופנים און מעגלעכקייטן, ווי אַזוי איינצוהאַלטן פּאַריז אין אונזערע הענט און די שטאָט מער נישט אָפּצוגעבן אין די הענט פון די בורזשויען און קאַפּיטאַליסטן. די עיקר זאָרג, חברים, איז — מיטן פּראָוויאַנט. מיילער צום שפּייזן, פאַרשטייט זיך, האָבן מיר צו אַלדי רוחות געגנוג, און מיטן פּראָוויאַנט, זאָגט מען, איז גאָר שלעכט. איך, חברים, האַלט, אַז די חברים פון צ. ק. דאַרפן זיך צוליב דעם נישט זאָרגן. מיר האָבן, חברים, פאַרשטייט זיך, געהונגערט פאַר די בורזשויען, פאַר זייער ריוח, וועלן מיר הונגערן אויך פאַר זיך, פאַר אונזער אייגענער אַרבעטער ראַטן-מאַכט, און פּאַריז וועלן מיר די בורזשויען נישט אָפּגעבן!

- ער רעדט גוט!

- נישט דערויף האָבן מיר די שטאָט באַקומען, אַז מיר זאָלן זי צוריק אָפּגעבן!

— און מיר וואָס? צוריק אין חד גדיא אַריין! נישטאָ קיין נאַראָנים! קלאָר — מיר וועלן איבערהאַלטן!

— פאַרן פאָלק איז הונגערן נישט קיין נייעס!

חברים, ראַטן־רוסלאַנד האָט אין רינג פון דער אימפּעריאַליסטישער בלאָקאַדע נאָך ערגער געהונגערט און דאָך איבערגעהאַלטן, זי האָט, פאַרשטייט זיך, אויפגעבויט די ערשטע סאָציאַליסטישע רעפּובליק. מיט וואָסזשע איז דער פּראָנצויזישער פּראָלעטאַריאַט ערגער פונם רוסישן?

— אַוודאי, אַלע האָבן דעם זעלבן מאָגן.

— און די קאָמונע האָט נישט געהונגערט? שטשורעס האָבן זיי געגעסן, און זיך נישט אונטערגעגעבן.

— אמת!

— וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן, חברים. מיר וועלן פאַרשטייט זיך איבערהאַלטן און פטור. אָט באַלד, ווי נאָר דער פּראָלעטאַריאַט פון פראַנקרייך וועט זיך דערוויסן, אַז מיר האַלטן

פּאַריז אין דער האַנט, וועט ער זיך אַ ריר־טון און קומען אונז צו הילף. אַ חודש, צי ס׳וועט אפילו אויסקומען צו וואַרטן אַ יאָר — מיר וועלן וואַרטן. דער פּראָוויאַנט, אויב מ׳וועט שפּאָרן, וועט ווי ס׳איז סטייען אויף אַ חודש, אָדער צוויי. אַז מ׳וועט דאַרפן — וועלן מיר לענגער אויך איבערהאַלטן. אין די עלעוואַטאָרס, חברים, האָב איך אַליין געזען, האָבן די בורזשויען פאַר אונז אוודאי באַהאַלטן אַ ביסעלע ווייץ. ווען מ׳זאָל אויסשפּעקולירן, צונעמען דעם ווייץ פון מויל און ווי ס׳איז דערציען ביז פרילינג, איז שוין שפּעטער אַ נאַרישקייט. אין שטאָט איז פאַראַן פרייער באָדן וויפיל מ׳וויל נאָר. די ערד גופא איז אויך נישט קיין שלעכטע. אויב מ׳זאָל אין פרילינג פאַרזייען ווייץ, וועלן מיר סוף זומער זיכער שוין האָבן תבואה פון נייעם שניט. נישט איין יאָר קאָן מען אויף אַזאַ אופן איבערהאַלטן. די בורזשויען וועלן אונז נישט רירן, — זיי וועלן מורא האָבן, און דערוויל וועלן מיר זיי דאָ פאַרקאָכן אַ קאַשע, אַז נישט עסנדיק זי, וועלן זיי שוין אַזוי אויך זאַט זיין. דער עיקר, חברים — איבערהאַלטן.

— מיר וועלן איבערהאַלטן, פאַרוואָס זאָלן מיר דאָס נישט איבערהאַלטן?

— מיר האָבן איבערגעהאַלטן די תפיסה־קעסט וועלן מיר אויך די אייגענע איבערהאַלטן.

— אומבאַדינגט, מיר וועלן איבערהאַלטן!

נישט צוליב דעם זענען אויסגעפּגרט די ערשטע בעלי־בתים, אַז מיר זאָלן איצט אַנדערע רופן!

דער חבר מאַזשוּאַ איז אַוועק פון פענצטער. צו זיינע אויערן האָט דערגרייכט די רויקע שטים פון חבר קוראַ:

— ...פאַר דער אינטערווענץ פון אייראָפּע היט אונז אַמ־זיכערסטן דער פאַנצער פון דער מגפה, קיין שום רענטגען־שטראַלן זענען פונדערוויטנס נישט ביכולת צו דערגיין צו די דזשומע האָט שוין אויפגעהערט אין פאַריז, אָדער צו זי בושע־וועט נאָך דאָרט ווי אַמאָל...

אויף גרופּן, אויף אַלע גרויסע פּלעצער פֿון פּאַריז אָנגעלייגט דיזיקע שייטערס פֿון מעבל און מאַקולאַטור, אויף וועלכע מ׳האָט צונויפגעלייגט די מתים. אויפֿן פֿערטן טאָג איז די אַרבעט שוין געווען פֿאַרענדיקט. די שייטערס האָט מען באַגאָסן מיט בענ־זין, נאַפֿט און אונטערגעצונדן.

דער טאָג איז געווען אָן אַ ווינטל און די נאָענטע הייזער האָט נישט געדראָט קיין שום געפֿאַר. דאָס פֿייער האָט מיט אַ שוואַרצן רויך־ספּיראַל געשלאָגן אין הימל, און דער אונטער־געצונדענער הימל, איז ווי אַ רויכנדיקער שטרוי־דאַך, אַראָפּגע־פֿאַלן און מיטן גרויען, האַריקן הוט צוגעדעקט די שטאָט.

דעם 8־טן סעפּטעמבער האָבן די צייטונגען פֿון דער גאַנ־צער וועלט מיטגעטיילט וועגן דער שרפֿה אין פּאַריז. די בערג אין פֿראַנקרייך זענען באַלאַגערט געוואָרן דורך מאַסן פֿראַנ־צויזן, וועלכע האָבן מיט די אייגענע אויגן געוואָלט זען די שרפֿה. אַ שוואַרצער רויך־זייל האָט אויף הונדערטער מעטער געשלאָגן אין הימל. דאָס איז געווען אַן אומפֿאַרגעסלעך בילד.

אַ מוטיקער פֿראַנצויזישער פֿליער, וואָס האָט אויף זיין אייגענער ריזיקע באַשלאָסן אַריבערצופֿליען איבער דעם ברע־נענדיקן פּאַריז, איז געצוווּנגען געווען זיך צוריק אומצוקערן אין די קנוילן בייסנדיקן רויך און האָט מער נישט געקאָנט זאָגן ווי נאָר, אַז פּאַריז ברענט פֿון איין עק ביזן צווייטן.

די ווייך־האַרציקע באָבע — אייראָפּע, האָט אין דעם טאָג מיט אמתע, נישט גליצערין־טרערן באַוויינט דעם גורל פֿון דער אומגליקלעכער שטאָט. די עלטערע הערן פֿון דער גאַנצער וועלט האָבן מיט צער דערמאָנט זייער יוגנט, „מולען־רוזש״, „מאַקסים״, מאַנעקינס און מידינעטקעס. גלחים האָבן אין די קירכעס נעפּל־דיק גערעדט וועגן גאָטס־שטראָף און האָבן גערופֿן תּשובה צו־טון. אין פּאַרלאַמענט איז דער גרויער, אומשטערבלעכער בריאַן אָנגעפֿאַלן אויף די קאָמוניסטן.

צומאָרגנס האָבן די אויפֿנעם־סטאַציעס נאָך אַ לאַנגער הפסקה אויפֿגעכאַפּט דעם ערשטן ראַדיאָ פֿון פּאַריז. די דעפּעשע

האָט מודיע געווען וועגן אַ שׂרפה, וועגן כּאַאָס און וועגן דער פאַרשטאַרקונג פון דער מגפה.

די געשעענישן פון די שפּעטערדיקע חדשים האָבן גורם געווען, אַז די אויפמערקזאַמקייט פון די פראַנצויזן איז אויף לאַנג אָפּגעווענדעט געוואָרן פון זייער אומגליקלעכער הויפּט-שטאָט, פון וואַנען די סיסטעמאַטיש-דערהאַלטענע ידיעות האָבן, ווי פריער איבערגעגעבן ווייניק דערפרייענדיקע נייעס.

אויסנוצנדיק די שווערע לאַגע פון פראַנקרייך, האָבן די דייטשן קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן די ווייטערדיקע ראַטעס לויטן דאַוועס-פּלאַן, אָנגעבנדיק אַלס סיבה זייערווירטשאַפטלעכן קריזיס. ס׳האָט אַ שמעק-געטון מיט מלחמה. די בורזשואַזע צייטונגען, מיט די סאָציאַליסטן בראש, האָבן גערופן צו אָקופּירן בערלין און זיך אָפּצורעכנען מיט דעם חוצפּהדיקן שכן. די מאַטראָזן פונם מיטללענדישן פלאָט האָבן אָפּגעענטפערט מיט אַ בונט און אַרויפגעצויגן אויפן מאַסט אַ רויטע פאָן. דער ליאָנער גאַרניזאָן האָט מיט זיי בפירוש סימפּאַטיזירט, דעמאָנסטרירנדיק צוזאַמען אין די אַרבעטער-רייען קעגן מלחמה.

די אויסערגעוויינלעכע זיצונג פון דער פעלקער-ליגע האָט פאַרשריבן צוויי וואַגאָנען פּאַפּיר, באַמיענדיק זיך פאַר יעדן פּרייז צו מילדערן דעם פאַרשאַרפטן קאָנפליקט. אונטערן דרוק פון די אַרבעטער-מאַסן איז די פראַנצויזישע רעגירונג געצוווּנגען געווען איינצוגיין אויף הנחות, וואָס האָבן פאַרגוואַלדיקט די בתולהשקייט פונם ווערסאַלער טראַקטאַט. די דירעקטע דראָונג פון אַ מלחמה האָט געשיינט צו זיין באַזייטיקט.

די פּאַריזער ראַדיאָ-סטאַנציע האָט ווי פריער אַלץ מודיע געווען וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער מגפה און וועגן די אומרוען, וואָס האָבן אויסגעבראָכן אין דער פאַרדזשומעטער שטאָט. לויט די לעצטע ידיעות זענען די מזרח-קוואַרטאַלן פון פּאַריז באַהערשט געוואָרן דורך אַ סעקטע אַנאַרכיסטן-ניהיליסטן, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל חרוב צו מאַכן די שטאָט. דריי רעגירונגס-פּליער, וועלכע האָבן געפּרוווט אַריבערצופליען איבער פּאַריז, זענען אַראָפּגעשלײדערט געוואָרן דורך די קויל

## III

אויפן פּלאַץ האָט נאָך אַלץ געזאָטן דער רוישיקער המון, בעת אין טיר פון מיניסטעריום האָבן זיך באַוויזן די ערשטע קאָמיטעט־מיטגלידער. עמעץ האָט אַ געשריי־געטון:

— זיי גייען!

דער המון איז שטיל געוואָרן, זיך אַ וואַקל־געטון, בעפּלאַצט מיט אַ זיג־זאַגיקע שפּאַרונע און, איינשלינגנדיק די מענטשן, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען פונם בנין, צוריק זיך הינטער זיי פאַרמאַכט. ווי רינגען אויפן וואַסער, אין וועלכן מ׳וואַרפט אַריין שטיינער, האָבן דורך אַ ווײַלע אויף דעם אָרט זיך געוויגט אינזעלעך פון קעפּ. באַלד האָבן די איינגעשלונגענע מענטשן אָנגעהויבן אייַנציקווייז אַרויסצושווימען אויף די ראַפּעס פון פּאָסטומענטן, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרט איבער דעם אויבערפלאַך פון די מאַסן. מ׳האָט נישט געהערט קיין ווערטער, בלויז שטאַרקע באַוועגונגען פון די הענט האָבן צעשניטן די לופט, אַזוי ווי צוועלף משוגענע דיריגענטן וואָלטן דאָס כאַאָטישע געשריי פון דעם פּילקוליקן ים באַגערט צוזאַמענצושטעלן אין איין האַרמאָנישער פּאַרטיציע.

אויפן פונדאַמענט פון דער סימבאָלישער שטראַסבורג־בתולה האָט גערעדט אַ ביינערדיקער מאַנספּערשוין, אויף וועמענס פּנים ס׳איז מיט גרויסע שווייס־טראָפּנס געפאַלן דער רעגן פון אַפּלאָדיסמענטן:

— אויפן אָרט פון דער דזשומע, וואָס האָט געזאָלט פאַר־

פלייצן די גאַנצע וועלט, און וואָס האָט נאָר אָפּגערייניקט דעם פּלאַץ פאַר אונזער בנין, וועלן מיר צעצונדן די גרויסע אידעען־מגפה, וואָס וועט מיט אַ ים פון אָפּרייניקעדיקן פייער זיך צעגיסן איבערן אַלטן קאָנטינענט און תוזקן פון די אַר־מייען, קאָרדאָנען און גרענעצן. פּאַריז, וואָס האָט די ערשטע געוויזן אייראָפּע אַ קאָמונע, וועט די ערשטע צעבלאָזן איר אָרדנונג אויף גאַנץ אייראָפּע!...

אויפגעיוירן דורך די הייוון פון ענטוזיאַזם, האָט דער המון אויסגעזאָגטן מיטן שטורמישן רעפריין פונם „אינטערנאַציאָ־נאַל". דער דאַרער, שטעכעדיקער מענטש, איז ווי אַ קאָרק, וואָס ווערט מיטגעריסן פון אַ שטראָם, אַרויפגעשווומען אויף די באַוועגטע פלייצעס און איז ערגעץ פאַרויס אַוועקגעטראָגן גע־וואָרן אָן אַ ציל.

די צעהוידעטע מענטשלעכע פּאַליעס האָבן זיך לאַנג אי־בערגעגאָסן איבער די בורטעס פון פלעצער און שפּאַרונגען פון געסלעך.

כּדי דעם באַגייסטערטן המון אַרויסצורייסן פונם צושטאַנד פון צעלאָזענעם ענטוזיאַזם און אַרויספירן אים אויף די וועגן פון קאָנקרעטער טאַט, האָט מען באַדאַרפט קודם כּל אויפצו־טרענען זיינע נעגט, צעפּערטלען אים מיט דער שער פון אָר־גאַניזאַציע.

ביז מיטאָג איז די צעגלידערטע מאַסע, וואָס איז אויפ־סניי צונויפגעשפּאַנט געוואָרן מיט קלאַמערן פון דיסציפּלין, שוין געווען אַ קראַפט־סיסטעם, אַ פּעיקע צו אַרבעט.

די ערשטע אויפגאַבע פונם מאָמענט איז געווען דאָס אָפּרייניקן די גאַסן פון די פוילנדיקע מתים, וואָס האָבן באַ־דראָט די שטאָט מיט אַ נייער פּאַליע פון אַ מגפה. וועגן פאַרברענען זיי אין די ענגע, פּראָוויזאָרישע קרעמאַטאָריומס האָט אפילו נישט געקאָנט זיין קיין רייד. מ'האָט באַשלאָסן צו פאַרברענען זיי אונטערן פרייען הימל.

אין משך פון דריי טעג האָט די דיסציפּלינירטע אַרמיי פון מענטשן מיט געגאָלטע קעפּ, וואָס איז צעטיילט געוואָרן

זייך אין די פֿאַבריקן אַריין געשווומען אויסגעדאַרטע, אָפּגע־ריסענע אַרבעטער.

אין צווייטן האַרבסט האָט לויט דער ריי דער זעקסאונ־פֿערציקסטער קאַבינעט גענומען זיך סטאַביליזירן דעם פֿראַנק. צוליב דער שלעכטער קאָניונקטור אין פֿראַנקרייך האָבן מענטשן אויפֿגעהערט צו קויפֿן אויטאָמאָבילן. די פֿאַבריקן האָט געדראָט פֿאַרמאַכט צו ווערן. אומעטום האָט מען ביז אַ העלפֿט רעדו־צירט דאָס פּערסאָנאַל. כּדי אויסצומיידן אומרוען, האָט מען דער־ווייטערט צו עטלעכע מענטשן, אין פֿאַרשידענע צייטן פֿון טאָג, אין פֿאַרשידענע אָפּטיילונגען. וועגן צוגעמען נייע האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד.

אין פּאַרלאַמענט האָט דער ווייס-האָריקער פּויל באָנקור רעפֿערירט דעם פּראָיעקט וועגן פֿאַרטאָפּלען די פּאָליציי־קאַדרעס.

אין אַ געוויסן שיינעם אויגוסט-אָוונט, ווען אויף די בין-השׁ־משׁותדיקע גאַסן פֿון ליאָן האָט זיך געוויגט דער צופּעליקער, נישט צונויפֿגעשפּילטער המון סטאַטיסטן, וואָס דער קאַליע-גע־וואָרענער פּראָיעקציאָנס־אַפּאַראַט פֿון אייראָפּע, האָט יעדן אָוונט אַרויסגעוואָרפֿן אויפֿן עקראַן פֿון די ליאָנער בולוואַרן, האָט ביים ראָג פֿון דער וויוויען-גאַס און מאָנמאַרטר-בולוואַר זשאַנעט דער־קלערט פּיערן, אַז זי מוז אומבאַדינגט האָבן אַ פּאָר באַל-פּאַנ־טאָפּעלן.

פון די וואָרשיינלעכע סעקטאַנטן. דער באַדויערלעכער אינצידענט האָט ביי דער רעגירונג ענדלעך אַוועקגענומען דעם חשק אַריינצומישן זיך אין די ענינים פון דער פּאַראַדזשומעטער שטאָט, וועלכע מ׳האָט איבערגעלאָזט איר קלאָגעדיקן גורל.

ס׳זענען פאַרביי חדשים. די לייכט-פאַרגעסנדיקע הפקר־פרוי — פראַנקרייך האָט פאַמעלעך שלום געמאַכט מיטן פאַרלוסט פון דער באַליבטער הויפּט-שטאָט. אָבער שווערער פאַר דעם דאָזיקן פאַרלוסט האָט זיך געלאָזט פילן דאָס פעלן פון טוריסטן, אָנגעשטאָפּטע מיט דאָלאַרן, וועלכע ס׳איז זייער שווער געווען צוריק אַריינצונאַרן. מ׳האָט באַדאַרפט פאַר יעדער פּרייז, ווי אַמשנעלסטן זיך באַזאָרגן מיט אַ נייער הויפּט-שטאָט, וואָס זאָל מיט איר קאָמפאָרט און פאַרשידנקייט פון די פּיקאַנטע רייצפולע זאַכן נישט זיין הינטערשטעליק לגבי דער פריערדיקער. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ ספּעציעל קאָנסאָרציום צום אויסברייטערן און עקספּלואַטירן ליאָן.

אויף ביידע זייטן פון די ליאָנער בולוואַרן האָבן בליץ־שנעל געקלעטערט צום הימל לוקסוסאַרטיקע, אַכטשטאָקיקע האָטעלן, ס׳זענען געעפנט געוואָרן טעאַטערן, דאַנסינגס און קאַבאַרעטן. ס׳זענען אויסגעוואַקסן לוקסוסאַרטיקע מענערשע און פרויאישע שאַנד-הייזער. פון אַלע ווינקלען פון פראַנקרייך האָט מען צונויפגעפירט היסטאָרישע חפצים.

די סענסאַציאָנעלע ידיעה וועגן דער נייער, פאַרבלענדנדיקער הויפּט־שטאָט האָט דער טעלעגראַף במשך פון איין אויגנבליק צעטרומייטערט אויף אַלע פיר עקן פון דער וועלט.

דאָס אויסערגעוויינטלעכע נייעס איז מיט פרייד אויפגענומען געוואָרן אויף דעם גאַנצן ערד-קויל, יעדע מלוכה האָט זיך געאיילט דער וואַקסנדיקער שטאָט צו שענקען איר צושטייער אין נאַטור.

פון דעם העפלעכן, פאַרבינדעטן — אַמעריקע, וואָס האָט לשם דער פּראָפּיטאַבלער טראַנזאַקציע גובר געווען אפילו דעם פחד פאַר דעם נאָך נישט ליקווידירטן צענטער פון דער מגפה, זענען טאָג איין טאָג אויס קיין פראַנקרייך אָפּגעשוווּמען

ריזיקע „מאַיעסטיק׳ס”, וואָס זענען אַזש ביזן שפּיץ פון העכסטן קוימען אָנגעלאָדן געוועזן מיט גאַנצע אַרמייען פון דזשאַז־באַנדס, גירלס, מעטר־ד׳האָטעלס, קעלנערס און פּיקאָלאָס. די מער מוטיקערע אַמעריקאַנער האָבן שוין געפּאַקט די וואַליזעס, כדי מיט דעם ערשטן קוק־אויספלוג, די ערשטע אַוועקצושטעלן דעם פוס אויף דעם צוריק דעראָבערטן צענטימעטער איראָפּע.

פון אַלע וועלט־עקן זענען אויף די סטענגעס פון שיפן אין אַ געפערלעכן געיעג צו די ברעגן פון ראָדאַן אָנגעפאָרן קאַקאָטעס, רייפוּוקעס און פּשוטע פּראָסטיטוטקעס, לעבעדיקע סחורה פון אַלע פעלקער און ראַסן, פאַר וועלכע די פראַנצויזישע רעגירונג איז געצוווּנגען געווען איינצופירן ספּעציעלע צוגן.

אין שאָטן פון די נייאינקע הייזער, פונקט ווי שוואָמען, וואָס וואַקסן אַרויס פון דער ערד, וואָס איז באַטויט געוואָרן דורך דעם שפּעדיקן רעגן פון דאָלאַרן, האָבן זיך באַוויזן די אומפאַרניכטבאַרע, בייכיקע האָטעל־אייגנטימער.

איבער דער גאַנצער שטאָט האָט זיך געטראָגן דער הילך פון די צוגעקלאַפּטע רעקלאַמעס און שילדן.

טאָג און נאַכט, פון גאַסן און געסלעך, האָבן אָן אויפהער שימערירט די אויפשריפטן פון די נאַכט־האָטעלעכלעך, וואָס האָבן געלאָקט די פאַרבייגייער. אין יענעם אָוונט, ווען אונטערן געבראַזג פון האַוואַיִשן אָרקעסטער, האָט צום ערשטן מאָל נאָך אַ לאַנגער הפסקה זיך אין ליאָן אָנגעהויבן דרייען, אין אירע אייביקע אומקרייזונגען, די ווידער אויפגעבויטע פייערדיקע ווינט־מיל „מולען־רוזש”, האָט גאַנץ איראָפּע אָפּגעטעמט מיט אַ פאַרלייכטערונג, גלייך ווי זי וואָלט באַגערט צו זאָגן: „און דאָך דרייט זי זיך”

מיט אַ פאַרלדיקן, צאַלץ אָפּוואַשנדיקן שטראָם, האָט דורך די רינשטאָקן פון נייעם מאָנמאַרטר אַ שווים־געטון שאַמפּאַניער, און פון די פּוסט־ווערנדיקע דערפער זענען מיט אַ שוואַרצן

## IV

גרויע לאָנדאָנער נעפּלען האָבן מיט פייכטע גיפט־גאַזן לייכט זיך פונאַנדערגעשפּרייט איבער אייראָפּע.

אין אָט די יאָרן האָבן די געלערטע פעסטגעשטעלט אַ בפירושע ענדערונג פונם אייראָפּעישן קלימאַט. ווינטער איז אין ניצע געלעגן אַ ווייכער שניי, און די פאַרחידושטע, בלוי־געוואָרענע פּאַלמעס מיט בלעטער פאַראָנדולירטע דורך פרעסטלעך, האָבן ווי אויסטערלישע פלאַכבּרוסטיקע „גאַרסאָנקעס“ באַלאַנסירט אין אַ געשפּענסטיקן טאַנגאָ.

אין לאָנדאָן איז, ווי שטענדיק געווען אַ נעפּל, בייטאָג האָבן אין נעפּל געלויכטן לאַמטערן און אין דער מוטנער, מילך־גאַלאַרעטע האָבן זיך דורכגעשלייכט אָנגעשפּיצטע מענטשן — בלינדע אונטערוואַסער־שיפלעך מיט אויסטערליש קורצע פּעריסקאָפּן פון ליולקעס.

די לאָנדאָנער איינוווינער האָבן, וואַרשיינלעך, אָנשטאָט לונגען — שוואָמען, כדי איינצוזאַפּן אין זיי דעם נעפּל און איינשליגנדיק, צוריק אַרויסצוזעטעמען, גלייך ווי פאַבריקן, וואָס עטעמען אַרויס דעם רויך דורך די שפּיציקע מאָרדעס פון די קוימענס.

מיטאָג־צייט האָבן אין נעפּל די צום הימל פאַרריסענע, שפּיציקע מיילער פון קוימענס דורכנעמענדיק געוואָיעט, ווי הינט, וואָס דערשנאַפּן אַ טויטן, און דאַמאָלס האָבן פון די פאַבריקן, ביוראָס, מלוכה־אַמטן, זיך אַרויסגעשיט מיליאָנען מענ־

טשלעכע שוואָמען — כדי איינצוזאַפּן דעם נעפּל, און אים אַרויס־צוטראָגן אין די זעקסשטאָקיקע מוראַזשניקעס פון צמטן און ביוראָס.

אין די פּאַרקן, ווי אין שוואַרצע קוילן־גרובנס, האָבן יעדן טאָג אין דער זעלבער צייט געהילכט בייכיקע שיפן, און אויף די שיפן זענען טראַנספּאָרטן זעלנער, באַאַמטע און פּשוטע בירגער פון דער בריטישער אימפּעריע אַוועקגעשווומען אין די ענגלישע קאָלאָניעס, כדי דאָרט, אונטער דעם הייסן אינדישן הימל, אַרויסצוטעטעמען פון זיך אַ ביסל נעפּל, וואָס וועט מיט אַ בלייערנער פייכטקייט זיך אויסשפּרייטן אויף דער ערד, ווייל פאַר אַ הינדוס, וואָס איז דורכגעברענט פון דער זון, זענען די לאָנדאָנער נעפּלען נאָך געפערלעכער פון גיפט־גאַזן.

דעם דאָזיקן זומער איז אין אייראָפּע אָן אויפהער געפאַלן אַ דראָבנער, שטעכעדיקער רעגן און אין אויגוסט האָט פון די ענגלישע ברעגן געשמעקט מיט נעפּל. דער נעפּל איז מיט אַ שווערן שלייער אריבערגעשווומען איבערן לאַ מאַנש, איינגעהילט די גרינע ברעגן פון נאָרמאַנדיע און אַוועקגעצויגן ווייטער, פאַרדעקנדיק קעגנשטאַנדן און שטעט מיט אַ גרויען, ווייכינקן זאַמש. די גרויע קנוילן האָבן איבער די ערד־פלאַכן זיך געוואַלגערט, ווי רויך. די געלערטע האָבן פאָרויסגעזאָגט אַ בלאָטיקן האַרבסט און ווייטער אָבער נישט געצויגן זייער נביאות, ווי ס'האָבן דאָס געטון די פויערים, וועלכע האָבן געדענקט, אַז דער רויך וואַלגערט זיך שטענדיק אויף דער ערד פאַר אַ שטורעם; זיי האָבן געמורמלט וועגן עפּעס אַן אומגליק.

אויפן לאַ מאַנש האָבן מיט אַ דויערנדיקן סירענע־געשריי גערופן די אין נעפּל פאַרבלאָנדזשעטע דאַמפערס.

אין דאָווי האָט דער נעפּל פון דער פליאַזשע אַראָפּגעבלאָזן די דאַטשניקעס, וואָס זענען געקומען געניסן פון דער זון, און דער ים האָט מיט תאוותדיקע צונגען געזשליוקעט דעם ווייסן זאַמד, ווי אויף אַ טעלער איבערגעלאָזענע, אָפּגעקילטע, צעריבענע קאַרטאָפל. אויף די טעראַסעס פון האָטעלן האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אָנגעבלאָזענע, גלייך ווי נישט אויסגעשלאָפענע

מענטשן, וואָס האָבן מיט פּלאַנעלענע שאַלן געהאַט אַרומגעוויקלט די העלזער.

אין די רעסטאָראַנען, אין די קאַפעען, אין די האָלעס פון האָטעלן האָט פון בּאַגינען אָן שוין געוואָיעט דער דזשאַז. די שלימזלדיקע האַלבּ-נאַקעטע דאַטשניצעס זענען בּאַגאָסן געוועזן מיט דעם געלן, טויטן ליכט פון זשיראַנדאָלן; אין די קליידער וואָס האָבן דערמאָנט בּאָד-קאָסטיומען, האָבן זיי געציטערט אין אַ תּענוגפולן פיבער, און ווי פּיאַווקעס זיך אָנגעקלעבּט אָן די בּרוסטן פון די זיך אָפּטרייסלענדיקע טויכער-טענצער.

בּאַגינען איז פונם גרויסן נעפּל-וואָלקן מיט אַ זיג-זאַג פון אַ בּליץ אַרויסגעשפּרונגען אַ שנעל-צוג און דורכן בּליץ-אָפּלייטער פון די שינעס אַראָפּגעפאַלן אויף דער סטאַציע. אויפן פּעראָן האָבן אים אָפּגעוואַרט צוויי הערן אין שוואַרצע צילינדערס, אַן ערך צוואָנציק שטיק פאָטאָגראַפן און אַן אימרוויקער המון זשורנאַליסטן. פונם וואַגאָן ערשטע קלאַס איז אַרויסגעקומען אַן אויסגעראַזירטער, גרוילעכער דזשענטלמען אין דער געזעלשאַפט פון עטלעכע יונגערע דזשענטלמענס. די הערן אין די צילינדערס האָבן צערעמאָניאַל זיך געאיילט אים מקבּל פּנים צו זיין. ס'האָבן זיך צעטיקעט אַפּאַראַטן. די הערן האָבן העפלעך אַראָפּגענומען די צילינדערס און אָנגעהויבּן רעדן אויף ענגליש. בּיים אַרויסגאַנג האָבן אָפּגעוואַרט צוויי אויטאָמאָבּילן, און די אויטאָמאָבּילן האָבן אונטער דער מאַסע פון די זיך אַוועקזעצנדיקע דזשענטלמענס, ליבּלעך זיך צעוויגט און אָפּגעשווומען אינם נעפּל. מיט די נאָענטסטע טאַקסיס זענען נאָך זיי נאָכגעפאָרן די רעפּאָרטערן, געלאָקטע דורך דער זיסער האָפנונג פון אַן אינטערוויו. דער געקומענער דזשענטלמען איז געוועזן דער ענגלישער פּרעמיער-מיניסטער.

אין אַ שעה אַרום איז אין דער האַלע פון האָטעל, וואָס איז בּאַלאַגערט געוועזן דורך די זשורנאַליסטן, אַראָפּגעקומען דעם פּרעמיערס סעקרעטאַר, אָנגעטון אין אַ מאָלעריש-דיסקרעטן פולאָווער און אין אַ לויזן ענגלישן אַנצוג; מיט אַ העפלעך פאַרלאַנגווייליקטער מינע האָט ער די צושטייענדיקע רעפּאָרטערן

דערקלערט, אַז דער פּרעמיער איז געקומען קיין דאָווי, נישט צוליב עפּעס פּאָליטישע אָנגעלעגנהייטן, נאָר בלויז כּדי אָפּצורוען נאָך דער שווערער מלוכה־אַרבעט, און אַז ער באַדויערט שטאַרק, וואָס ס'איז אַזאַ שלעכט וועטער.

די רעפּאָרטערן האָבן פּינקטלעך סטענאָגראַפירט. זיי האָבן אויסגעצייכנט געוווּסט, אַז ערשט נעכטן, איז קיין דאָווי פון ליאָן געקומען דער פראַנצויזישער פּרעמיער, וועלכן מ'האָט אָפּגעוואַרט אויפן וואָגזאַל, אָפּגעפירט אין דעם זעלבן האָטעל און זיי האָבן פון אים געהערט כּמעט דיזעלבע דערקלערונג. זיי האָבן אויך געוווּסט וועגן דעם, אַז מיט צוויי טעג צוריק איז מיטן צוג פון דער בעלגישער גרענעץ קיין דאָווי געקומען דער אַמבאַסאַדאָר פון דער * * מלוכה. הגם ס'האָט אים אויפן וואָגזאַל אָפּגעוואַרט נאָר בלויז איין הער אין אַ צילינדער און אויפן פּעראָן זענען נישט געווען קיין פאָטאָגראַפן און קיין זשורנאַליסטן.

פאַרשרייבנדיק פּינקטלעך די דערקלערונג פונם סעקרעטאַר, זענען זיי גלייך געלאָפן דעפּעשירן אין זייערע רעדאַקציעס די ידיעה וועגן דער וויכטיקער פּאָליטישער קאָנפערענץ פון די פאָרשטייער פון די דריי מלוכות. גלייך דערנאָך האָבן זיי זיך שנעל אומגעקערט, כּדי צו לויערן אויף די קאָנפערענדיקע דיפּלאָמאַטן.

אין משך פון גאַנצן פאָרמיטאָג זענען ביידע דיפּלאָמאַטן געווען אין זייערע אַפּאַרטאַמענטן. זיי האָבן זיך דאָרט אַהין געהייסן דערלאַנגען פרישטיק, וועלכעס זיי האָבן ביידע מיט אַפּעטיט אויפגעגעסן. אַרום פיר נאָכמיטאָג האָט אַ רעפּאָרטער, וואָס האָט זיך איבערגעטון פאַר אַ לאָקיי, באַמערקט, אַז דער ענגלישער פּרעמיער איז בכבודו ובעצמו געגאַנגען אין בית־הכסא, וווּ ער האָט זיך געזוימט אַ לענגערע צייט און דערנאָך זיך צוריק אומגעקערט אין זיין קאַבינעט.

ערשט אַרום זעקס אָוונט, צו דער פרייד פון אַלע רעפּאָרטערן, האָט דער פראַנצויזישער פּרעמיער אין דער געזעלשאַפט פונם סעקרעטאַר פאַרלאָזט זיינע אַפּאַרטאַמענטן אין

לינקן פליגל פון האָטעל און אָן שום קונצן גלייך אוועק אויפן
רעכטן פליגל, אין די אַפּאַרטאַמענטן פונם ענגלישן פּרעמיער.
אויף זיין געזיכט, הגם די זשורנאַליסטן האָבן אָנגעשפּיזט די
אויגן, איז אוממעגלעך געווען צו באַמערקן עפּעס אַ באַ־
שטימטן אויסדרוק. איין רעפּאָרטער האָט בלויז באַמערקט, אַז
פאַרבייגייענדיק געבן זיין פּאָרטיער, האָט דער פּרעמיער אונ־
טערגעפּייפט אַ פּאָפּולער לידל.

די וויזיט האָט זיך פאַרצויגן. דריי מאָל האָט אַ רעפּאָר־
טער, וואָס איז איבערגעטון געווען פאַר אַ קעלנער, אינם אַפּאַר־
טאַמענט נומ. 6 דערלאַנגט וויין און לאַנג, אָן שום גערויש זיך
געפּאָרעט אַרום די גלעזער. דורך דער גאַנצער צייט פון זיין
אָנוועזנהייט האָבן ביידע דיפּלאָמאַטן הויפטזעכלעך גערעדט
וועגן וועטער, זיי האָבן זיך געקלאָגט אויף דעם שלעכטן גע־
רעטעניש אין לאַנד, זיי האָבן אויך געשמועסט מכּוח די לעצטע
פערד־געיעגן אין אוּעמבליי. דער רעפּאָרטער האָט גאָרנישט
אויפגעטון, נאָר ביים אונטערהערן האָט ער בלויז צוליב קנאַ־
פער פּראַקטיק אַראָפּגעלאָזט אַ גלאָז,

אַרום אַכט אָוונט האָט מען געשיקט נאָך עמעצן. אין צען
מינוט אַרום האָט אין דער טיר פונם אַפּאַרטאַמענט נומער 6
אָנגעקלאַפּט דער אַמבאַסאַדאָר פון דער * * מלוכה. זיין אויס־
זען איז געווען אַריסטאָקראַטיש און *סטיליזירט אָפּגעלאָזן,
דער פונקטלעכער שרינט צווישן די שיטערע בינטלעך האָר איז
אים אַראָפּגעלאָפן ביזן סאַמע קאָלנער.

מ׳האָט נאָכאַמאָל דערלאַנגט וויין. דאָס געשפּרעך איז גע־
פירט געוואָרן אין ענגליש. מ׳האָט גערעדט וועגן די מעלות פון
פאַרשידענע מינים ציגאַרן. דער פאָרשטייער פון דער * * מלוכה
האָט אַ צעטראָגענער אָפּגעשאָקלט שטויבלעך פון אַרבל.

די זשורנאַליסטן האָבן הינטער די פּאָרטיערן אומגעדול־
דיק געעפנט און פאַרמאַכט די פאָטאָגראַפישע קעשענע־אַפּאַראַטן.
זיי האָבן פאַר יעדן פּרייז געוואָלט פאַראייביקן די פּנימער פון
די דיפּלאָמאַטן, וועלכע האָבן באַדאַרפט אַרויסקומען נאָך דער
קאָנפערענץ, און זיי האָבן זיך דענערווירט, אַז דער היסטאָרי־

שער דאָקומענט קאָן לייכט פאַרלוירן גיין צוליב דעם שוואַכן ליכט אין די קאָרידאָרן.

ענדלעך האָט אַרום ניין זיך געעפנט די טיר פונם אַפּאַרטאַמענט נומ. 6 און ס'איז אַרויסגעגאַנגען דער אַמבאַסאַדאָר פון דער * * מלוכה, וועלכער האָט נאַכלעסיק צורעכט געמאַכט זיינע זויבערע, שנייאיקע מאַנזשעטן. זיין פנים, ווי ס'פּאַסט פאַר פנימער פון דיפּלאָמאַטן, האָט נישט געהאַט קיין שום אויסדרוק. דער אַמבאַסאַדאָר פון דער * * מלוכה איז מיט דער ווינדע אַוועק אין זיין אַפּאַרטאַמענט.

ערשט אין אַ גוטע האַלבע שעה אַרום נאָך זיין אַוועקגיין האָט אין דער טיר פונם אַפּאַרטאַמענט נומ. 6 זיך באַוויזן דער פראַנצויזישער פּרעמיער, וועלכער איז באַגלייט געוואָרן ביז צו דער טיר דורך זיין ענגלישן קאָלעגע. דאָס פנים איז אים געווען לייכט אָנגעבלאָזן און ראָזאַ, ווי ביי מענטשן, וואָס האָבן זיך אָנגערויכערט מיט ציגאַרן. אַ טייל פון די ווינציקער דערפאַרענע רעפּאָרטערן האָבן דאָס אָנגענומען פאַר אַ סימן פון אויפגערעגטקייט. צום באַדויערן האָט דאָס לייכט פונם קאָרידאָר זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט גענוגנדיק; די פלייסיקע רעפּאָרטערן איז משמעות נישט באַשערט געווען צו פאַראייביקן ווי געהעריק פאַר די קומענדיקע דורות דעם אויסדרוק פון די פנימער, וואָס די דיפּלאָמאַטן האָבן געהאַט אין יענעם וויכטיקן אָוונט.

נאָך דעם ווי זיי האָבן באַגלייט דעם פראַנצויזישן פּרעמיער אין זיינע אַפּאַרטאַמענטן, האָבן זיך די זשורנאַליסטן פונאַנדערגעשיט: אַ טייל אויף דער פּאָסט, אַנדערע ווידער אין אַ רעסטאָראַן — פאַלמעסן די ווינער־שניצל און שרייבן אַרטיקלען, אַנדערע גאָר אויף אַ דאַנסינג — אויסגלייכן די פיס נאָך דעם אַרבעטסזאַמען טאָג. ביידע פּרעמיערס האָבן משלח געווען די דינערשאַפט און אַמוואַרשיינלעכסטן זיך געלייגט שלאָפן. דער פּאָליטישער טאָג האָט זיך פאַרענדיקט. ביז צומאָרגנס האָט שוין קיין שום אינטערעסאַנטעס נישט געקאָנט פאָרקומען. דער לעצ

טער רעפּאָרטער, וואָס האָט צומאָרגנס, פון פאַרטאָג אָן געוואָלט זיין דער ערשטער אויף דער וואַך, האָט פאַרלאָזט דעם האָטעל.

אַ שאָד. ווען ער וואָלט געווען צוגעוואַרט ביז צוועלף, וואָלט ער זיכער געווען באַמערקט אַ גענויג וויכטיקע זאַך. צען מינוט פאַר צוועלף, איז פאַרן טויער פונם האָטעל פאַרפאָרן אַן אויטאָמאָביל. פון די שטיגן איז אַראָפּגעגאַנגען דער אַמבאַסאַדאָר פון דער * * מלוכה; פאַר אים איז געגאַנגען אַ באָי, וואָס האָט געטראָגן* אַ וואַליזע. דער אַמבאַסאַדאָר און די וואַליזע זענען פאַרשוווּנדן אין די טירלעך פון אויטאָמאָביל. דער אויטאָ איז אָפּגעפאָרן אין דער ריכטונג פון וואַגזאַל.

# V

אין אַ וואָך אַרום, איז אין די מאָרגן־צייטונגען צום ערשטן מאָל פּערוקט אין אַ ווינקל מיט באַנפּערצל אויפֿגעשווומען דער נאָמען פֿון דער * * מלוכה. סוף וואָך האָט דער * * ענין בליץ־שנעל זיך אויפֿגעהויבן, ווי קוועקזילבער אין די *רערלעך פֿון שפּאַלטן, אויסגעפֿולט גאַנצע זייטן און צוגעקראָכן ביז צו די קעפּ. די ידיעות זענען וואָס אַמאָל געוואָרן קאָנקרעטער.

אויף דער טעריטאָריע פֿון דער * * מלוכה האָט זיך פֿלוצלינג, אומבאַוווּסט פֿונוואַנען באַוויזן *אַ נייער, אויף שנעל פּרעפּאַרירטער אַטאַמאַן, וועלכער האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַן אָנגריף אויף אוקראַינע, מיטן ציל זי צו באַפֿרייען פֿון דעם באָלשעוויסטישן יאָך . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

ס'איז פֿאַרגעקומען אַן אויסטויש פֿון שאַרפֿע אולטימאַטומס.

אין דעם טאָג האָט אין ליאָן פֿון באַגינען אָן געבלאָזן אַ שטאַרקער צפֿון־מערבֿדיקער ווינט, און אויפֿן ווינט האָבן די אויסגעדריוולטע נעפּל־שמאַטעס געפֿלאַטערט, ווי נאַסע וועש, צעהאָנגען אויף נישט זעבאַרע שטריק. דער ווינט האָט זיך מיט רוגזא געיאָגט איבער די גאַסן און אומגעוואָרפֿן די נישט פֿאַרזיכטיקע פֿאַרבייגייער. אין דער לופֿט זענען, ווי שווערע פֿייגל, געפֿלויגן קאַפּעליושן און נאָך זיי זענען אין מאָדנע אונטערשפּרונגען, ווי גומענע באַלעמס, נאָכגעלאָפֿן די אָנקעפּיקע מענטשן.

אַרום זעקס אָוונט זענען אויף די גאַסן דערשינען ספּעציעלע צייטונגס־אויסגאַבן, אויף די גאַסן־קרייצונגען האָבן די פֿאַרבייגייער זיך געדרייט, ווי זשוקעס און צוגעהאַלטן די פֿלאַכטעס, וואָס האָבן זיך זיי אַרויסגעריסן פֿון די הענט. אונטער דער נישט דורכדרינגלעכער נעץ פֿון נעפּל, האָבן מענטשן, ווי געפֿאַנגענע שמעטערלינגען, אומגעלומפּערט געפֿלאַטערט מיט די צעשפּרייטע פֿליגל פֿון צייטונגען.

הינטער די דיקע שויבן פֿון די קאַפֿעען האָבן די אויסגעפּאַשעטע שטאַם־געסט געשפּילט אין פּרעפֿעראַנס און צוקלויבנדיק מיט חשיבֿות די פֿאַרב פֿון די קאָרטן האָבן זיי אין די הערצער פֿון רויט געשליידערט די שאַרפֿע פּיקעס פֿון פּיק.

— וויזע.

— נו ביטע.

— און מיר וועלן אים דערלאַנגען מיט טרומף.

— יאָ מ'סיע, דאָס זענען נישט קיין וויצן. די באַנדיטן

האָבן פּראָוואָצירט דאָס * * מיליטער אַריבערצוגיין זייער גרע־נעץ. זיי באַדראָען בפירוש די גאַנצקייט פון אונזער טרייען פאַרבינדעטן * *. פראַנקרייך וועט די פּראָוואָקאַציע נישט פאַר־טראָגן.

— פּאַס.

— אָבער נאָך ווי!

— מיר וועלן אונזערע * * פריינד שיקן מיליטער און אַמוניציע. מיר וועלן אויסראָטן די באָלשעוויקעס

— און מיר וועלן אים פאַרפאָרן מיט רויט! יאָ מ׳סיע, נאָר אויף אַזאַ אופן קאָנען מיר אין אייראָפּע ענדלעך איינפירן די אַלטע, פאַרמלחמהדיקע אָרדנונג. איך האָב עס שטענדיק געזאָגט מיין דעפּוטאַט זשיליע. מיר וועלן קיינמאָל נישט מאַכן קיין סוף צום יקרות, אויב מיר וועלן פריער נישט מאַכן קיין סוף מיט די סאָוויעטן.

— דאַמע פּיק.

אין דרויסן האָט געיאָגט אַ ווינט, געפּאַטשט די דיקע שויבן, זיך אַרויפגעשלאָגן אינדערהייך, געמאַכט קאָזשעלקעס איבער דעכער, פאַרפּלאָנטערט זיך אין שפּינוועבס פון אַנטע־נעס, זיך אַרויסבאַקומען פון זיי און געאיילט ווייטער. די צע־הוידעטע אַנטענעס האָבן קלאָגנדיק לאַנג געברומט.

אינם אינדוסטריעלן קלוב, האָבן דעם אָוונט, ווי שטענדיק, די געסט געשפּילט אין באַקאַראַט און אין בופעט, קייענדיק פּאַמעלעך, געשמאַק געגעסן די מיט ווייסן ווייַן באַשפּריצטע פעטע, פּאָרטוגעזישע פיש. אינם רויכער־זאַל, אין די באַקוועמע, לעדערנע פאָטעלן האָבן הערן אין סמאָקינגס גערויכערט ציגאַרן, פּאַפּיראָסן און לעבהאַפטיק געשמועסט צווישן זיך.

דעמאָלט איז דער פאַרוואַלטער אַריינגעקומען מיט צוויי לאָקייען, וועלכע האָבן געטראָגן אַ לאַנגע מגילה. נאָכדעם, ווי מ׳האָט די מגילה אויפגעוויקלט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס

איז אַ מאַפּע פון אייראָפּע. די לאָקייען האָבן זי אויפגעהאָנגען אויף דער וואַנט.

דער פּאַרוואַלטער האָט זיך געווענדט צו די גרויל־בעבע הערן, וואָס זענען באַקוועם צעלייגט געווען אויף דער קאַנאַפּע און מיט אַ שמייכל זיי דערקלערט:

— ווען ס'מאַכט זיך אַ מלחמה — האָט איר ליב אונטער דער האַנט צו האָבן אַ מאַפּע. בעת דער לעצטער מלחמה האָט מען זעקס מאָל געמוזט בייטן די מאַפּע. מ'האָט זי אינגאַנצן צעלעכערט מיט שפּילקעס.

די הערן האָבן אין אַ ראָד אַרומגערינגלט די מאַפּע.

אין ווינקל אויף דער קאַנאַפּע האָט אַ פּליכצוואַטער חברה־מאַן אין אַ מאָנאָקל געזאָגט צום גרויען הער מיט די באַקנבערד.

— ווי מען שמועסט, איז אַן עסקאַרד פונם ענגלישן קריגס־פלאָט אָפּגעשוומען אין דער ריכטונג פון פּעטערסבורג?...

דער הער אין די באַקנבערד האָט זיך פּאַרטרוילעך אָנגע־בויגן צו זיין שכן:

— מיין פריינד, דער סעקרעטאַר פונם אינערן־מיניסטער־יום, האָט מיר נעכטן געזאָגט — פאַרשטייט זיך בשתיקה, אַז די רעגירונג פּלאַנט מאָרגן צו פּראָקלאַמירן אַ מאָביליזאַציע, ס'שאַפט זיך אַ קאָאַליציע פון דער גאַנצער קולטורעלער וועלט. אַ מין נייער קרייץ־צוג קעגן די אויסוווּרפן, די קאָמוניסטן. אין משך פון דריי וואָכן וועלן די קאָמוניסטן ווערן אַראָפּגע־שווענקט און אין רוסלאַנד וועט צוריק זיך אומקערן די לעגאַ־לע מאַכט. אין לאָנדאָן האָט זיך בהסכם מיט דער ענגלישער און פראַנצויזישער רעגירונג שוין געשאַפן אַ צייטווייליקע רע־גירונג פון וויכטיקע פּערזענלעכקייטן פון דער רוסישער עמי־גראַציע. מ'זאָגט אַפילו, אַז... — דער הער מיט די באַקנבערד האָט זיך נידעריקער אָנגעבויגן און פאַרענדיקט שוין מיט אַ נישט דערהערבאַרן שעפּטשען.

— וואָס זאָגט איר! — האָט זיך דער פּליכצוואַטער פאַר־אינטערעסירט. — יאָ, דאָס איז זייער קלוג. אגב, האָב איך שוין

לאַנג געהאַט די זעלבע מיינונג. די פראַנצויזישע אינדוסטריע וועט קיינמאָל נישט פּטור ווערן פון דעם פערמענט, כּל זמן דאָרט, אויפן מזרח וועלן עקזיסטירן די סאָוויעטן. דאָס ליקווידירן די סאָוויעטן־רעגירונג, דאָס איינפירן אַן אָרדנונג אין רוסלאַנד איז אַ דעצידירנדיקער קלאַפּ פאַר אונזער היימישן קאָמוניזם, דאָס איז אַ זיג אויף אונזער אינערלעכן אינדוסטריע־פּראָנ ט אין זיין נאָמען וועט דאָס גאַנצע מישובדיקע פראַנקרייך נישט אָפּשרעקן זיך פאַר קיין שום קרבנות...

אין דרויסן, אויף די פוכט־געוואָרענע גאַסן האָט דער ווינט זיך געלאָזט אין געיעג מיט אַן איינזאַמען מאָטאָציקל און מיט ריזיקע פליטערס פון אַ געשפּענכטיקן שניי האָבן אין ווינט געווירבלט די שטיקער פון ספּעציעלע צייטונגס־אויסגאַבן. אויף די גאַסן־ראָגן האָבן, ווי געשפּענסטער אין שוואַרצע צעראטענע הוטן, אומגעלומפּערט געטאַנצט די פּאָליציאַנטן.

אין דער דרוקערײַ פון דער אַרבעטער־צייטונג האָט דאָס עלעקטרישע לעמפּל העל געפלאַמט, די לינאָטיפּן האָבן געקלאַפּט און די אויסגעשמירטע זעצערס האָבן, ווי וווּנדערלעכע ווירטואָזן מיט פּאַרמאָזאָליעטע הענט, מיט אַ צעשיטן פינגער־טאַבון געאיילט איבער די קליינינקע ברוקשטיינער פון די קלאַוויש. די הייבערס זענען ריטמיש דאָ אונטערגעשפּרונגען, דאָ צוריק אַראָפּגעפאַלן און די פאַרגאַפטע אותיות, ווי זעלנער פלוצלינג צונויפגערופענע צום ראַפּאָרט, האָבן זיך בליץ־שנעל אויסגעשטעלט אין אַ ריי. שפּעטער האָבן די אותיות, ווי שווימערס פונם שפּרונג־ברעט זיך געוואָרפן צעזאַפּ, אינם באַסיין מיט פליסיקן בליי, כּדי אין אַ רגע אַרום ־ויסצושווימען פון דאָרט מיט אַ באַהאָפטענער ליניע פון אַ שורה:

„הייגט צוועלף בייטאָג איז דער ערשטער טראַנס־
ווידער יאָגט איין אות דאָס צווייטע, כּדי צעגליט אינם
לויף, אין אַ רגע צערום אויפצוטויכן מיט אַ נייער, פֿלאַנקער
שורה:

פאַרט געווער און אַמוניציע, אַרויסגעשיקט פון ליאָן קיין ***
און ווייטער:

„80 קילאָמעטער פאַר דער דייטשער גרענעץ גע־בליבן שטעקן צוליב דעם אַלגעמיינעם שטרייק פון די באַן־אַרבעטער, וועלכע האָבן אָפּגעזאָגט דורכצולאָזן יעדן טראַנספּאָרט, וואָס איז באַשטימט צום קאַמף מיטן ראַטן־פאַרבאַנד".

פונקט.

— וווילע חברה! — צעשמייכלט זיך דער זעצער.

די פינגער לויפן ווידער איבער די טרעפּלעך פון די קלאַווישן. איינס נאָכן צווייטן, ווי אַן אַקראָבאַט, דראַפּען זיך די אותיות אַרויף אויף די שטריק, אויף די רושטאָוואַניעס פון דעם הייבער, כדי אין אַ רגע אַרום זיך צו וואַרפן מיטן קאָפּ אַראָפּ אין דעם זידנדיקן באַסיין און אַרויסצושווימען פון דאָרט אין אַ נייער, נישט איבערגעריסענער קייט פון אַ שורה:

„3 אַ זייגער נאָכמיטאָג האָט אויף דער גאַס זיך באַוויזן אַ דעקרעט וועגן מאָביליזירן די אייזן־באַנען."

און באַלד די ווייטערדיקע:

„דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די פאַראייניקטע פראָ־פעסיאָנעלע פאַריינען האָט אויף מאָרגן פּראָקלאַמירט אַ גענעראַל־שטרייק."

— חבר, זעצט אויס מיט ציצעראָ דעם אויפרוף פונם צ. ק. פון דער פּאַרטיי צו די אַרבעטער־מאַסן.

די קלאַווישן קלאַפּן ווידער:

„חברים! די בורזשואַזע פראַנצויזישע רעגירונג איז אונטער דעם דיקטאַט פון די ענגלישע קאַפּיטאַליסטן..."

ביים אריינגאַנג אין דער דרוקעריי האָט זיך דערהערט אַ טומל פון קולות, אַ געטופּעריי פון פיס און אַ קלינג פון ביקסן. אויף די שטיגן, וואָס האָבן געפירט אַראָפּ אונטן, האָט זיך אַ ראָיע־געטון מיט גראַנאַטענע מענטשן.

פּאָליציי. —

פאַרנאַכט־צו האָבן זיך אויף די מויערן פון הייזער באַ־

ווייזן רויטע פלעקן פון פלאַקאַטן: אַן אויפרוף פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי צו די אַרבעטער און זעלנער.

אַרום זיבן זענען אויף די בולוואַרן פון אַלע אייראָפּעישע שטעט דערשינען נייע, ספּעציעלע צייטונגס־אויסגאַבן, וואָס האָבן געבראַכט אַ סענסאַציאָנעלע ידיעה.

אַן ענגלישער אַעראָפּלאַן איז אויפן וועג פון לאָנדאָן קיין ליאָן פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין די געדיכטע נעפּלען איבערן לאַ מאַנש. און פאַרלירנדיק די ריכטונג, האָט ער אומגעריכט זיך געפינען איבער פּאַריז; דורך עפּעס אַ נס איז ער ניצל געוואָרן פון דער שיסעריי און האָט, טראָץ אַ צובראָכענעם פליגל באַוויזן גליקלעך אַראָפּצולאָזן זיך אויף דער צווייטער זייט קאָרדאָן

דאָס, וואָס דער ענגלישער פליער האָט געזען און דער־ציילט, איז געווען אַזוי אומגלויבלעך, אַזוי פאַנטאַסטיש, אַז אפילו די ווייניק־באַשיידענע בולוואַר־פּרעסע האָט זיינע ידיעות איבערגעגעבן מיט גרויסן רעזערוו.

ווענדיק זיך איבערצייגן, ווו ער געפינט זיך, איז דער פליער געפלויגן קוים הונדערט מעטער איבער דער ערד. בעת ער האָט זיך אָריענטירט, אַז ער געפינט זיך איבער פּאַריז, איז שוין געווען צו שפּעט: די נייגעריקייט האָט אין אים גובר גע־ווען די שרעק.

ער איז געפלויגן אין דער ריכטונג פונם בולאָנער וועלדל. אַ דאַנק דעם דרומדיקן ווינט, וואָס האָט פונאַנדערגעטראָגן דעם נעפּל איבער דער שטאָט, האָט ער אַלץ געקאָנט זען, ווי אויף דער האַנט. דאָס פּאַריז, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זיינע אויגן, איז לחלוטין נישט געווען פאַרברענט, די געביי־דעס, פּאַלאַצן און מאָנומענטן — אַלץ איז באַשיינפּערלעך גע־שטאַנען אויף זייערע ערטער, אָבער דאָך האָבן זיך אומעטום געלאָזט באַמערקן שינוים, וואָס האָבן פשוט געשלאָגן אין די אויגן. די ערשטע זאַך, וואָס דער פליער האָט באַמערקט, איז געווען די אומגעהייערע צאָל מאַסט־בוימער פון דער ראַדיאָ־סטאַציע, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן איבער דער שטאָט. די אַנטענע־דראָטן, וואָס זענען צעהאָנגען געווען אין דער אומ־

ענדלעכקייט, האָבן אין אַלע ריכטונגען איבערגעשניטן די לופט־אויסמײַידנדיק דעם טריומף־בויגן, איז דער פּילאָט געפֿלויגן ווייטער, אין דער לענג פֿון די עליזעאישע פֿעלדער. דאָס, וואָס ער האָט דאָ געזען, איז שוין אַריבער אַלע גרענעצן פֿון וואָר שיינלעכקייט.

דאָרט, ווו ס'האָט אַמאָל מיט אַן אומענדלעכער טאָפּל פֿון אויסגעגליטשטן אַספֿאַלט זיך אויסגעשפּרייט דער שלום־פּלאַץ, פֿון דער מאַדעלאָן ביזן פּאַרלאַמענט און פֿון די עליזעאישע פֿעלדער ביז טיולערי, האָט איצט אונטערן לייכטן געפּלאַטער פֿון דרום־ווינטל זיך געכוואַליעט אַ פֿליין צייטיקע, תּבֿואה. די דאָזיקע תּבֿואה האָבן געשניטן שנייד־מאַשינען, וואָס זענען געפֿירט געוואָרן דורך ברייטפּלייציקע, אָפּגעברענטע מענטשן אין ווייסע העמדער. מענער און פֿרויען, אין די זעלבע לייכטע שניטער־קליידער, האָבן די פּאַרטיקע גאַרבן פֿלינק אַרויפֿדערלאַנגט אויף די וואַרטנדיקע לאַסט־אויטאָמאָבילן. ווו ניט ווו אויבן ראַנד פֿונם אָפּגעשניטענעם פֿעלד האָבן, רוענדיקע פֿרויען געזויגן קליינטשיקע קינדער.

באַמערקנדיק דעם אַנפֿליענדיקן אַעראָפּלאַן, האָבן די שניטער איבערגעריסן די אַרבעט, און פֿאַררייסנדיק די קעפּ האָבן זיי אין אויפֿרעגונג געמאַכט מיט די הענט.

פֿליענדיק ווייטער איבער דעם טילערישן פּאַרק, האָט דער פּילאָט אינעווייניק באַמערקט אַ קאָלאָניע, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ פּאָר טויזנט שפּילנדיקע קינדער, אין די זעלבע קליידלעך, פּאַרטוכלעך און קליינינקע, רויטע היטעלעך וואָס זענען ענלעך געווען צו אַ מאָן־פֿעלד, וואָס געפֿינט זיך אין שכנות פֿון אַ ווייץ־פֿעלד.

דאָרט, ווו ס'האָט זיך אַמאָל געצויגן דער לוקסעמבורגער גאָרטן, האָט איצט מיט בייטן קאַלאַפּיאָרן און מיטן פֿאַרביקן שאַך־ברעט פֿון פֿאַרזייטע ערד־שטיקלעך, אין דער זון זיך געוויסט, אַ ריזיקער גאָרטן פֿון גרינוואַרג.

דער פּילאָט איז אַזוי איבעראַשט געוועזן פֿון דעם, וואָס ער האָט דאָ דערזען, אַז ער האָט רעזיגנירט פֿון די ווייטער־

דיקע אָבסערוואַציעס, אין קווער דורכגעשניטן די שטאָט, כּדי וואָס שנעלער איבערצוגעבן דער מאַכט וועגן זיין אַנטדעקונג.

איבער דער סעקוואַנע, אויפן אָרט ווו די אונטערערדבאַן־בריק לויפט איבער איר דורך אין דער לופט מיט אַ געפערלעכן שפרונג, האָט ער אויפן וויאַדוקט באַמערקט אַ לויפנדיקן צוג, וואָס איז באַשטאַנען פון פראַכט-וואַגאָנעס, אָנגעלאָדענע מיט עפּעס אַ מאַטעריאַל. קיין מענטשן האָט מען כּמעט נישט געזען אויף די גאַסן נאָר אויף די פעלדער און גערטנער. בלויז די פאַבריקס־קוימענס, וואָס האָבן זיך געצויגן צום הימל מיט אַ שמאָלן רויך־זייל, האָבן עדות געזאָגט דערויף, אַז ס׳פּולסירט דאָ אַן אַלגעמיינע, אָנגעשטרענגטע אַרבעט.

דורכפליענדיק איבער די דרום-קוואַרטאַלן, איז דער פּי-לאָט שטאַרק באַשאָסן געוואָרן און דאָס האָט אים געצווינגען זיך אויפצוהייבן אויף אַ באַדייטנדער הייך. בלויז אַ דאַנק זיינע געשיקטע עוואָלוציעס איז אים געלונגען צו אַנטלויפן אָן אַ גרעסערער באַשעדיקונג.

דער פּילאָט האָט דערציילט, אַז פּאַריז איז אַרומגערינגלט מיט שטאַרקע פאָרטן, און ער האָט געשווירן, אַז ער האָט אויף די פאָרטן געזען שווערע האַרמאַטן.

די אומגלויבלעכע דערציילונג פונם פּילאָט האָט דער ראַדיאָ אין זעלבן טאָג פונאַנדערגעטראָגן איבער דער גאַנצער ערד־קויל.

פאַרנאַכט-צו זענען אין גאַנץ פראַנקרייך די סענסאַציע פון טאָג געווען די געהיימניספולע מענטשן, וואָס זאַמלען צונויף תּבואה אויפן שלום-פלאַץ און געבוירן גאַנצע מחנות קינדער. אין אַלע ליאָנער קאַבאַרעטן האָט מען וועגן זיי געזינגען אויס-געלאַסענע לידלעך.

## VI

די געשעענישן פֿונם צווייטן טאָג זענען שוין פֿאָרגעקומען מיט אַ באמת מוראדיקער שנעלקייט.

צען אינדערפֿרי איז אין ליאָן דערשינען אַ דעקרעט וועגן אַן אַלגעמיינער מאָביליזאַציע. טראָץ דעם אויסנאַם־צושטאַנד און דעם פֿאַרבאָט זיך צונויפֿצוזאַמלען, זענען די גאַסן פֿול געווען מיט אַן אויפֿגעבראַוזטן המון, וואָס האָט זיך פֿאָרמירט אין דעמאָנסטראַציעס מיט פֿײַנטלעכע אויסרופֿן קעגן מלחמה. די אויפֿשנעל־אָרגאַניזירטע פּאַטריאָטיש־פֿאַשיסטישע מיליץ האָט זיך באַמיט צו העלפֿן דער פּאָליצײַ צו האַלטן די שטאָט אין צוים פֿון געהאָרכזאַמקייט. די סטאַדעסווייז צונויפֿגעטריבענע רעזערוויסטן האָבן דורכגעשניטן די גאַסן מיטן געזאַנג פֿונם „אינטערנאַציאָנאַל”. דרײַ פּאַנצער־שיפֿן, וואָס זענען געשטאַנען אין טולאָן, זענען אונטער רויטע פֿלאַגן אַרויסגעשווומען אויפֿן ים. אין דער שטאָט האָט געהערשט אַ כאַאָס און אומרו. אַ פֿולק, וואָס האָט באַקומען אַ באַפֿעל אַרויסצומאַרשירן, האָט זיך פֿאַרבאַריקאַדירט אין דער קאַזאַרמע און פֿון די פֿענסטער אַרויסגעהאָנגען רויטע טיכלעך.

צוועלף בײַטאָג האָבן די צײַטונגען געמאָלדן, אַז דער ענגלישער קריגס־פֿלאָט איז אָפּגעשווומען אין דער ריכטונג פֿון לענינגראַד. די דײַטשע רעגירונג האָט דערקלערט, אַז אין דעם אויסגעבראָכענעם קאָנפֿליקט וועט זי זיך האַלטן שטרענג נייטראַל.

די אָוונטיקע צײַטונגס־אויסגאַבן זענען צוליב דעם גענע־

ראַל־שטרייק אין גאַנצן אייראָפּע שוין נישט דערשינען. די צע־היצטע מאַסן, דורשטיקע נאָך ידיעות, האָבן אַרום אַכט אין אָוונט אָנגעהויבן באַלאַגערן די גאַסן־ראַדיאָס פון האַנדלס־הייזער, פּאָרטן, רעדאַקציעס, און אָפּגעוואַרט די לעצטע דעפּעשן. פּונקטלעך דריי פערטל אויף אַכט האָבן די ראַדיאָ־טובעס אויס־געהוסט די ערשטע רעגולאַציע־סיגנאַלן פון די דערוואַרטעטע סטאַציעס.

אָט דעמאָלט האָט זיך אומגעריכט, דורך דעם מינאָרנעם אַקאָמפּאַניאַמענט פון די גלייכמעסיק געציילטע ציפערן, דערהערט אַ מעכטיקע שטים, גלייך ווי אַ שאַל פון מעשענע טרומייטן, וואָס צעהילכט זיך פלוצלינג אין אַ שטיל־שפּילנדיקן פידל־אָרקעסטער.

— האַלאָ! האַלאָ! ס׳רעדט פּאַריז!

די ווערטער זענען געווען אַזוי אומגעריכט, אַז די צע־רייצטע מאַסן האָבן זיך צעווײַגט און אַנטשוויגן געוואָרן, נישט ־יענדיק זיכער, צי זיי זענען נישט אַמאָל געפאַלן אַלס קרבן פון זייער אייגענעם שלעכטן געהער.

דורך אַ ווײַלע האָט מען אין דער טובע געהערט בלויז אַ נישט דײַטלעכן עכאָ, וואָס האָט צוגעצײַלט: „אַכט, ניין, צען...״ די פון דערוואַרטונג צעהיצטע מאַסן האָבן זיך נאָענטער אָנגעבויגן. דעמאָלט האָט דורכן קלאַנג פון די אָפּגעציילטע ציפערן צום צווייטן מאָל זיך דערהערט אַן אָפּהילכנדיקער, מעטאַלענער באַס:

— האַלאָ! ס׳רעדט פּאַריז!

איצטער האָט שוין נישט געקאָנט זיין קיין ספק. דרענגנדיק־און שטויסנדיק האָט די מאַסע מיט נייגעריקייט זיך גע־שטופּט צו די טובעס. דער אַקאָמפּאַניאַמענט איז שטיל געבליבן. אין אַ רגע אַרום האָט די זעבע שטים זיך אָנגערופן צום דריטן מאָל:

— ס׳רעדט פּאַריז;

נאָך די אומגלויבלעכע רעוועלאַציעס פונם ענגלישן פּליער האָט דאָס יעקלונגען, ווי אַ שליס, צו אַ באַאומרויקנדיקן רע־

טעניש. אין אַ רגע אַרום האָט זיך אויפסנײַ דערהערט די שטאַרקע און באַטויבנדע שטים:

— ס׳רעדט פּאַריז! אינם איצטיקן מאָמענט פאַרמאָגט די שטאָט פּאַריז זיבן, במשך פון די לעצטע צוויי יאָר, אויפגעבויטע ראַדיאָ־סטאַנציעס און יעדע איינע האָט 500 קילאָוואַט מיטעלע קראַפט. מיר האָבן אונזערע מאַשינען אָנגעשטעלט אויף דער לענג פון די כוואַליעס פון אַלע פּאָפּולערע קאָנטינענט־סטאַנציעס. בעת מיר פאַרבינדן זיך מיט וועלכער ס׳איז נאָר פון זיי, מוזט איר אומפאַרמיידלעך הערן אונזער שטים, וואָס איז פיל שטאַרקער, ווי די קראַפט פון זייערע אַנטענעס...

די ווערטער זענען שטיל געוואָרן. דורך אַ ווייל האָט זיך געלאָזט הערן די שטים פון דער פּאַרטויבטער סטאַנציע, וואָס האָט אין אַ לאַקאָנישער טעלעגראַמע מיטגעטיילט וועגן אַ מלחמה, וואָס יאַפּאַן האָט אָנגעהויבן מיט די סאָוויעטן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט די זעלבע שטים ווידער אַלץ פאַרהילכט;

— אַרבעטער! זעלנער! פּויערים! ס׳רעדט צו אייך די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג פון פּאַריז. פּאַריז, וועלכעס איר האָט באַטראַכט פאַר אויסגעשטאָרבן — לעבט. די ידיעות, וואָס האָבן צו אייך דערגרייכט מכּוח דער הערשנדיקער מגפה — זענען שקר. די מגפה האָט זיך נאָך געענדיקט מיט צוויי יאָר צוריק. ס׳איז פון איר ניצול געוואָרן בלויז דער פיל טויזנטיקער פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז בעת די מאַי־רדיפות אַרײַנגעזעצט געוואָרן אין די תּפיסות. אויף די חורבות פונם אַלטן פּאַריז האָט דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז ניצול געוואָרן אַ דאַנק דער איזאָלאַציע אין די תּפיסות, במשך פון די צוויי יאָר אויפגעבויט אַ נײַ פּאַריז, — אַ פרײַע אַרבעטער־קאָמונע.

וועלנדיק זיך אײַנבערען... צײַ... האָבן מיר אָנגעהויבן...

דורך דעם פאַרפּלאָנטערטן שפּינוועבס פון ווערטער האָבן זיך מיטאַמאָל דורכגעריסן לוסטיקע אַקאָרדן פון אַ פּאַרטעפּיאַן:

...מאַדעליין, מאַדעליין!
האָב רחמנות, גלייב מיין געוויין!

כ'האָב פאַרבלאָנדזשעט אונטער דיין קליידל,
ס'ווייזט נאָר ווו בלויז גאָט אַליין —
אין דער געדיכטקייט פון דיינע שפּיצן
שפּרינג איך, ווי אַ זשוק אין ברומען
און דעם וועג, דעם גוט־באַקאַנטן,
קאָן איך צוריק שוין נישט געפינען!
אַך, העלף מיר, העלף מיר מאַדעליין...

האָט מיט אַ טענאָר געקלאָגט די פאַרטויבטע סטאַציע.

— ... די אימפּעריאַליסטישע מלחמה, וואָס איז דורך אייערע בורזשואַזנע רעגירונגען פּראָוואָצירט געוואָרן קעגן דער ערשטער אַרבעטער און פּויערים־רעגירונג פון דער וועלט, קעגן דעם פאַרבאַנד פון די סאָציאַליסטישע ראַטן־רעפּובליקן און וואָס איז מיט איר שאַרף געווענדט קעגן דער ברוסט פונם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער, צווינגט אונז צום ערשטן מאָל איבערצורייסן די קייט פון דער קינסטלעכער אי־אָלירונג אין זיך צו ווענדן... דירע...

...כ'אייל אומזיסט זיך אַלץ צום ציל,
כ'קלאַפּ, האַק און ווער שוין מיד.
עפן, עפן מיר די טיר,
מאַדעליין, כ'קלאַפּ ביי דיר!...

האָט געשריגן דער פאַרעקשנטער טענאָר.

— ס'רעדט דאָס אַרבעטער־פּאַריז. אַרבעטער! פּויערים! אונטערדריקטע פעלקער! די מלחמה מיט זסרר איז אַ מלחמה קעגן אייך, דאָס איז אַ מלחמה קעגן אונזער קאָמונע, וועלכע איר וועט פאַרטיידיקן אַלס אינטערנאַציאָנאַלן רעוואָלוציאָנערן פאָרט אינם ים פון קאַפּיטאַליסטישן אייראָפּע. אַלע צום געווער! אַלע אויף דער זייט פונם רעוואָלוציאָנערן פּאַריז! פאַר אַ באַלד... של... מיטן פאַרבאַ...
...מאַדע.יין, מאַדע יין,